עס גיעבט קיין נאציאן אויף דער וועלט, וועלכע זאל ניט טהייער האלטען איהרע טראדיציאנען (מסורות), קיין אומה ולשון גיעבט, וועלכע זאל ניט זאמלען איהר אלטערטהום, צום איביגען אנדענקען, און נאך טהייערער פאר גאלד און דימאנטען, האלטען אלע נאציאנען זייערע אלטערהימער (מסורות) אונטער אייזערנע טיהרען אין ארכיוועז און ביבלאטעקען, וויל די טראדיציאנען זאגען אויס דעם כאראקטער פון איהר פאלק, איהר לעבען פון פערצייטען, און איהר פראגרעס אין איהר צוקונפט, אויך איהרע צרות און לײדען, איהר אונטערדריקונג און פייניגונג, ווי אויך איהרע פריידען. די אלע טראדיציאנען זיינען די מוטערס, וועלכע האבען געבארען די היסטאריעס פון איהר פאלק, און פון זיי אלע בילדעט זיך אויס די אלגעמיינע וועלט געשיכטע, אין אלע צייטען, הן אין רעליגיאן, הן אין איהר מאראל, און הן אין איהר קאמפף פאר עקזיסטענץ, און אזוי ווי דער אנדענקען פון א טרייע ליעבע טויטע מוטער איז טהייער אלעם וואס מען קען נור פון איהר געדענקען, איהרע מוסר'דיגע רייד, איהרע שעהנע לעגענדען, איהר הומאריסטיקע, זאגאר איהר געזאנג מיט וועלכע נגונים זי האט איהר קינד פאר וויעגט, ווער רעדט נאך ווען עס בלייבט דאס קינד א אנדענקען פון זיין ליעבע טויטע מוטער א זאך וואס מען קען נאך אין האנד האלטען, ווי איהר רינגעלע וואס זי האט א מאהל אויף איהר פינגער געטראגען, זאגאר ווען איהר קינד זאל ברויט פעהלען, קיין נאכט ניט האבען וואו איבער צונעכטיגען, וועט דאס קינד ניט אבגעבען דיעזע ירושה פון זיין מאמען אפילו פאר ברויט צום שטילען דעם הונגער. ווער קען נאך מעהר בעגרייפען ווען יעמאנד געפינט א שריפט וואס א מאל האט

זײַן פֿאָטער אָדער מוטער געשריבען, דאַן װעט ער דאָס געשריפֿט פֿאַר מיליאָנען ניט אָבגעבען, און װי די ליעבע צו געשטאָרבענע עלטערען איז שטאַרק, אַזוי איז נאָך שטאַרקער די ליעבע צו אַ גאַנצע פֿאָלק, װעלכע די אַלטע צײַטען פֿון דאָס פֿאָלק זײַנען אָבגעשטאָרבענע, װאָס נור עס בלײַבט פֿון זײ איבער פֿאַר זײערע קינדער איז יעדע זאַך אַ רײַכטהום, אַ אונשאָטצבאַרער אײגענס.

דאָך זײַנען ניט גלײַך די אַלע טראַדיציאָנען פֿון די אַלטע פֿעלקער, געגען די מסורות פֿון אונזער פֿאָלק ישראל. דען אַלע נאַציאָנען קענען נור טהײַער און הײליג האַלטען דעם פּראָגרעס פֿון זײער נאַציאָן, װען זײער פֿאָלק האָט זיך אָנגעפֿאַנגען צו ענטװיקלען אין צװיליזאַציאָן, אָבער די טראַדיציאָנען פֿון זײערע אורפֿאָטערס װען זײ זײַנען נאָך געזעסען אין די װעלדער אַלס רויבערבאַנדעס מיט זײערע אַטאַמאַנען, און האָבען דאָך אויך איבער געלאָזען פֿאַר זײערע קינדער געװיסע מסורות פֿון רויב און מאָרד, אַזעלכע אַלטע טראַדיציאָנען װילען זײערע קינדער ניט געדענקען און לאָזען דאָס דורכפֿאַלען פֿון זײער היסטאָריע. נור דורך די ליעבע צו טראַדיציאָנען פֿון די מעהרערע פֿעלקער װעלכע האָבען דאָך געװאָלט צײַגען די װעלט אַז זײ פֿערמאָגען געװיסע שעהנע און ערהאַבענדע מסורות, האָבען זײ זיך אָנגעטשעפּעט און צוגעטוליעט צו אונזערע אידישע הײליגע טראַדיציאָנען, װעלכע צײַט אברהם אבינו ע״ה האָט ערקענט די גאָטהײַט פֿערשטענדליך, און איז אַרויס אין קאַמפּף געגען די געטטערלעהרע (מיטאָלאָגיע) פֿון די בבלים און פֿון די מצריים, װאָס פֿון איהם אָן רעכענען מיר זיך אַלעס די ערהאַבענדע מאָראַלישע פֿאָלק ישראל, האָבען זיך די אַלע כריסטען-פֿעלקער װי אויך די מחמעדאַנער, צוגערוקט נאָהענט צו אונז, און יעדע פֿאָלק האָט אַרײַנגעשאָקעלט אַ פּרק היסטאָריע פֿון אונזערע אָבות מיט זײער ערהאַבענע לעהרע בײַ זיך אין זײערע היסטאָרישע טראַדיציאָנען, און די אַלטע פֿעלקער װעלכע האָבען זיך ניט געחאַפּט צו אַזאַ שכל און זײַנען פֿערבליעבען בײַ זײערע אַלטע אונמאָראַלישע מסורות, די זײַנען אונטער געגאַנגען פֿון דער װעלט, זײ מיט זײערע טראַדיציאָנען צו זאַמען, און עס איז קײן זכר געבליבען פֿון אשור, בבל, פלשתים, און נאָך אַנדערע.

זעלבסט פֿערשטענדיג, אַז אונזערע אידישע מסורות זײַנען די ערהאַבענדסטע און די רײַכסטע פֿון אַלע טראַדיציאָנען פֿון דער װעלט, ערשטענס האָבען מיר

איהר אָבגעהיט בעסער פון אַלע פעלקער, ווייל מיר זיינען פון אימער אָן געווען דער עם הספר, די פען צום שרייבען האָבען מיר פון אימער געהאַט, און דאָס בעשטעטיגט אויך די אַלגעמיינע וועלט-היסטאָריע. פון אברהם אָבינו אָן האָבען מיר געקליבען מסורה צו מסורה, און משה רבינו ע"ה האָט דאָס בקבלה איבער געגעבען צו די צוועלף שבטים ביז בית ראשון און בית שני, און די אנשי כנסת הגדולה די האָבען זיך איבערגעגעבען איין פּאַרטיאַ חכמים צו זייערע נאָכפאָלגער ביז עס איז צו אונז געקומען, און ווען מיר האָבען אונזער לאַנד פערלאָרען און אַרום געוואַנדערט פון פאָלק צו פאָלק, האָבען מיר נור אונזערע מאַטעריאַלישע זייטע פערלאָרען אָבער ניט אונזערע טראַדיציאָנען, ווייל אויסער אונזער תורה מיט איהרע מסורות איז אונז גאָר נישט געבליבען. נור זיי זיינען אונזערע לעבענס-אַטהעם, און אָהן זיי קענען מיר אפילו היינטיגען טאָג ניט לעבען. און אַזוי ווי דער לאַנגער פינסטערער גלות מיט די צוויי טויזענד יאָהריגער פערפאָלגונג, מיט די רייבעריי און רציחות פון די באַרבאַרישע אַלטע פעלקער וואָס האָבען נימאַלס אויפגעהערט אונז אויסצוטהיילען געברענגטע ליידען, דאָס אַלעס האָט אונז צו געגעבען נאָך מעהרערע מסורות אין פערשיעדענע אַרטען. אַנדערע טרויעריגע, קלאָגענדע, תעניתים'דיגע, צום אַנדענקען פון אונזערע וועהטאָגען און טרויער זיפצען, ווי אויך אַנדערע פון פריידע, ווען גאָט האָט אונז געראַטעט פון געוויסע יודענפרעסער, האָבען מיר דיעזע טעג פאַר פריידענטעג געמאַכט. און אַזוי האָבען מיר אין אונזערע געבעטע אַריינגעשטעלט צום אָנדענקען טרויעריגע סליחות, ווי אויך לויב-געזאָנגע אַל"ס יום טוב, מנהגים אין פאַסטען תעניתים, מנהגים פון ימים טובים, הן וועלכע זיינען מן התורה, און הן וועלכע די צייט האָט זיי פאַר אונז געבראַכט, מנהגים אין אַלטעגליכען דאַווגען, מנהגים אין אונזערע אַלגעמיינעם הויזליכען לעבען, ווי אויך טהרת המשפחה וואָס מיר דאַרפען דאָס היטען נאָך בעסער פאַר אונזער קערפערליכען לעבען, ווייל דיעזעס אַלעס הייסט אויסער מן התורה אויך די היילינגע מסורה, וועלכע נור אַט די טראַדיציאָנען זיינען אונז פערבליבען אַלעס אונזער אייגענס צוזאַמען מיט אונזער תורה, מנהגים פון ברית מילה, אויך מנהגים פון חתונה האָבען, און ווען חלילה מיר זאָלען פאַרליהרען דיעזע אַלע מנהגים, דאַן ווערען מיר פערטרונקען אין דעם

גרויסען ים פון אנדערע נאַציאָנען און מיר מיט אונזער עוויגען קאמפף מיט אונזער אייגענס וואָס דאָס איז ניט מעהר ווי אונזער תורה מיט איהרע טראַדיציאָנען, מנהגים, וועלען מיר אַריינפאַלען אין דעם אָבגרונדליכען ים פון אַסימילאַציאָן, און אויף עוויג קענען מיר חלילה געהן פערלאָרען.

ספעציעל ביי דיעזע צייט, וואָס אידען האָבען אָנגעפאַנגען נאָך צו קרימען די פרעמדע פעלקער און בעסער אַריינצונעמען זייערע מנהגים ביי אונז, און אונזערע צו פערוואַרפען הינטער זיך, און פערגעסען אז שוין צוויי טויזענד יאָהר ווי מיר זיינען פערמישט צווישען פרעמדע נאַציאָנען, און דאָך געסענדיג פון איין כלי אין די צווייטע האָט נאָך קיין טראָפען ניט אַרויסגערונען פון אונזער אַלטערטהום, ביז דיעזע צייט וואָס אונזערע מסורות פאַנגען זיך אָן צו פאַרגעסען איבער דעם וואָס מיר נעמען אָן די מנהגים פון אַנדערע נאַציאָנען. אויך איז די סבה וואָס די גאַנצע מסורה מיט אַלע מנהגים זיינען געווען אימער אויף די העברעאישע שפּראַך געשריבען, און ווען אונזער רעליגיאָן האָט עקזיסטירט מיט איהר פולען קראַפט, האָבען אונזערע די ניט געלעהרטע געפרעגט און געפאָלגט די געלעהרטע פון זייער דור, וועלכע האָבען די טראַדיציאָנען געקענט פון די לשון קודש'דיגע שפּראַך, אָבער יעצט ווען די העברעאיש ווערט שוואַך, און די אידישע מאַסע זיינען נור לעזער אין זשאַרגאָן, און נאָך אין די צייט וואָס אונזער פאָלק ווערען ווי מאַנקעס (אַבוזיאַנען) נאָך צוקרימען דעם ניט-איד, מיינענדיג אז אונזערע מנהגים זיינען אַלטע פערשימעלטע אָן א טעם און אָן א ריח, נור זייערע איז שעהן, און חלילה ווען די אידישע מאַסע זאָל ניט דורכשטודירען אין זייער מוטער שפּראַך אונזערע אידישע מנהגים און זיך איבערציינען וויסענשאַפטליך דאָס יעדער מנהג האָט א מקור א אורקוואַל פון דעם אידישען לעבען און עס איז היסטאָריש געפלאָכטען פון קרעכצען, זיפצען, טרערען, וויטאָגען, ווי אויך ליכטיגע שטראַהלען לאַנג אַרויס געשיינטע, און וועלכע וועלען נאָך אַרויס שיינען, און עס שמעקען ראָזען, עס דופטען בלומען אין דעם אידישען גאָרטען, און עס לויינט ניט צו אַוועקגעבען אונזער אייגענס וואָס די מאַמע „כנסת ישראל" האָט אונז אַמאָל פערצייטען געשאָנקען, צו די גוים, אַוועקצוואַרפען די מאַמעס גאָלדען רינג אין שמוטץ, און פערבייטען אויף די מנהגים פון ווילד פרעמדע, אַזעלכעס טוהען נור שופטען

ניט ווירדיגע אָהנעֶ עֶהרעֶן געֶפֿיהל, און אָהן זעֶלבסטפֿערשטענדיגקייט.

דאַרום אֵיידעֶר מיין פֿאָלק וויל אַליין מיט א בלאָז פֿון זיין אֵייגעֶנעֶ מויל אויסלעֶשעֶן זיין אֵייגעֶנעֶ ליכט, פֿון אונזעֶר טראַדיציאָן, האָב איך זיך בעֶראַטהען מיט די געֶלעֶהרטעֶ פֿון אונזער דור צו איבערזעֶטצעֶן אין אונזער מוטער־שפראַך מיין טראַדיציאָנעֶן־העֶבראֶאישעֶס ווערק „מנהגי ישרון", אום די אידישעֶ מאַסעֶ זאָל איהם לעֶזעֶן און פֿעֶרשטעֶהן זיין גרויס ווערטה, הן אין מיסעֶנ־שאַפֿט, און הן אַלעֶס עֶווינער אַנדעֶנקעֶן פֿון אונזער טויזענדער יאָהריגעֶס פֿאָלק. אין דיזעֶן ווערק פֿעֶהלט קיין זאַך ניט. יעֶדעֶר אֵיינער וואָס וועֶט איהם האָבעֶן אין זיין הויז האָט ער דעֶם גאַנצעֶן אוצר פֿון אונזער עֶוויגעֶן יודעֶנטהום, אויסעֶר שאלות און דין תורות וואָס עֶס קומט פֿאַר פֿאַר אַיין רב פֿון יורה דעה און חושן משפט, האָט יעֶדעֶרעֶר אין דיזעֶן ספר אַלעֶס ביי זיך אין הויז צו פסק'ענעֶן פֿאַר זיך אַליין, דאָס וואָס איז איהם נויטיג צו ברכות, תפלות, אבלות, קדיש, מנהגים פֿון דאַוונעֶן פֿון דער וואָך, פֿון שבת, פֿון יום טוב, פֿון ראש השנה, יום כפור, חנוכה, פורים, חתונה, ברית'ן, קידוש, הבדלה, אַלעֶ מנהגים פֿאַר וואָס יעֶדעֶ זאַך איז, יעֶדעֶ אורקוואַל, יעֶדעֶ היסטאָריעֶ אַלעֶס ניט אַבערגלויביש, נור וויסענשאַפֿטליך עֶרקלעֶהרט מיט א לייכטעֶ שפּראַך, ניט דורך געֶלאָזעֶן קיין מנהג ישראל, אויך ניט קיין נאָכגעֶקרימטעֶ און איבעֶר געֶניצעֶוועֶטעֶ און אַרויסגעֶ'גנב'עֶטעֶ, ווי עֶס האָבעֶן זיך געֶפֿונעֶן אין אונזער צייט אַזעֶלכעֶ וועֶלכעֶ האָבעֶן פֿון מיין ספר אַרויסגעֶ־נומעֶן און איבעֶרגעֶניצעֶוועֶט און האָבעֶן דאָס אין העֶבראֶאיש געֶדרוקט אויף זייער אֵייגענעֶם נאָמען, נור מיין ספר איז געֶנוג אַלט און געֶנוג ריכטיג, זאָ ווי די גרעֶסטעֶ גאונים פֿון דער וועֶלט זאָגעֶן עֶדות אויף מיין אַרבייט, ווי די לעֶזער וועֶלעֶן געֶפֿינעֶן אין די הסכמות. ווי הרב הגאון ר' יצחק אלחנן ז"ל פֿון קאָוונאָ, הרה"ג ר' שלמה הכהן דער ווילנער רב, הרה"ג אלכסנדר משה הרב דראָסיין, און ר' ליבעֶלעֶ חסיד פֿון קעֶלעֶם, הרב ר' צדוק הכהן רב דפֿאַריז, ר' קלמן שולמן דער גרויסעֶר משכיל, ווי נאָך אַנדעֶרעֶ. וועֶלכעֶ איבעֶרצייגעֶן דאָס איך האָב יאָהרעֶן און יאָהרעֶן אויף געֶקליבעֶן דעֶם גרויסעֶן אוצר ישראל, אויסעֶר וואָס איך אַליין האָב עֶרקלעֶהרט פֿיעלעֶ טעמים און מנהגים, וועֶלכעֶ איך גיעב איהם אַוועֶק פֿאַר מיין פֿאָלק מיט א פֿולעֶן האַנד. היטעֶט מיין פֿאָלק אונזער גאַנצעֶן אוצר די תורה הקדושה מיט אָט די מסורה וועֶלכעֶ

איך גיעבּ עָס אַייך אָבּ, דעָן מעָהר ניט ווי דאָס איז אונזעָר פֿעָרמעָגעָן. איהר דאַרפֿט ניט פֿעָרגעָסעָן אַז אַזאַ ווירדיגעָן וויכטיגעָן ספר ווי דעָר, איז נאָך אין מאַמעָ לשון ביז יעָצט ניט געָוועָן, איך קעָן מיט שטאָלץ זאָגעָן אז איך בין דעָר עָרשטעָר צו בּעָשאַפֿעָן אין יודיש אַזאַ שאַטץ. די בּעָלאָהנונג פֿאַר מיין גוטעָ אַרבּייט פֿיר מיין פֿאָלק איז מיינעָ האָפֿנונג, צו קעָנעָן קירצליך הערויסגעָבּעָן מיין וויכטיגעָן ספר „בית אברהם", וועָלכעָר איז אויף מאמרי חז"ל (די שפּריכעָ און זאַגעָ פֿון גמרא), די לעָזעָר וועָרדעָן דורך דעָם ספר „בית אברהם" דייטליך פֿעָרשטעָהן די טיעָפֿזיניגעָ רייד פֿון די בעלי התלמוד. דעָרווייַלעָ האַלט דעָם ספר און ניצט איהם געָזונדעָרהייט ווי עָס ווינשט אייך דעָר

מחבר.

# סימן א

### וואָרוּם דאַווענען מיר אין לשון קודש דוקא און נישט אין אַ אַנדער שפּראַך?

אָבוואָהל דער דין זאָגט אַז עס איז ערלויבט צו דאַווענען אויף אַלע שפּראַך, ווי עס ציינט פון (סוטה ל"ב, ברכות מ' ומסכת סופרים פרק י"ח הלכה ד'), אַז זייער זיינען פערפליכטעט צו דאַווענען און בענטשען נאָך דעם עסען עבּינוּא ווי מענער, און ווען זיי פערשטעהען נישט קיין לשון קודש, האָבען זיי דאָס רעכט צו בעטען גאָט אויף וועלכע שפּראַך זיי פערשטעהען), דאָך האָבען מתקן געווען די גאוני בבל צו דאַווענען נור אין לשון קודש, ווען זאָגאַר דער דאַווענער פערשטעהט נישט קיין לשון קודש, איבער פאָלגענדע ערקלערונגען: ערשטענס, ווען יעמאַנד וועט דאַווענען אין אַ אַנדער שפּראַך, קען ער לייכט אַ טעות האָבען נעטענדיג אַ געבעט בוך פון אַ אַנדער רעליגיאָן, און זעהענדיג דאָס מאַנכע פרעמדע געבעטע זיינען ענהליך צו די תפלות ישראל, וועט ער שוין נישט אונטער שיידען אויך אויף די וויטערדיגע געבעטע, און חלילה קען איהם אויסקומען צו בעטען צו אַ אַנדער גאָט. צווייטענס, וועלען דייטשעסע יהודים, וועלכע וועלען דאַווענען אויף דייטש, מיט פראַנצויזישע יהודים וועלכע וועלען דאַווענען אויף פראַנצויזישע שפּראַך, ווי אויך רוסישע יהודים אָדער ענגלישע יהודים וועלכע וועלען דאַווענען לויט זייער לאַנדשפּראַכע, נימאַלס וועלען דיזע אַלע קענען צו זאַמען בעטען דעם גאָט פון ישראל. און אויסער וואָס יעדער פרעמו׳ער איד איז אָן לשון קודש עלענד אין אַ פרעמדע לאַנד, איז נאָך ערגער וואָס ער וועט זיך נישט קענען צוטולען צו זיין פאָלק זאָגאַר אין שוהל, ווען ער וועט קומען אויס גיעסען זיין האַרץ פאַר גאָט, און דאָס קאָן ברייגנען צו אַ פערניכטונג פאַר דעם גאַנצען כלל ישראל, און דער פסוק זאָגט: ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ דיין פאָלק מוז זיין איין פאָלק, און אַ פאָלק קען נישט עקזיסטירען ווען זי האָט נישט איין שפּראַך וועלכע בינדעט אַלעמען צו זאַמען, דאַרום מוזען מיר דאַווענען אַלע אין לשון קודש, וועלכע נור די איין שפּראַך בינדעט צוזאַמען אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט. דריטענס, ווייל דאָס מעהרערע פון אונזערע געבעט, בעשטעהען אויף די צרות פון אונזער לאַנגען, פינסטערען גלות, און מיר בעקלאָגען זיך פאַר גאָט אויף אונזערע געברענטע ליידען וואָס פרעמדע נאַציאָנען האָבען אונז פערשאַפט, און אַנדערע נאַציאָנען וועלכע האָבען נישט געליטען ווי דער גלות איד, ווען זיי וועלען לעזען אַ אידישען געבעט־בוך וועלכער איז אויס געווייקט

פון טרערען, און ניט וויסענדיג די אידישע היסטאריע, וועלען מיר זיין ביי זיי צו וואונדער, און ווען אונזערע תפלות דריקען אוים מאנכעס מאל א פלוך אויף די אלטע געוועזענע פעלקער, וועלכע האבען פעראורזאכט אונז אונגליק און פערניכטונג, וועלען זיי דענקען דאס מיר מיינען די יעצטיגע צוויליזירטע נאציאנען, וועלכע זיינען פריינדליך מיט אונז, און דאס קאן אונז בריינגען מעהר שאדען אלעס נוטצען. פירטענס, ווי אזוי קענען מיר איבערזעטצען אונזערע לשון קודש געבעטע אויף א אנדער שפראך, ווייל לשון קודש קען ניט האבען קיין איבערזעטצונג אין ווארט, נור זי קען פערשטעהן זיין אין געדאנקען אבער ניט אין ווארט, און אמת ויציב ונכון וקים און זא וויטער, ווי די ווערטער יתברך וישתבח ויתרומם ויתנשא און נאך דאס גלייכען, קענען נימאלס קיין איבער זעטצונג האבען. און ווען יעמאנד זעצט איבער אויף א אנדער שפראך, איז דאס ניט מעהר ווי צום לאכען, און צו בעדויערען, ווייל די געטליכע שירים ותשבחות קענען ניט איבערזעצט ווערען, און זיי בלייבען נור אין רעיון וועלכער בריינגט דעם אידען צו השתפכות הנפש. פינפטענס, ווען מיר זאלען שוין צורייסען אונזערע יודענטהום אויף אלע וועלט שפראכען, מוזען מודה זיין אלע מענשען, דאס דער גאנצער יודענטהום וועלען בלייבען עמי ארצים, און די לשון קודש וועט אין גאנצען פערגעסען ווערען, אלזא וואו וועט בלייבען אונזער תורה, אונזער גאנצער אייגענם זינד מיר האבען איהר גענומען פור בארג סיני, ווער וועט אין איהר לייענען? ווער וועט איהר שרייבען? ווער וועט איהר פארשטייהן? און קוים זאל די תורה איבערזעצט ווערען, בלייבט דער גאנצער יודענטהום א פערניכטעטער און אבגעווישט פון דער וועלט; דארום חלילה צו אידען אום צו בייטען אונזער היילינע שפראך אויף וועלכע גאט האט גערעדט צו די היילינע נביאים, און אונז אין דער שפראך די תורה געגעבען, חלילה אונז אום צו בייטען אונזער תורה און אונזערע תפלות אויף פאלקס-שפראכען, און צו מאכען א דור הפלגה אזוי ווי דער ערשטער דור הפלגה, דען מיר וועלען אויך דאנמאל געווים צו שפרעהט און צומישט ווערען צווישען אלע פעלקער. און דאן וועט דער יודענטהום מיט זיין תורה פערבלייבען ניט מעהר ווי א היסטארישער מאנומענט פון א פערניכטעטע פאלק, וועלכע האט געגעבען ליכט און לעהרע, און האט פראקלאמירט גאטהייט און צוויליזאציאן פאר דער גאנצער וועלט. דארום מוזען מיר דאווענען נור אין לשון קודש אויף דער שפראך וואס גאט האט אונז פערשפראכען דאס זי וועט נאך בלייבען איין וועלט-שפראכע. יהפך ה׳ אל **העמים שפה ברורה.** דער לעזער קען געפינען וועגען דעם גערעדט און געבאטען פון אונזערע גרויסע געלעהרטע אין תפארת ישראל (סוטה פ״ז מ״א), און אין תוספתא חגיגה (פרק א׳), און אין של״ה מסכת שבועות קפ״א, און אין ס׳ בעל ווי העמודים (פ״ה

דף ט) רמ"א תשובה ו', שאלות ותשובות בעל פרי מגדים אין זיין ספר אויף אורח חיים, אויך יעב"ץ אין ס' שערי שמים, און אין נאך פערשידענע הייליגע ספרים *).

# סימן ב

ווארום ברענגען מיר ליכט אין שוהל ביי דעם דאווגען?

דאס געפינט זיך אין מדרש רבה במדבר (פרשה ד') דאס איינער האט געטאן איין ווילטיגע זאך אין די געטליכע לעהרע, דערמיט וואס ער פלעגט אנצינדען אין שוהל א ליכט אין דער פריה און א ליכט אין אווינד, און דער פון איז דער מנהג ביי אידען צום דאוונען אין שוהל אן צו צינדען ליכט. אויך ווייל די ליכט איז דער סימבאל פון מענשענס לעבען, און שטעהענדיג ביי דעם עמוד פאר גאט מיט איין אונטער טעניגע געמיט, איז די ליכט דאס בילד

*) די רעפארמער זאגען אז אלע אונזערע תפלות אין לשון הקדש איז א טויטע שפראך און ווארום זאל מען ניט דאוונען אין וועלכע שפראכע מען וויל? אבער ווי ניט ריכטיג און ניט פראקטיש די רייד איז, צום ביישפיעל, אין נויארק, אין לאנדאן און אין אנדערע גרויסע שטעדט איז דא רייכע אפערא-הייזער, און זיי זיינען אנגעשטעלט די גרעסטע זינגער פון דער וועלט, דער פרייז פון א „ארט" פיר איין אווענד איז גאנץ אפט 25 דאלער (50 רו"כ), און וואס זינגט מען דארט? אפערעס אין איטאליענישער שפראך, זעלבסטפער-שטענדליך, אז פאסט (כמעט) קיינער פון די צוהערער פערשטעהט ניט איטאליעניש, מען האט פרובירט די אפעראס אנפאנגען אין ענגליש, אין רוסית, און דייטש, אבער ענדליך זיינען אלע צוהערער געקומען צום בעשלוס, אז די אפערא האט פערלארען דעם גאנצען טעם און עפעקט, ווארום? ווייל די גרויסע קאמפאזיטארס וואס האבען געשריבען די אפערעס, האבען צוגעפאסט די נשמה פון זייערע מוזיק צו איטאליענישע ווערטער, און דעריבער איז די לעבעדיגע שפראך פיר א אפערא איטאליעניש (אפילו פיר דיעזע וואס פערשטעהען איהר ניט), און ווען מען איבערזעצט עס אין ענגליש, דייטש, איז ענגליש דייטש די טויטע שפראך (ווען אויך די צוהערער ריידען ענגליש דייטש אין טעגליכען לעבען). פונקט דאס זעלבע איז מיט אונזערע תפלות, די גרויסע און הייליגע פערפאסער (די אנשי כנסת הגדולה) האבען פערפאסט די תפלות ארגינעל אין העברעאיש, און ווער עס פערשטעהט נור העברעאיש וועט עדות זאגען, אז א ים פון בעגייסטערונג, השתפכות הנפש, און הייליגע פאעזיע איז אריינגעגאסען געווארען אין דיעזע תפלות—אבער ווען איז דאס אלס גערעדט געווארען, ווען מען לאזט איבער די תפלות אין זייערע ארגינעלע פארמע—קוים זעצט איהר זיי איבער אין א אנדער שפראך, איז פנה הודם, פנה זיום, פנה הדרם, זייער גאנצע שעהנקייט און

פון לעבען, וועלכע געהט אויס צו איהר ענדע אדער חלילה פערלאשען אין מיטען, און דער פסוק זאגט: נר ה׳ נשמת אדם. דערום איז ניט רעכט צו ברענען ביי דעם עמוד עלעקטרישע פייערען אדער גאז אן שטאדט איין ליכט, וועלכע האט גאר א אנדער בעדייטונג. אין עמוד גיהער מען ניט צו מאכען זיעבען רעהרען נור פינף, זעקס, אכט (מנחות דף כ״ח).

---

## סימן ג

### פון וואנען קומט דער שאקלען זיך ביי דעם דאווענען?

ביי נעמען די תורה אויף דעם בארג סיני איז געשריבען „וירא העם וינועו״ דאס פאלק האבען געציטערט, דארום שאקעלט מען זיך ביים לערנען תורה, ווייל די תורה איז געגעבען געווארען מיט שרעק און ציטערניס, (בעל הטורים בפרשה יתרו), און דער של״ה הקדוש שרייבט אז מען איז זיך נוהג

---

הייליגקייט ווערט פערשוואונדען — פארקעהרט, זיי זעהען אויס לעכערליך; צו ביישפיעל „אמת ויציב ונכון וקים וישר ונחמד ונעים ונורא ואדיר ומתוקן ומקובל וטוב ויפה״ ווען מיר זאגען דאס אין העברעאיש, פילען מיר ניט קיין גרויסע קשיות דערויף, ווייל יעדער פון דיעזע ווערטער האט זיך זיין ספעציעלע בעדייטונג, און אלע צוזאמען דריקען אויס די העכסטע גראד פאלקאמענהייט, אבער ווען איהר לעזט עס אין איין איבערזעצונג אין אנדער שפראך, קומט עס ארויס אויף דעם העכסטען גראד לעכערליך; ווידער אנדערע פון אונזערע תפלות קען מען ניט איבערזעצען צוליעב די אויסערע וועלט,—אין אונזערע תפלות שפיגעלט זיך אב אונזערע גאנצע שרעקליכע היסטאריע, און ווען מיר זאגען, למשל: „שפוך חמתך על הגוים״, „וינקום נקמת דם עבדיו השפוך״ „ואז אל הסלע אנפץ את עולליך״, נעהמען מיר דאס אן אלס א געשריי פון א צווייפעלטע פאלק וואס האט זייער פיעל געליטען, און קען שוין מעהר ניט פערשטיקען דעם גאנצען צארן אין זיך—אבער מיר ביי זיך וויסען אז אפילו ווען מיר וואלטען געהאט די מעגליכקייט דאס צו טאן, וואלט זיך אפילו ניט געפונען איינער פון אונז וואס וואלט צושמעטערט גויעשקע קליינע קינדער אויף די שטיינער, ווייל מיר זיינען דאך ניט קיין מערדער, קיין ווילדע—אבער ווען איהר זעצט איבער אזעלכע ווערטער אין א לעבעדיגע שפראך, וועט די אויסערע וועלט דאס אננעהמען נאך די איינפאכע בעדייטונג פון די ווערטער, און דאס וועט אונז געוויס ניט צוגעבען קיין כבוד און קיין אכטונג, (און דעריבער זאגען די חז״ל אין מס׳ סופרים (פרק א׳) שהיום שכתבו את התורה יונית לתלמי המלך הי׳ קשה לישראל כיום שנעשה העגל שלא היתה התורה יכולה להתרגם כל צרכה (שומר ישראל).

צו שאָקלען בײַ דעם לייענען אין די תורה, אויך ווען מען דאַווענט, ווײַל אַלע גליעדער בעוועגען זיך צו גאָט, ווי עס שטעהט אין פסוק: **כל עצמותי תאמרנה** וכו'. אָבער שמונה עשרה ווען מען זאָגט, טאָר מען זיך ניט שאָקלען, אַזוי שרייבּט דער של"ה, און אַזוי איז דער דין און אורח חיים (סימן צ"ח). און דער כוזרי מאמר ב' (סימן ע"ט) זאָגט: ווײַל פערצייטענס האָבען געפעהלט ספרים, און צעהן מענשען האָבען געמוזט קוקען אין איין ספר, וועלכער איז זאָגאַר געווען אַ גרויסער, דאַך האָט זיך יעדער געוואָרפען איין צוקוקען זיך אין דעם ספר, נאַכהער איז דער שאָקלען זיך בײַ דעם לערנען און דאַווענען פערבּליבּען נאַטירליך אויס אַלטע געוואָהנהייטען. און אין זוהר פ' פנחס (עמוד ת"ב) גיעבט אַ אַנדער מיינונג. געגען אַ שפּיגעל טאָר מען ניט דאַווענען דאָס מען זאָל ניט זאָגען, ער בוקט זיך צום שטן בילד (רדב"ז תש"ו פ"ו).

# סימן ד

וואָרום זאָגען מיר פאַר דעם דאַווענען די פרשה „צו" און די משנות „איזהו מקומן" און די ברייתא פון „ר' ישמעאל".

רב עמרם גאון (אורח חיים סימן ג') וועלכער האָט מסדר געווען דעם דאַווענען האָט געבּויט דעם זאָגען די פרשה „צו" און „איזהו מקומן", און די ברייתא פון „ר' ישמעאל" אויף די גרינדע פון תלמוד (קדושין דף ל') דאָס אַ מענש זאָל זיין לעבּענס יאָהרען טהיילען אויף דריי טהייל, איין טהייל אין פסוק, און איין טהייל אין משנה, און דעם דריטען טהייל אין גמרא, אָבער טהיילען זאָל ער זיי אין זיין אַלטעגליכען לעבען, און דאַריבּער זאָגען מיר די פרשה „צו" וועלכע איז תורה, און „איזהו מקומן" וועלכע איז משנה, און די ברייתא פון „רבי ישמעאל" וועלכע איז תלמוד. און אַזוי זיינען אויך די איבּריגע וועלכע מיר זאָגען פאַר דעם דאַווענען, און גראַדע די האָט רב עמרם גאון אויסגעקליבּען, ווײַל אין „איזהו מקומן" גיעבּט ניט קיינע ווידערשפּרעכונג, דאָס הייסט, עס איז ניט דאָ קיין מחלוקת פון אַנדערע תנאים, און אַזוי אויך די ברייתא פון רבי ישמעאל. אויך ווײַל אין דעם פרק געפינט זיך דריי הונדערט פיער אונפערציג ווערטער, און מיט דעם זאָגען די זעלבע הייסט עס דריי הונדערט פינף און פערציג, ווי דער צאָהל „משה", צו בעווייזען אונז דאָס די תורה שבעל פה איזט אויך געגעבּען געוואָרען צו משה מסיני (עטז"ק סי' ג'

אות א׳). און אין הלכות תשעה באב (סימן תקנ״ד) שרייבט דער טור דעריוף א אנדער מיינונג.

---

# סימן ה

וועו מיר דאוונען זיינען מיר זיך נוהג צו שטעהן אויך צו זיצען ווי אויך צופאלען אויף דעם פנים.

ביי דיעזע געבעטע דארף מען זיך שטעלען, ווען מען ציהט אויף זיך אן דעם טלית (הטור ומחבר סימן ה׳), ווען ער לייגט אויף זיך די תפלין „של יד״ און „של ראש״ (הרמ״א סימן כ״ה ומגן אברהם סימן ק״ב), און ווען ער ציהעט ארונטער דעם של ראש און דעם של יד (המחבר סימן כ״ה ומגן אברהם סימן ק״ג), און „פרשות הקרבנות״ און „מזמור לתודה״ (מגן אברהם סימן מ״ח), און „ברוך שאמר״ ביז צום ענדע ברכה, וויל דיעזען „ברוך שאמר״ האבען געגרינדעט די אנשי כנסת הגדולה, און דארום האט מען בעשטעטיגט דאס צו זאגען שטעהענדיג (מג״א וט״ז סימן נ״א), אויך „ויברך דוד ביז אתה הוא ה׳ אלהים״ (הרמ״א שם), אויך „אז ישיר״ דארף מען זאגען שטעהענדיג (מהרי״ ז״ל), אויך ישתבח (הרמ״א שם), שמונה עשרה, אויך ווען דער חזן זאגט איבער די שמונה עשרה, אויך קדושה, אויך ווען מען זאגט „קריש״ דארף מען שטעהן, מאנטאג און דאנערשטאג זאגענדיג „והוא רחום״ (מחבר סימן קל״ד), אין דער פריה ווען דער חזן זאגט „תהלות לאל עליון״ דארף דאס פאלק זיך גלייך אויף שטעלען, צו מנחה גלייך ווי דער חזן שטעלט זיך צום עמוד, און צו מעריב ווען דער חזן פאנגט אן צו זאגען „קריש״ פאר שמונה עשרה (עטרת זקנים סימן צ״ה אות ב׳), און צו מנחה דארף מען זיך שטעלען גלייך מיט דעם חזן. וויל מנחה איז איין הויבט געבעט, דען מיר געפינען גאט האט געענטפערט צו אליהו הנביא אין דער צייט פון תפלת מנחה, און דארום האט דער תלמוד געווארענט צו זיין פארזיכטיג און היטען צו דאוונען מנחה. און מען קען זאגען דאס וואס דער תלמוד האט געווארענט צו דאוונען מנחה מיט א שטרייננגע ווארנונג (ברכות דף ו׳), דען אין דער פריה דאוונען, קען אמענש מעהר אבהיטען, וויל עס איז בעפאר ער געהט צו דער ארבייט, און מעריב דאוונען, וויל עס איז דאמאלס די צייט ווען ער ענדיגט די ארבייט, אבער מנחה, מוז דאך יעדערער אוועקווארפען אין מיטען זיין ארבייט און דאוונען מנחה. דארום האט דער תלמוד שטרענג געבאטען צו אב היטען די תפלת מנחה, און זאגען „קריאת שמע״ דאס הייסט

„שמע ישראל" ביז „שמונה עשרה" דארף מען זאגען זיצענדיג (המחבר סימן ס"ג), און פאלען תחנון, דאס הייסט זאגען „ויאמר דוד" איז אויך זיצענדיג. און דאס אלעס איז גענומען פון משה רבינו וועלכער האט געזאגט „וישב בהר" (דברים ט'), „ואנכי עמדתי בהר" (דברים י'), „ואתנפל לפני ד'" (שם י"ו), דאס הייסט, ער איז געזעסען און געשטאנען און געפאלען פאר גאט.

דעריבער גיט ביי אונז אלע תפלות, וואס אמאל דארף מען זיצען און אמאל דארף מען שטעהן. אין דעם ארט וואו עס איז ניטא קיין ספר תורה דארף מען ניט פאלען אויף די הענד און זאגען תחנון, ווייל יהושע איז געפאלען נור פאר דעם ארון קודש. „ויפל יהושע על פניו לפני ארון ברית ד'" (יהושע ז'). אין דער פריה ווען ער טראגט תפילין דארף ער פאלען אויף זיין רעכטע האנד אויף וועלכע ער טראגט ניט קיין תפילין, און אויב ניט דארף ער פאלען אויף זיין לינקע האנד (רמ"א קל"א). דער שבלי הלקט שרייבט, ווייל דאס מעהרערע שפארען זיך אויף זייער לינקע האנד אוים פרייהייט און פערגעניגען, דארום מוז ער די האנד די פרייע אונטערטעניג מאכען פאר גאט.

---

# סימן ו

**ווארום דאפלען מיר דעם לעצטען פסוק „אורך ימים" ווען מיר זאגען „ויהי נועם"?**

ווייל דער שיר „ויהי נועם" איז א שיר של ברכה וואס משה רבינו האט געבענשט די אידען. אין דער צייט ווען די אידען האבען געענדיגט בויען דעם משכן, און ווייל אין דיעזען קאפיטל גיעבט זיבענצעהן פסוקים, דארום דאפלען מיר דעם לעצטען פסוק אום עס זאל אויסקומען אכצעהן ברכות געגען שמונה עשרה וועלכע האט אכצעהן ברכות (מהרי"ל). דער צרור המור און דער ט"ז אורח חיים (סימן רצ"ה) און דער מגן אברהם ברענגען אויך אנדערע מיינונגען. איין אבל ר"ל גיהער ניט זאגען „ויהי נועם", ווייל ער טאר ניט טאן קיין מלאכה, און „ויהי נועם" איזט אנגעוויזען אויף די ארבייט פון מלאכת המשכן.

---

# סימן ז

וואָרום דאַפֿלען מיר דעם פסוק „כל הנשמה תהלל יה" און מיר זאָגען איהם צוויי מאָל ?

אַזוי ווי דער „כל הנשמה" איז דער לעצטער פסוק פֿון ספר תהלים, זאָגט דער בית יוסף, דאָס מען זאָל וויסען דאָס דער תהלים איז צו ענדע דאַרף מען דאַפלען דעם לעצטען פסוק, און אויך איז דאָס זעלבע אויף דעם פסוק „ה' ימלוך לעולם ועד" איז אויך וויַיל דיעזער פסוק איז די ענדע פֿון דעם שיר „אז ישיר" דאַרף מען איהם אויך דאַפלען. אויך זאָגט דער מהרי"ל דאָס וויַיל ר' יוסי (שבת קי"ח) האָט געזאָגט: „יהי חלקי עם גומרי הלל בכל יום" דאָס הייסט, איך וואָלט זיך ווינשען צו האָבען אַזאַ חלק ווי די וועלכע ענדי־גען „הלל" יעדען טאָג, איז ווען מען זאָל ניט דאַפלען, וועט דאָס אויסזעהן ווי ניט געענדיגט, און ענדיגען הלל מיינט מען דאָ דעם ספר תהלים. אויך גיעבט אַ מיינונג וואָרום מיר דאַפלען דעם פסוק „כל הנשמה", וויַיל אין דעם קאַ־פּיטל איז דאָ צוועלף מאָל „הלל" (לויבונג) געגען די צוועלף חדשים פֿון יאָהר, און וויַיל עס גיעבט אַ איבער יאָהר וועלכער הייסט „שנת העיבור" אין וועלכען עס זיַינען פֿאַראַנען דריַיצעהן חדשים, דאַרום דאַפלען מיר דעם פסוק „כל הנשמה" צו איבערציַינען, דאָס עס גיעבט נאָך אַ דריַיצעהנטער „הלל" פֿאַר דעם עיבור מאָנאַט. דאָס זעלבע איז ראש חודש צו מוסף אין די תפלה „אלהינו ואלהי אבותינו חדש עלינו את החדש הזה" גיעבט אויך צוועלף בקשות, צב"ש: „לטובה ולברכה לששון ולשמחה" און זאָ וויַיטער ביז צוועלף, און דאָס זיַינען אויך צו איבערציַינען די צוועלף מאָנאַטען פֿון יאָהר, נור אין אַ עיבור יאָהר זאָגט מען אויך „ולכפרת פשע", צו איבערציַינען דאָס דער יאָהר איז מיט אַ מאָנאַט מעהר, אָבער ווי עס געהט פאָראיבער דער צווייטער „אדר" דאַרף מען שוין ניט זאָגען מעהר „ולכפרת פשע". (זעה איבער דיעזעם דעם מהר"ם שיק אין זיַינע שאלות ותשובות און אין או"ח תשובה קפ"ד).

---

# סימן ח

מען איז זיך נוהג צו אָנפאַנגען „וכרות עמו הברית", ווערענד דאָס איז דער מיטען פסוק וועלכער ציהט זיך צוזאַמען מיט „ומצאת את לבבו נאמן לפניך" (נחמי' ט).

דער מיינונג פֿון דעם איז, וויַיל מען איז זיך נוהג דאָס צו אַ ברית מילה זאָגט דער מוהל פֿאַר פסוק מיט די געמיינדע, פֿון וכרות און

ווייטער ביז ענדע או ישיר, דערום האט מען בעשטעטיגט אב צוהאקען דעם פסוק „ומצאת את לבבו נאמן לפניך", און בעזונדער אנצופאנגען וכרות, אבוואהל עס איז אויך ניטא קיין ברית מילה.

## סימן ט

וואָרום זאָגט דער מוהל מיט דעם קהל פסוק פאר פסוק פון „וכרות עמו הברית" ביז ענדע „אז ישיר משה" מיט איין בעשטימטען נגון אין שוהל דא וואו עס איז א ברית מילה?

דאס איז וויל דא האנדעלט זיך וועגען מילה וואס אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער וועלכער האט זיך מל געווען, און די מכילתא זאגט, אויך דער ילקוט תורה (רמ"א) ברייננט דאס קריעת ים סוף איז געשעהן איבער דעם זכות פון מילה, (זעה מגן אברהם אורח חיים סימן נ"א סק"ט און סימן תכ"ב ס"ג). דאס וואס דער מוהל זינגט דעם גאנצען „אז ישיר" אין דעם טאג פון א ברית מילה, איזט עס געבויעט אויף די ווארטען פונ'ם מדרש (שמו"ר פכ"ג) „נעים לנו לומר שירה לפניך כו'", עס איז אונז אנגענעהם צו זאגען שירה, וויל מיר אלע זיינען טהורים, ווי עס צייגט אן אונז, דאס מיר אלע זיינען גימלטע.

## סימן י

וואָרום זאָגען מיר קדיש נאך „ישתבח" און נאך „תחנון" און נאך „קריאת התורה, און נאך „ובא לציון"?

דאס איז וויל דער דאווענען טהיילט זיך אין אבטהיילונגען, ביז ישתבח איז אבעזונדערע לויב וועלכע הייסען „פסוקי דזמרה", קומט געוועהנליך נאך איין געענדיגטע זאך צו זאגען קדיש. נאך קריאת שמע, שמונה עשרה, תחנון וועלכע זיינען די הויפט געבעט, קומט נאך זיי א קדיש, לייענען אין די תורה איז איין גאנץ בעזונדערע מצוה, קומט נאך דעם לייענען א קדיש, און נאך „ובא לציון" וועלכע הייסט „קדושה דסדרא". און די גמרא אין סוטה (דף מ"ט) זאגט: דאס די יורען-וועלט בעשטעהט נור אויף „קדושה דסדרא", קומט געווים נאך אזא געבעט קדיש צו זאגען, דאס זעלבע איז אויך נאך די ברייתא דר' ישמעאל, וויל מיט איהר פערענדיגט זיך די לעהרע פון קטורת און קרבנות,

אויך דער קדיש צו מנחה נאך אשרי, איז ווייל אשרי איז איין גאנץ בעזונדערע געבעט צו זאגען דעם „אשרי" דריי מאהל טעגליך (ברכות דף ד'), און די גמרא הייסט אונז זאגען דריי מאהל טעגליך דעם „אשרי" ניט אום רייך צו מאכען דערמיט דעם רבונו של עולם, נור ווייל דער קאפיטעל „תהלה לדוד" איבערצייגט אונז דעם גרויסען בטחון וואס מען דארף האבען, דאס גאט פערלאזט ניעמאנד און שפייזט זאגאר א ווארים אין די טיפענעס פון די ערד, און הויפטזעכליך דער פסוק „פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון", וואס דאס אלעם איבערצייגט, דאס די געטליכע השגחה בליקט אויף יעדע געשעפע און שפייזט יעדען, און געגען זיין ווילען העלפט ניט דעם מענשענס מאכט, און אומזימסט איז דער בעריהמען זיך דאס מיין אייגענע קראפט האט ערווארבען רייכטהום, דארום האט אונז דער תלמוד געווארענט צו זאגען דריי מאהל טעגליך „אשרי", בעפער דער מענש געהט פארדינען זיין ברויט אויף דעם פריה מארגען, און אין מיטען טאג און ענדע דעם טאג צו מנחה פאר דעם זונען אונטערגאנג, זאל ער זאגען דיעזע דריי מאהל „אשרי", ווייל ארמוטה קען דאך ברייגגען דעם מענשען צו מארד און רויב, ווען ער זאגט אבער „אשרי" דריי מאהל אין די בעשטימטע צייטען פון טאג, וועט דער מענש זיין בטחון ניט פערליערען אין קאמפפען געגען זיין שיקזאל, און אנגעהמען פאר גוט ווי דער וויללען גאטעס איז, און דארום דריקט אוים די גמרא, דאס דער יעניגער וועלכער וועט דיעזע געבעט זאגען דריי מאל טעגליך, איז ער זיכער מיט עולם הבא, ווייל דאס וועט איהם אב האלטען פון שלעכטעס צו טאן, און דער דריי מאהל „אשרי" צו זאגען איז בעשטימט געגען די דריי מאהל אלטעגליכען דאווגען שחרית מנחה און מעריב *), און דער קדיש וואס נאך מעריב איז צו איבערצייגען דאס די געבעט איז צו ענדע.

---

*) און דאס וואס מיר לייגען די האנד אויף די תפילין ווען מיר זאגען דעם פסוק „פותח את ידך", איז ווייל מיר בעטען אויף פרנסה אויף א קערפערליכען לעבען, נעמען מיר אן ביי „פותח את ידך" די תפילין אין האנד צו איבערצייגען דאס מיר בעטעןווירקליך אויף לעבען און פרנסה, אבער ניט פאר דער וויללען פון אונזער אייגענעם פערגניגען, נור פאר אונזער גייסטיגען לעבען, אום צו ערקענען די געטליכקייט און טאן דעם ווילען פון דעם וועלט בעשעפער, און דאס וואס מיר זאגען די ערשטע צוויי פסוקים פון „אשרי" וועלכע געהערען ניט צו דעם קאפיטל „תהלה לדוד", איז ווייל אין די צוויי פסוקים גיפינט דריי מאל דער ווארט „אשרי" צו איבערצייגען, דאס מען זאל זאגען דעם קאפיטל „תהלה לדוד" דריי מאל (ברכות ל"ב) חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללין,

# סימן יא

**ווארום מיר זאגען דעם „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" שטילערהייד און יום כפור אין דער הויך ?**

דער מדרש זאגט (רבה פרשה ב') דאס ווען משה רבינו איז געווען אין הימעל האט ער דיזעס ליעב געזאנג געהערט פון מלאכים ווי זיי האבען מיט דעם „ברוך שם כבוד מלכותו" געלייבט גאט, האט ער דיזען ליעב איבער געגעבען צו די אידען, און וויל דיזער ליעב איז ניט געהייסען געווען פון גאט אליין, האבען די ישראל בעשטימט איהם צו זאגען שטילערהייד, דען ווען מען זאל דיזען ליעב „ברוך שם כבוד מלכותו" זאגען אין דער הויך, דא מוז מען דאך זיין זא ריין און אונשולדיג ווי די הימלגייסטער (מלאכים), אבער אז מען איז דאס ניט, איז בעסער איהם שטילערהייד צו זאגען, אבער יום כפור ווען מיר זיינען אנגעצויגען אין ווייסען און מיר עסען ניט און טרינקען ניט אזוי ווי מלאכים, דארום ערלויבען מיר זיך צו זאגען דיזען מלאכים-ליעב אין דער הויך, אום צו פערגלייכען זיך מיט די מלאכים, און אין אליהו זוטא סימן תתס"ט און אין פסחים (פרק מקום שנהגו) גיעבען אויך אנדערע מיינונגען. און דאס וואס מען לייגט ארויף די האנד אויף די אויגען זאגען „שמע ישראל" דעם ערשטען פסוק פון קריאת שמע, איז דאס ניט מעהר ווי אום ניט צופערקוקען זיך אויף וועלכע זאך עס איז, וויל מיר דארפען אין דיזען פסוק מעהר בעגייסטערט זיין ווי אין אנדערע פסוקים, און דאס זעלבע איז וואס מיר זאגען דיזען פסוק אין דערהויך אום זיך צו בעוועגען אין בעגייסטערונג, און ניט צו פערטראכטען זיך אין וואס אנדערס (לבוש סימן ס').

---

וכו' אמר ר' יהושע בן לוי אמר קרא אשרי יושבי ביתך, וכתבו שם התוס' לפיכך תקנו לאמר זה הפסוק קודם תהלה לדוד, וקבעו ב' פסוקים אלה על כי יש בם ג' פעמים אשרי, רמז שיאמרו אותו ג' פעמים ביום בדאיתא שם (און מיר פערענדיגען מיט דעם פסוק ואנחנו נברך יה, אום צו ענדיגען מיט „הללויה" און אן צופאנגען מיט „הללויה", וויל אלע מזמורים איז דער אנפאנג „הללויה", ווי אויך די ענדע איז (הללויה) (טור בשם רב עמרם).

# סימן יב

### וואָרום קוסען מיר די ציצית ווען מיר זאָגען דעם וואָרט „ציצית" אין קריאת שמע?

דער ברכת משה (עמוד ק״ו) זאָגט אַזוי: וואָרום קוסען מיר די ציצית ווען מיר זאָגען דעם וואָרט „ציצית" און מיר האַקען איבער אין אַ מיטען פסוק ווערענד עס איז אירגענד וואו ניט ערלויבט דיזער מנהג, אייסער אין (סימן ס״א) ווירד געזאָגט: ווען יעמאַנד זאָגט „וראיתם אותו" זאָל ער אָנטאַפּען די ביידע פון די פאָרענדיגע ציצית, אָבער זיי קושען איז גאָר ניט ערלויבט, און דער רמ״א (אין סי' כ״ד) זאָגט דאָס מען איז זיך נוהג צו קושען די ציצית ווען ער קוקט אויף זיי, ניט גראַדע ווען ער זאָגט קריאת שמע, און דער מגן אברהם זאָגט דאָרט, דאָס מען זאָל קושען די ציצית ווען מען זאָגט „נאמנים ונחמדים" צו איבערצייגען דאָס אוים ליבשאַפט קושען מיר די ציצית, אָבער עס איז ניט ערלויבט מפסיק צו זיין אין מיטען קריאת שמע מיט דעם קושען די ציצית, נור וויל דער רמ״א גיעבט דאָס רעכט צו קושען די ציצית ווען מען קוקט אויף זיי, און אַזוי ווי מיר האַלטען זיי אין די הענד און מיר קוקען אויף זיי, דאַרום קושען מיר זיי אויך, דאָס איז אַלעס צוליעב די ליעבע פון די מצות ציצית, אָבער ניט דער קושען איז דער עיקר, נור צו קוקען אויף זיי און זיך ערלויבען די געטליכע געבאָט: „וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'" אום איבערגעגעבען צו זיין צו דעם הימעלשען פאָטער. און וואָרום מיר מאַכען אין ציצית צו אַכט פעדים, זאָגט רש״י ז״ל ענדע סדרה שלח דאָס די אַכט פעדים איז געגען די אַכט טעג וואס די אידען האָבען פערוויילט פון דעם אַרויסגעהן פון מצרים ביז דעם זאָגען שירה געהענדיג דורך דעם ים סוף, (זעה שפתי חכמים אויף דעם זעלבען אָרט און אין מנחות מ״ב). און אַז מען מאַכט איין ציצית זאָל מען ניט אָב שניידען די שפּיטצען מיט אַ מעסער אויב זיי זענען ניט גלייך, וויל די תורה שרייבט דאָס קיין אייזן זאָל ניט בענוצט זיין אויף דעם בויען איין גאָטעס הויז, איז דער געדאַנק דאָס אויף אַנדערע מצות אויך ניט בענוטצען זיך מיט אייזן, נור מען גיהער די שפּיטצען אָב צו בייסען מיט די צאָהנער ווערכע זיינען צוויי אונדרייסיג, און די ציצית פעדים זיינען אויך צוויי אונדרייסיג (מ״מ).

# סימן יג

ווארום מען הייבט אויף דעם קערפער ווען מען זאגט קדושה?

מיר זאגען: נקדש את שמך בעולם כשם שמקדישים אותו בשמי מרום, מיר היליגען דיין נאמען אויף דער וועלט עבענזא ווי די מלאכים היליגען דיין נאמען אין הימעל, און ביי מלאכים איז געשריבען „ובשתים יעופף" דאס מיט צוויי פליגעל פליהען זיי, דארום טוהען מיר עהנליך צו די מלאכים, דער מיט וואס מיר הייבען אויף אונזער קערפער ביי זאגען קדושה (מגן אברהם סימן קכ"ה בשם תנחומא פרשה צו), און עס איז ניט ריכטיג וואס דער המון און די ווייבער וועלכע שפרינגען „קדוש", מען דארף נור אויפהייבען דעם קערפער און בלייבען שטעהן אויף די שפיצען פינגער אבער ניט שפרינגען.

# סימן יד

ווארום זאגען מיר אין שמונה עשרה „אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב", וועהרענד מיר קענען דאך זאגען „אלהי אברהם יצחק ויעקב" צו זאמען?

אלס דוד המלך ע"ה האט איבערגעגעבען זיין צוואה זיין זון שלמה'ן האט ער איהם אנגעזאגט פאלגענדעס: „דע את אלקי אביך ועבדהו" (דברי הימים א' כ"ח) ערקען גאט דיין פאטערס און דאן זאלסט דו צו איהם דיענען, דאס איבערצייגט אז ניט די אמונה וואס מיר גלויבען אין גאט, איז וויל אונזערע עלטערען האבען אזוי געגלויבט, און מיר מוזען טאהן וויל אזוי האט אונזער פאטער געטהון, דען אזא גלויבען ענטהאלט ניט דער יודענטהום, אזוי גלויבען גאר אנדערע פעלקער, וועלכע האלטען דעם גלויבען בירושה פון זייערע עלטערען, דער גלויבען אין גאט פון ישראל איז אבער זעלבסט ערקענונג, יעדער איד מוז פאר זיך זעלבסט סטודירען די געטליכקייט ביז ער ערקענט זיין גאט פון זיך אליין, זיין אונענדליכע הייליגטהום, בעשאפונג, און וועלטען פיהרונג, אבער דער איד קען ניט זאגען איך טוה אזוי וויל מיינע עלטערען האבען אזוי געטאן, דארום האט דוד המלך אנגעזאגט זיין זון שלמה: „דו זאלסט ערקענען דיין פאטערס גאט פון דיין אייגענע ערקענונג און דאן וועסט דו צו איהם דיענען", און אזוי ווי אברהם אונזער ערשטער פאטער האט גאנץ אליין פילאזאפים און וויסענשאפטליך ערקענט צו ערשט די געטהייט, האט ער דאס

ניט איבערגעגעבען צו זיין זון יצחק, נור יצחק האט אויך ערווארבען די גאטהייט דענקענדיג פאר זיך זעלבסט, און דאס זעלבע אויך יעקב, און קיינער האט ניט איבער גענומען די געטליכקייט בירושה, דארום זאגען מיר „אלהי אברהם״ דער גאט פון אברהם וואס ער האט איהם זעלבסט אויסערפונ־דען, אין די צייט ווען זיין דור האבען געדיענט צו הילצערנע און שטיינערנע געטער; „אלהי יצחק״ וואס יצחק האט איהם אויך פון זיך זעלבסט שטודירענדיג פערשטאנען, און אזוי אויך „אלקי יעקב״, יעדער האט איהם דענקענדיג אויסגעפונען, דארום זאגען מיר אין שמונה עשרה דריי מאל „אלקי״ בעזונדער צו יעדערען פון אונזערע אבות. אבער ווען מיר וואלטען זאגען „אלקי אברהם יצחק ויעקב״ וואלטען מיר דענקען דאס אברהם האט איבערגעגעבען זיין געטליכע וויסענשאפטליכע ערפינדונג צו זיינע קינדער בירושה, אבער ווען עס איז געשריעבען ביי יעדערען פון די אבות „אלקי״, איז א לעהרע פאר אונז אידען, דאס מיר זאלען לערנען און שטודירען אליין ביז מיר זאלען פארשטאנד האבען אין דעם גאט פון ישראל, און דאן וועלען מיר רעספעק־טירען גאט מיט זיין תורה און איהם דיענען מיט עהרען פורכט.

## סימן טו

וואָרום זאָגען מיר ענדע שמונה עשרה א פסוק וועלכער פאנגט אן און ענדיגט זיך מיט דעם אנפאנג און די ענדע פון אונזער אייגענעם נאמען?

ווייל נאך דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש ווען מען האט פער־טריבען די אידען אין גלות און פערקויפט אונזערע אורעלטערען פאר קנעכט און דיענסטען, און אוועקגערויבט זייערע קליינע קינדער און פארטריבען זיי צווישען פערשיעדענע פעלקער, האבען דאנמאהל די אידען אויסגעפונען א מיטעל צו לעהרנען יעדעם קינד, וועלכע פאנגט נור אן צו ריידען, אזא פסוק וועלכער זאל ענטהאלטען זיין נאמען, און אזוי ווי די יוגענדם־לעהרע ווערט נימאלם פארגעסען, האבען די עלטערן געוואוסט דאס זייערע אוועקגע־רויבטע קינדער וועלען אייביג ניט פארגעסען, דאס זייער אבשטאמונג איז פון אידען, ווייל דער פסוק וועט זיי אייביג דערמאנען, און מאנכעס מאל פלעגט דער פסוק זייערער בריינגען צו פדיון שבויים, ווייל ווען א איד האט געזעהען א קינד וואס זיין געזיכט איז עהנליך צו א אידיש קינד האט ער איהם געפרעגט: „פסוק לי פסוקיך״ זאג מיר דיין פסוק, און ווען דאס קינד האט איהם געענטפערט זיין פסוק, האט דער איד געזוכט איהם אויסצולייזען און

פילייכט אויסצוגעפינען זיינע עלטערען, דארום האט מען בעשטעטיגט דעם פסוק צו זאגען ענדע שמונה עשרה, אום איהם אייביג ניט צו פערגעסען, און דער פסוק זאל בלייבען צום אייביגען אנדענקען; שפעטער האבען אידען אנגענומען דיזען קינדער-פסוק אלעס איין נבואה אין איין נאטה צייט צו אורטהיילען לויט דעם פסוק, זא ווי עס איז איבערצייגט פון דעם ירושלמי מגילה און פון מדרש רבה, דאס מרדכי אין די אונגליקליכע צייט ווען המן האט בעשטימט צו ערמארדען אלע אידען פון פרס און מדי, האט מרדכי אנגעטראפען דריי קינדער וועלכע זיינען געגאנגען פון חדר, און ער האט זיי געפרעגט זייערע פסוקים. איין קינד האט געהייסען „אברהם" ווייל ער האט איהם געזאגט דעם פסוק „אל תירא" וועלכער ענטהאלט דעם נאמען אברהם, דער צווייטער קינד האט געהייסען „עמנואל" ווייל ער האט איהם געזאגט דעם פסוק: „עוצו עצה ותופר" ביז ענדע עמנואל, און דער דריטער האט געהייסען עלישפט, און ער האט איהם געזאגט עד זקנה ביז ואמלט, פון די פסוקים האט מרדכי געאורטהיילט אז איין ישועה וועט אויף אידען קומען און עס וועט בטל ווערען די גזרה פון המן. און אין קצור של"ה גיעבט אמיינונג אויף דעם פסוק דאס ער נוצט צום יום הדין.

# סימן טז

**ווארום פאר שמונה עשרה טרעטען מיר אויף הינטער זיך דריי טריט און נאכהער געהן מיר צוריק צום זעלבען פלאטץ?**

דאס איז פארצוברייטען זיך צו איין וויכטיגע געבעט (רמ"א סימן צ"ה בשם הרוקח), און דער עטרת זקנים שרייבט ווייל: ביי דעם בעטען שטעהט דריי מאהל ויגש, ווי פאלגט: ויגש אברהם; ויגש יהודה; ויגש אליהו; און דער אליהו רבה זאגט דאס עס איז ניט נויטיג צו געהן הינטערווייליך אום צו געהן זיך שטעלען אויף דעם זעלבען ארט, אבער דאך איז דאס א מנהג.

# סימן יז

**ווארום ביי דעם אויסגעהן שמונה עשרה געהען מיר דריי טריט הינטער און מיר שטעהען אוייליע און נאכהער צוריק?**

דאס איז געגען די דריי מייל וואס די אידען האבען זיך ערווייטערט פון בארג סיני ביי מתן תורה, און ווען ער קעהרט זיך ניט צוריק אויף זיין

פלאַטין נאָך דעם אויסגעהן שמונה עשרה, איז גלייך ווי ער אַנערקענט ניט דאָס די אידען האָבען זיך צו געגאָהענט ביי מתן תורה ח"ו. (מקור ג' הפסיעות ביומא נ"ג והטעם מבואר בב"י, ורבנו האי מביא טעם אחר).

---

# סימן יח

וואָרום צו שמונה עשרה אין דערפריה זאָגען מיר „שים שלום", און צו מנחה און מעריב זאָגען מיר „שלום רב"?

ווייל אין די תפלה פון שים שלום איז פערפאַלקאָמט אין איהר די גאַנצע געבעט פון ברכת כהנים, דאַרום זאָגען מיר דעם נוסח פון שים שלום דאַן ווען כהנים דוכנען איז לויט דעם דין, און דער דין זאָגט (שולחן ערוך או"ח סימן קכ"ט) דאָס כהנים דוכנען נור אין דער פריה צו שחרית און מוסף אָבער ניט צו מנחה און מעריב, אָבוואָהל ביי אונז דוכנען כהנים נור יום טוב, ווייל יו"ט זיינען די כהנים אין אַ גוטע לוין און ניט פערצער'ט וואָס אין דעם אַלטעגליכען לעבען האָבען די כהנים קיינע פערגעניגען און אין צער, טאָרען די כהנים ניט דוכנען, דערום האָט מען אַרונטערגענומען פון די כהנים דעם אַלטעגליכען דוכנען (שם סימן קכ"ח), אָבער מנחה און מעריב ערלויבט ניט דער דין צו דוכנען (שם סימן קכ"ט), צו מנחה ניט, פילייכט איז דער כהן שכור, און צו מעריב אויך ניט, ווייל ביי נאַכט איז אינגאַנצען ניט רעכט צו דוכנען, איז נאָך דעם רעכענונג האָט מען אייגענטליך אין אַ תענית צבור געבראויכט צו דוכנען, ווייל דאַן קען דער כהן ניט שכור זיין, דאָך האָט מען בעשטעטיגט דאָס צו קיין מנחה זאָל מען ניט דוכנען, און דאַרום זאָגען מיר אין די פיער תעניתים צו מנחה אימער „שים שלום". און ווען מען זאָגט „שים שלום" דאַן דאַרף מען אימער זאָגען „אלהינו ואלהי אבותינו ברכנו בברכה המשלשת", וואָס דיזע געבעט ענטהאַלט די ברכת כהנים. דאָ איז אויך צו בעמערקען וואָרום אַ גאַנץ יאָהר זאָגען מיר „המברך את עמו ישראל בשלום" און אום עשרת ימי תשובה זאָגען מיר „עושה השלום", איז ווייל מיר וויסען דאָס אין די צעהן תשובה טעג, משפט גאָט די גאַנצע וועלט (ראש השנה י"ט), דאַרום זאָגען מיר „עושה השלום" אויף די גאַנצע וועלט, נור אין די צעהן תשובה טעג, און מיר אידען בעטען דאַן אויך פאַר דער גאַנצער וועלט, און מיר בעטען גאָט דאָס ער זאָל קעניגען אויף דער גאַנצער וועלט, „מלוך על כל העולם"; אָבער אַ גאַנץ יאָהר וואָס גאָטס השגחה איז אויף זיין פאָלק אַליין, ווי דער פסוק זאָגט: כי עיני ה' בם מראשית השנה עד

אחרית השנה דארום זאָגען מיר אַ גאַנץ יאָהר „המברך את עמו ישראל בשלום" (ס׳ תקנות ותפלות).

# סימן יט

וואָרום מיר זאָגען נאָך שמונה עשרה „יהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו" ?

ווייל דאַוונען איז אָנשטאָדט די עבודה און קרבנות פון בית המקדש צייטען, דארום בעטען מיר מיט דעם „יהי רצון" אַז עס זאָל דער בית המקדש אויפגעבויט ווערען, דאָס מיר זאָלען די ריכטיגע עבודת בית המקדש קענען פראַקטיזירען (דער רמ״א באורח סימן קכ״ג און מגן אברהם סימן סק״א גיעבט נאָך אַ מיינונג). דערויף וואָס מיר שרעטען צוריק דריי טריט נאָך יעדער תפלה פון שמונה עשרה, און מיר זאָגען נאָכהער „יהי רצון מלפניך כו׳ שיבנה בית המקדש" כו׳, ווייל מיר געפינען, דאָס נבוכדנצר האָט בעעהרט גאָט מיט דריי טריט וואָס ער איז צוריק געגאַנגען, ווען מרודאך בלאדן בן בלאדן האָט איהם געשיקט מיט אַ בריעף צו חזקיהו מלך יהודה און האָט דאָרט דער־מאָנט פאָרהער חזקיהו און נאָכהער דעם רבונו של עולם, איז ער צוריק־געגאַנגען דריי טריט, און האָט עראינערט דעם מרודאך בלאדן בן בלאדן, דאָס עס איזט אומפאַסענד צו דערמאָנען פאָרהער אַ מענש, דעריבער האָט ער פער־דינט ביי גאָט, דאָס ער האָט איהם בעעהרט צו ווערען אַ מלך אויף דער גאַנצער וועלט, און דורך איהם איזט חרוב געוואָרען דער בית המקדש, דערפאַר גהען מיר אויך צוריק נאָך יעדער תפלה פון שמונה עשרה, אום צובעעהרען דער מיט גאָט, און מיר בעטען גלייך דאָס דער ווילען גאָטעס זאָל זיין, עס זאָל גע־בויט ווערען דער בית המקדש, וואָס ער איז חרוב געוואָרען דורך דעם רשע נבוכדנצר, וואָס ער איזט צוריקגעגאַנגען דריי טריט (ח״א סנהדרין צ״ו ע״ב).

# סימן כ

וואָרום מיר בעטען אום די פזמונים פון מאָנטאָג דאָנערשטאָג (אין די סליחות פון בה״ב) ניט ווי עס שטעהט אין די סדורים?

ווייל יעדער מענש מוז אָרדנען זיינע געבעטע דאָס ער זאָל פון אָנפאַנג בעטען אויף קלענערע זאַכען, שפעטער אָבער זאָל ער בעטען אויף גרעסערס,

און דער מדרש אויף דעם פסוק „שגיאות מי יבין” זאָגט: דאָס דוד המלך האָט
ניט געאָרדנעט זײַנע תפלות פון קלענערעס אויף גרעסערעס, און ברײַנגט אַ
משל פון די כותים וועלכע קענען געהן אין די הײַזער און בעטען, וואָס אָנ-
פאַנגס בעטען זיי וואַסער צו טרינקען, נאָכהער בעטען זיי אַ צוויבעל, און צווי-
בעל אָן ברויט קען מען ניט עסען, בעטען זיי נאָכהער אויך ברויט; אין עשרת
ימי תשובה זאָגען מיר ניט „זכרנו לחיים טובים” נור „זכרנו לחיים” אַליין, שפּע-
טער אָבער בעטען מיר „וכתוב לחיים טובים”, די ערשטע געבעטע בעטען מיר
נור לעבען, אָבער שפּעטער בעטען מיר פאַר איין גוטען לעבען, און צום
ענדע בעטען מיר „בספר חיים ברכה ושלום ופרנסה טובה”, מיר בעטען לעבען,
זעגען, פריעדען, און גוטע פרנסה דאָס העכסטע געבעטע אין וועלכער מיר
נויטיגען זיך (ע"ש בטור ובב"ח); דאָס זעלבע איז מיט די דרײַ פזמונים, איינער
פאַנגט זיך אָן „ישראל נושע”, און דער צווייטער „מלאכי רחמים”, און דער
דריטער „ה' ה' ”, דאָרום אָרדענען מיר אונזערע געבעט פון אונטען אַרויף,
ישראל, מלאכים, און נאָכהער גאָט. קומט אונז אויס צוערשט זאָגען מאָנטאָג
„ישראל נושע”, דאָנערשטאָג „מלאכי רחמים” און צוריק מאָנטיג „ה' ה'”
(געהערט פון אונזער רב הגאון ר' חיים ירמיהו פלענסבערג פון דער שטאָדט
שאקי). אין „טור אורח חיים הל' ר"ה סי' תקפ"ב, סנהדרין ק"ז איז וועגען
דעם געשפּראָכען.

# סימן כא

וואָרום מיר זאָגען נאָך שמונה עשרה מאָנטאָג און דאָנערשטאָג דעם לאַנגען
„והוא רחום” ?

דער פרדס ברײַנגט אין נאָמען פון אַ מדרש וועגען דעם לאַנגען „והוא
רחום” פאָלגענדעס: „דרײַ אַלטע לײַט האָבען געגרינדעט דעם לאַנגען „והוא
רחום”, איינער האָט געהייסען ר' שמואל, דער צווייטער ר' בנימין, און דער
דריטער רבי יוסף, וועלכע זײַנען געפאַנגען געוואָרען (אין די צײַט פון טיטוס
הרשע זאָ זאָגט דער בעל „הגיון לב”). די פאַנגער האָבען זיי פערזעצט אין פער-
שיעדענע דרײַ שיפען און אָהנע אַ שיפס-פיהרער, האָט ער די שיפען גע-
לאָזען געהן אין ים אין פערשיעדענע ריכטונגען, דאָך האָבען זיי זיך צוזאַ-
מענגעטראָפען אונטער איין רעגירונג, וועלכע האָבען די דרײַ אַלטע מערדער-
ליך געדריקט, און די דרײַ אַלטע האָבען זיך גענומען צו בעטען גאָט, און
גאָט האָט זײַערע געבעט אָנגענומען, און דער קעניג פון יענע לאַנד איז גע-

שטארבען דורך איין שרעקליכען געמאטערטען טויט, און ווען זיין טראנספאלגער האט בעטראכטען דעם קעניגס שטוהל, האט ער פערבעסערט די לאגע פון דיעזע אלטע, און דאן האבען זיי זייער געבעט וואס זיי האבען פון צרות געבעטען צו גאט, דאס איז דער „והוא רחום״ וועלכען מיר זאגען מאנטאג און דאנערשטאג. האבען זיי פאנאנדערגעשיקט אין אלע לענדער וואו אידען געפינען זיך, אויך בכל תפוצות ישראל האט מען בעשטעטיגט דיעזען לאנגען „והוא רחום״ צו זאגען אלע מאנטאג און דאנערשטאג, וועלכע זיינען בעוויליגונגס טעג פאר גאט, ווייל דער מדרש תנחומא זאגט: דאס משה רבינו איז אין דעם דאנערשטיגען טאג ארויף צו גאט צו נעהמען די צווייטע לוחות און איז ארונטער מאנטאג מיט די בשורה, דאס גאט האט די אידען פערצייהען די זינד פון עגל. דארום האבען אידען אנגענומען דיעזע צוויי פערצייהונגס טעג, און ניט קיין אנדערע צו זאגען „והוא רחום״. דער כלבו ברייננט די געשיכטע מיט די דריי אלטע לייט אבער גאנץ אנדערש, ער שרייבט דאס די אלטע לייט זיינען געוועזען געפאנגען פון ירושלים, און דער קעניג האט זיי פעראורטהיילט צום פערברענען, זאגענדיג, דאס ער האט געהערט דאס דער גאט פון ישראל קען רעטען זיין פאלק פון פייער. דארום האט ער געוואלט אויף זיי מאכען א פראבע, און אין די נאכט פאר זייער פערברענט ווערען, האט איינער פון זיי געזעהען אין חלום דעם פסוק „**כי תעבור במים אתך אני וגו׳, כי תלך במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך**״ און זיי האבען פערשטאנען דאס גאט וועט זיי רעטען פון פייער, און אלעס מען האט דעם איינעם צוערשט אין פייער געווארפען, האט זיך דער פייער צוטהיילט אויף דריי טהייל, און זיי זיינען גערעטעט געווארען, און דיעזע דריי אלטע האבען דאמאלס פערפאסט דעם לאנגען „והוא רחום״ יעדערער איין טהייל וועלכער האט זיך אנגעפאנגען מיט „רחום״ און זיך געענדיגט מיט „רחום״.

---

## סימן כב

**וואָרום זאָגען מיר ניט קיין תחנון „ויאמר דוד״ צו מנחה ערב שבת און ערב ראש חדש און ערב יום טוב, און ערב חנוכה און פורים?**

מיר זאגען ניט דאנמאהל קיין תחנון, אום זיך צו דערמאנען דאס פון אווינד צו מעריב איז יום טוב אדער שבת, אום צו זאגען „יעלה ויבא״ אדער „ושמרו״, אדער „על הנסים״, יעדע זאך צו וואס זיין יום טוב געהערט (געזעהען אין א ספר).

# סימן כג

וואָרום מיר פאַרשטעלען דעם פנים בײַ פאַלען „תחנון" און זאָגען דאַנמאָל „ויאמר דוד".

מיר פאַרשטעלען דעם פנים צום אָנדענקען פון בית המקדש צײַטען, דאָס ווען מען האָט זיך געבוקט אין דער עזרה, איז יעדערער געווען אָב געררוקט איינער פון דעם צווייטען פיר איילען, אום איינער זאָל ניט הערען דעם צווייטענס „וידוי", דאַרום צום אַנדענקען מאַכען מיר אַזוי נאָך און מיר פערבאָרגען דאָס געזיכט (שמעתי).

---

# סימן כד

וואָרום מיר זאָגען „ה' אלהי ישראל שוב מחרון אפך" מאָנטאָג און דאָנערשטאָג?

מיר זאָגען „ה' אלהי ישראל" מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, ווײַל „ה' אלהי ישראל" בעטרעפט „תרי"ג" זעקס הונדערט און דרײַצעהן, דאָס איז דער צאָהל פון אַלע מצות, און גאָט רוהט דאָרט וואו מען איז מקיים תרי"ג מצות, און ער קעהרט זײַן צאָרען צוריק (תנחומא כי תשא). אין אַ אַנדער אָרט איז געשריבען אַ אַנדער מײַנונג נעמליך, דאָס מאָנטיג און דאָנערשטיג זײַנען די טעג פון „קריאת התורה", און אַלע קלײַבען זיך צוזאַמען הערען „קריאת התורה", אויך זײַנען אין די זעלבע טעג אָפען אַלע געריכט הײַזער צו משפט'ן דאָס פאָלק אונטער דעם נאָמען פון „ה' אלהי ישראל", דאַרום קליינגט זעהער שען צו זאָגען „ה' אלהי ישראל שוב מחרון אפך" אין אַלע היגזיכטען.

---

# סימן כה

וואָרום אין די צוויי תפלות „אל ארך אפים" וואָס מען זאָגט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג איזט גיענדערט די נוסחאות פון פולין און אשכנז אין מנהג אשכנז זאָגט מען „אל באפך תוכיחנו", און מנהג פולין זאָגט מען „אל תסתר פניך ממנו", אין נוסח אשכנז זאָגט מען „והושיענו מכל רע", און נוסח פולין „והצילנו מכל רע"?

דיזע געבעטע זײַנען געגרינדעט געוואָרען אין מיטעל אַלטער צײַטען, ווען אונזער פאָלק ישראל זײַנען שרעקליך פערפאָלגט געוואָרען אין די דײַטשע לענדער, און דאָס מעהרערע האָבען אום נאָטה אונד פערפאָלגונג

געמוזט אויסוואנדערן נאך פולען צו וועלכע האבען עמפפאנגען די פערפאלגטע אידען מיט גוטע רעכטע און מיט אנגענעהמהייט, האבען דאמאלס די איינגעוואנדערטע פולישע אידען אום געביטען דעם נוסח פון „אל ארך אפים" וואס זייענדיג אין דייטשלאנד האבען זיי אוים פערצוויפלונג דיזע געבעט פער פאסט פאר קריאת התורה צו זאגען, און האבען געבעטען דאס „אל באפך תוכיחנו" וואס דאס בעדייטעט, שטראף אונז ניט גאט אזוי פיעל, אבער אין פולען האבען זיי בלויז געבעטען „אל תסתר פניך ממנו" וואס דאס בעדייטעט פערבארג ניט גאט דיינע גענאדען פון אונז אויף וויטער, וויל זיי זיינען צופרידען געוועזן מיט זייער לאגע, אין דייטשלאנד האבען זיי געזאגט „והושיענו מכל רע", וואס דאס בעדייטעט איינע שנעלע נאטהיגע הילפע, און אין פולען האבען זיי געזאגט „והצילנו מכל רע" וואס דאס הייסט, רעטע אונז פון אלגעמיינע שלעכטעס, און האבען נור געבעטען דאס זייער לאגע זאל ניט פערערגערט ווערען, און מיר זאגען זיי פאר קריאת התורה דענקענדיג: גאט! מיר געהען יעצט לייענען אין דיין תורה אויף וועלכע מיר האבען איבערגעטראטען איהרע געבאט, דו ביזט דאך גאט איין צארען-ערלענגערער, א מאריך אף, בעטען מיר דיר אז ניט מיט צארען אונז צו שטראפען „אל ארך אפים, אל באפך תוכיחנו" (הבלבי סימן י"ט).

---

# סימן כו

בייא דעם ארויסנעהמען די ספר תורה אין וואכענדיגע טעג, ווארום מיר זאגען ניט „על הכל יתגדל וישתבח"?

דער לבוש (או"ח קליד) זאגט זיין מיינונג, דאס אום ניט צו בעלעסטיגען די געמיינדע מיט צופיעל תפלות, ווערענד יעדערער מוז געהן זוכען פרנסה און האט נויטיגער גיכער צו אבדאווענען.

---

# סימן כז

ווארום מען איז זיך נוהג ניט אנצופאנגען מאנטאג און מיטוואך (ב"ד) קיין אונטערנעהמונג?

דער מיינונג דאריבער איז א אבשטאמונג פון זהר (פ' תצא דף רפ"א) וויל לויט קבלה איז דער גיהנם מאנטאג בעשאפען געווארען, און מיטוואך

זיינען די הימעלשע בעלייכטונג דורך שלעגע דורך געדרונגען (וכן בפסחים נ"ד), אָבער לויט מסכת ראש השנה (דף ג') איז איבערצייגט פון דעם פסוק „ויחל לבנות בחודש השני בשני". דאָס מען קען אָנפאַנגען איינע נייע אונטערנעהמונג אויך אין מאָנטאָג און מיטוואָך. דאָך שרייבט דער בית יוסף (טור יורה דעה סימן קע"ט) דאָס די וועלכע פאַנגען ניט אָן קיינע אונטער-נעהמונג מאָנטאָג און מיטוואָך, האָבען ניט קיין אָבשטאַמענדען מיינונג און קיין ריכטיגע בעווייזע אויף דיזעס, און דער ספר „יוסף אומץ" (דף קנ"א ע"ב) בריינגט, דאָס דער מהרש"ל האָט געזאָגט צו אָנפאַנגען אַרבייט אין דיזע טעג, אָבער נור אַזעלכע אַרבייט וואָס געהערען צו אַ הייליגטהום, געגרינדעט אויף דעם פסוק „ב"ד קדש ילבש".

---

# סימן כה

זוארום צו מעריב זאָגט ניט איבער דער חזן די „שמונה עשרה" אזוי ווי צו שחרית און צו מנחה, און ער זאָגט נאָר קדיש פאַר „שמונה עשרה", און ווארום זאָגט מען ניט פאַר „שמונה עשרה" צו מעריב דעם פסוק „כי שם ה' אקרא"?

ווייל לויט דעם תלמוד איז „תפלת ערבית" דאָס הייסט מעריב דאַווענען איז נאָר אַ רשות, אָבער ניט קיין חוב, דאָס הייסט קיין עקסטראַ פפליכט אויף צו דאַווענען מעריב (רמב"ם ה' פ"ט הלכה ט'), און דארום זאָגען מיר ניט דעם פסוק כי שם ה' אקרא, ווייל דאָס וואָס דער חזן זאָגט איבער נאָך אַמאָל די שמונה עשרה, איז דאָס נור אום מוציא צו זיין די וועלכע האָבען ניט ריכטיג בעאָבאַכטעט אין זייער דאַווענען שמונה עשרה, און מיט דעם פסוק „כי שם ה' אקרא" לאָזט ער וויסען דאָס זיי זאָלען אין אַכט נעהמען אויף צו ענטפערען „אמן", אָבער אין מעריב דאַרף דער חזן ניט זאָגען דעם פסוק „כי שם", און אויך ניט איבער זאָגען די שמונה עשרה, צו איין ווידערהאָלונג, ווייל מעריב איז איינע פרייוויליגע געבעט (רשות), און עס איז ניט נויטיג צו מאַכען ברכות לבטלה, ווייל קיינער איז אין זיי ניט פערפפליכטעט. און דער קדיש וואָס דער חזן זאָגט פאַר שמונה עשרה צו מעריב, בריינגט דער טור דאָס פערצייטענס זיינען די אידישע שוהלען געוועזען אין די פעלדער, און ווייל זיי האָבען מורא געהאַט צו שפעט צו פערבלייבען אין די פעלדער, האָבען זיי אַנשטאָט די לאַנגע שמונה עשרה נור געזאָגט די פסוקים „ברוך ד' לעולם אמן ואמן" אין וועלכע עס געפינען זיך אַכטצעהן ברכות געגען די אַכטצעהן ברכות וועלכע עס גיעבט אין שמונה עשרה, און אַזוי ווי די אַכטצעהן ברכות פון

„ברוך ה׳ לעולם״ האבען זיי געזאגט אנשטאט די ווילטיגע תפלת „שמונה עשרה״, און אזוי ווי פאר יעדער תפלה האבען זיי בענוצט א קדיש, האבען זיי בעשטימט אויך צו די אלטצעהן ברכות (פון „ברוך ה׳ לעולם אמן ואמן״) צו זאגען קדיש, וועלכע עס זיינען פערבליבען ביז צו־ יעצטיגען טאג צו זאגען ביידע „ברוך ה׳ לעולם״ אויך דעם „קדיש״.

---

# סימן כט

וואָרום מיר זאָגען אין אָוענד צו מעריב צוויי ברכות פאר קריאת שמע, און צוויי ברכות נאך קריאת שמע, און אין דער פריה צום דאווגען זאגען מיר מעהר ניט ווי איין ברכה נאך קריאת שמע?

אויף דיעזער פראגע האט געענטפערט דער רבינו תם צו ר׳ יצחק הגר ווען דער לעצטער האט איהם געפרעגט, און דארום איז דאס ווייל אין דער פריה האט מען די מצוה פון ציצית אבער ניט פון אווינד וואס דאנמאל איז מען פטור פון ציצית (מ״ת סימן ו׳ ומ״ם). נאך א מיינונג גיעבט פון ספר המנהיג, אז די זיעבען ברכות פון קריאת שמע זיינען נעגרינדעט אויפ׳ן פסוק שבע ביום הללתיך, דאס הייסט זיעבען מאל אין טאג לויבע איך דיר.

---

# סימן ל

וואָרום רופט דער שמש אין שוהל אריין ערב שבת פאר מנחה?

אלס די אידען זיינען נאך אויף זייער לאנד געזעסען, האבען זיי געהאט א מנהג יעדען ערב שבת צו בלאזען אין א אינסטרומענט זעקס תקיעות, דאמיט אן צו זאגען דאס פאלק דאס דער שבת קומט, און מען זאל די ארבייט אוועקלייגען. דארום איז ביי אונז פערבליבען דאס דער שמש זאל רופען אין שוהל אריין אום מען זאל פערשליסען די לאדענס (קראמען) און אוועקלעגען די ארבייט (יעב״ץ).

---

# סימן לא

וואָרום מיר שניידען אב די נעגעל יעדען ערב שבת?

לויט דעם זוהר הקדוש פ׳ ויקהל (דף ר״ה ע״ב) וואס ער זאגט דארט דאס קיין נעגעל זאל מען ניט ווארפען, ווארום מען קען חו״ש ניזק ווערען,

ווייל די טומאה און די שמוטץ וואס איז אין די נעגעל איז לויט די וויסענשאפט אויך א סכנה, און ערב שבת זיי אב צושניידען איז אום עס זאל ניט רוהען די קדושה אויף טומאה, ווייל שבת איז היילינ, און לויט דעם ספר „מעשה תורה" און אין כלבו איז געזאגט, דאס גרויסע נעגעל צו טראגען ברייננט צו אונמוטהה און זארג וואס דאס ברויכט שבת ניט צו זיין, ווייל שבת איז נור פערגעניגען, זא ווי געשריבען איז „וקראת לשבת ענג".

# סימן לב

**וואָרום מיר שניידען די נעגעל היפּעגדיג און מיר שניידען ניט די נעגעל פון די פיס און די הענד אין איין טאג ?**

לויט דעם דין אורח חיים (סימן ר"ס) און אין רמ"א אין דעם נאמען פון אבודרהם מוז מען די נעגעל שניידען ניט אין פינגער נאך דעם צווייטען, נור היפעגדיג, און דער מגן אברהם אין-דעם נאמען פון אר"י הקדוש שרייבט, דאס דער האר"י האט זיך אויסגעלאכט פון דעם, אויך האט דער מהר"ם ניט געאכטעט צו שניידען זיינע נעגעל היפעגדיג (התשב"ץ), דער אבודרהם שרייבט דאס ער וויים ניט דיעזען מיינונג, דאך זאגט דער מגן אברהם, אז מען זאל זיך היטען און דאך שניידען די נעגעל היפעגדיג, און דער רב פון אונזער שטאדט שאקי הרה"ג ר' חיים ירמי' פלענסבערג האט מיר געזאגט, דאס דער אורקוואל פון שניידען די נעגעל היפעגדיג האט א וויכטיגען מיינונג פון גמרא עבודה זרה (דף י' עמוד א') דאס רבי האט געראטהען זיין פריינד אנטונינוס, דאס ער זאל טייטין איינעם פון זיי און ניט איין רייצען אלעמען מיט אמאל, די זעלבע איז מיט נעגעל, אום ער זאל ניט איין רייצען די טומאה מיט איין מאל ווען ער וועט שניידען פינגער נאך פינגער, דאס איבערצייגט אז אין די נעגעל ליעגט פיעל טומאה, און ווען מען זאל זיי שניידען גלייך, קען מען די טומאה איינרייצען, און אום ערב שבת ארונטער צו נעמען די טומאה און זיי ניט איינרייצען זאלען איינע שניידען און איינע לאזען ביז צום ענדע, און נאכהער צוריק אבשניידען די איבערגעהיפטע, און ניט אב צושניידען די נעגעל פון די פיס און פון די הענד אין איין טאג, זאגט דער מגן אברהם או"ח חיים סימן ר"ס אז דאס איז א סכנה.

# סימן לג

**ווארום מיר זאָגען „שיר השירים״ ערב שבת?**

שלמה המלך עליו השלום האָט פֿערפֿאַסט דעם „שיר השירים״ וועלכער איז קודש קדשים אין דעם פֿאָרם פֿון א געליעבטען מיט א געליבטע, וואָס דאָס מיינט מען גאָט און די כנסת ישראל, און אַלעס פֿאַרמיטלער צווישען די חתן כלה, גאָט און די אידען, האָט ער דעם „שיר השירים״ פֿערפֿאַסט, און דער שבת קודש וועלכער איז אויך דער פֿערמיטלער (שדכן) צווישען גאָט מיט די כנסת ישראל, וועלכער בינדעט זיי ביידען צוזאמען, דארום זיינען מיר זיך נוהג צו זאָגען „שיר השירים״ צו פֿערשטאַרקען אונזער ליעבע צו גאָט. דער „שושני לקט״ שרייבט. דאָס גאָט פֿערציהעט די אַלוועלענדליכע זינדע צו די וועלכע זינגען מיט פֿערגעניגען דעם „שיר השירים״.

---

# סימן לד

**ווארום די ווייבער פֿערדעקען די אויגען מיט די הענד איידער זיי מאַכען די ברכה אויף ליכט בענטשען און מאַכען די ברכה נאָך דעם אָנצינדען, און ניט ווי אַלע ברכות וואָס מען מוז מאַכען בעפֿאָר מען טהוט די מצוה?**

די פֿרויען פֿערדעקען די אויגען מיט די הענד, אום זיי זאָלען קיין הנאה פֿון די שיינונג פֿון די ליכט ניט האָבען ביז נאָך דער ברכה, זאָנסט וועט דאָס זיין אַ ברכה נאָך איין אָב געטהאָנענע מצוה, עובר לעשיתן, (רמ״א או״ח רס״ג), און אַ ברכה דאַרפֿען מאַכען ביי דעם טאָהן די מצוה אָבער ניט נאָכהער, אָבער דאָ מוז זי מאַכען אַ ברכה נאָך דעם אָנצינדען די ליכט, דען ווען זי זאָל די ברכה מאַכען פֿאַר דעם ליכט אָנצינדען, האָט זי דאָך שוין מיט די ברכה להדליק אויף זיך דעם שבת אָן גענומען, און זי טאָהר דאָך ניט אָנצינדען קיין ליכט אום שבת, דארום צינד זי אָן פֿאָרהער די ליכט, און נאָכהער די ברכה (מגן אברהם שם בשם ספר הפרישה).

---

# סימן לה

וואָרום מיר זאָגען ניט קיין „מעריבית" אין יום טוב אווינד ווען זיי געפאלען אום שבת?

ווייל די פיוטים פון מעריבית זיינען ניט גוט בעקאנט צו די זאָגערס, קען קומען דערצו דאס דער זאָגער זאל זיך שטארק צו ביינען צו די ליכט און די ליכט קען פאלען און חו"ש קומען צו חלול שבת אָדער א שרפה, אָבער דעם געוועהנליכען דאווענען מעג מען פאר א ליכט, ווייל ער איז מיט דעם דאווענען גוט בעקאנט וועט ער זיך צו די ליכט ניט ביינען, (לבוש סימן תצ"ד רמ"א או"ח סימן ער"ה).

# סימן לו

וואָרום אין די וואָכענדיגע מעריב פאנגט מען אָן „והוא רחום" און שבת און יום טוב גלייך „ברכו"?

דער ספר היכל הקדש ווי אויך דער בחיי אין פרשה יתרו שרייבען פון א מדרש רות דאס אין גהנם הערשען דריי מלאכים וועלכע הייסען מיט די נעמען, משחית, אף, און חמה, און דיזע דריי מלאכים הערשען די גאנצע וואך פון אָווענד צו אָווינד, דארום זאָגען מיר דעם „והוא רחום" די גאנצע וואך צו מעריב, און מיר בעטען גאט אז ער זאל אונזערע זינדע פערצייהען און ניט אונז איבערגעבען צו דעם מלאך המשחית „לא ישחית", און צוריק קעהרען זיין צארען „והרבה להשיב אפו". דאס הייסט דעם מלאך וועלכער הייסט „אף", און ניט ערוועקען זיין גאנצען צארען „ולא יעיר כל חמתו", דאס הייסט דעם מלאך וועלכער הייסט „חמה", אָבער שבת האָט דאך דער גיהנם אויך רוהע, און אום צו בעשטעטיגען דאס די רשעים רוהען שבת, פאנגען מיהר אָן צו זאָגען שבת „ברכו" און ניט „והוא רחום" וואס אין איהם דערמאָנען זיך די דריי מלאכי משחית. אין טור אורח חיים סימן רל"ז גיעבט א אנדער מיינונג.

# סימן לז

**ווארום זאגען מיר ניט שבת „גוט אָווינד" ווי די גאנצע וואָך, נור מיר זאָגען „גוט שבת" ?**

ווײַל דער מדרש שוחר טוב אויף דעם מזמור צ"ב זאָגט: דאָס אין דעם זעקסטען טאָג וואָס אדם הראשון איז געוואָרען בעשאַפען, האָט געלײַכט דער זעקסטער טאָג און אויך די נאַכט, דאָס הייסט דער פרײַטאָג צו נאַכט וועלכער האָט אויך געלויכטען עבענזאָ ווי אין מיטען טאָג, (גם בב"ר פי"ח ופסיקתא דבתא דף ע"ג בפי' מנה אחת אפים).

# סימן לח

**ווארום מיר זאָגען „במה מדליקין" פרײַטאָג צו נאַכט, און ווארום זאָגען מיר ניט „במה מדליקין" אין דעם פרײַטאָג צונאַכט ווען דער שבת געפאַלט אויף יום טוב ?**

דער הויפט פון דעם גאַנצען זאָגען „במה מדליקין" פרײַטאָג צו מעריב איז, ווײַל אין דעם פרק איז דאָ די דינים ווי און מיט וואָס מען מעג אָנצינדען, ווי אויך וואָס ער דאַרף זײַן פאַמיליע אָנזאָגען ערב שבת פאַרנאַכט „עשרתם ערבתם הדליקו את הנר", איז זאָגענדיג „במה מדליקין" וועט ער ניט פערגעסען זײַנע פפליכטען וועלכע געהערען צום שבת. און דאָס וואָס אין אַנדערע קהלות זאָגט מען „במה מדליקין" נאָך מעריב, זאָגט דער „מנהגי מהרא"ק" דאָס אום די וועלכע פערשפעטיגען זיך צו קומען מעריב דאַוונען, איז אין דער צײַט וואָס דער עולם זאָגט „במה מדליקין" וועט דער פערשפעטיגטער קענען דאַוונען מעריב, און אַרויסגעהן פון שוהל מיט אַלע מען גלײַך, און ניט בלײַבען אין שוהל. און מיר זאָגען ניט „במה מדליקין" חול המועד ווען ער געפאַלט אום שבת, ווײַל דאַן פערשפעטיגט זיך קיינער ניט צו קומען אין שוהל, ווײַל חול המועד דאָס מעהרערע אַרבײַטען ניט און יום טוב ווען ער געפאַלט אום שבת אָדער ערב שבת זאָגט מען ניט קיין „במה מדליקין", איז, ווײַל מיר זאָגען „עשרתם ערבתם", און יום טוב גיעבט מען קיין מעשר ניט. אין אונזערע קהלות זאָגט מען „במה מדליקין" פאַר מעריב זאָ ווי די ספרדים, און אַזוי פסקעט אויך דער ווילנער גאון אין זײַן ערקלעהרונג צו אורח חיים (סי' ע"ב), און דער בית יוסף אין טור אורח חיים שרײַבט דאָרט אַ אַנדער גוטען מײַנונג.

# סימן לט

וואָרום מיר זאָגען „אמר רבי אלעזר” נאָך במה מדליקין ?

מיר זאָגען „אמר רבי אלעזר” נאָך במה מדליקין, איז אום מען זאָל קענען זאָגען קדיש, דען מען זאָגט ניט קדיש נאָך הלכות (דינים) נאָר נאָך אגדות.

# סימן מ

וואָרום יום טוב ווען עס געפֿאַלט אום שבת זאָגען מיר ניט „לכו נרננה” און ניט „לך דודי” און וואָרום זאָגען מיר צוויי מאָל „בואי כלה” ?

מיר זאָגען ניט „לכה דודי” ווען יום טוב געפֿאַלט אום שבת איז, דאָס ניט מעהר דאָס מיר זאָלען דעם יום טוב ניט פֿערשעהמען. ווייל מיר זאָגען דאָך „פני שבת נקבלה” און ניט „פני יום טוב נקבלה”, און אַז מיר זאָגען ניט דעם „לכה דודי” זאָגען מיר שוין אויך ניט די קאַפּיטלעך תהלים, וועלכע מיר זאָגען יעדען שבת פֿאַר דעם לכה דודי (עקרי דינים סימן י״ב אות א׳ בשם ס׳ בית דוד סימן רס״ד); און די אַלע מזמורים וועלכע מיר זאָגען פֿאַר דעם „לכה דודי” איז אויך ניט מעהר ווי צו בעזינגען דעם שבת איידער מיר עמפּפאַנגען איהם עבענזאָ ווי מיר עמפּפאַנגען אַ כלה פֿאַר דער חופה, און שבת הייסט אַ כלה פֿאַר די האָכצייט פֿון גאָט מיט ישראל אין דעם הייליגען שבת (שבת קי״ט עיין שם ברש״י). אויך גיעבט אַ מיינונג דאָס דער ניט זאָגען די קאַפּיטלעך תהלים מיט דעם „לכה דודי” איז ניט מעהר, ווייל יום טוב דאַרף מען זיך היילען שנעלער אָב צו דאַווענען, אום ניט צו פֿערקירצען דעם עונג יום טוב. וואָס יעדער איד דאַרף אין זיין יום טוב פֿערגעניגען האָבען אין זיין הויז מיט זיין פֿאַמיליע, דאַרום האָט מען פֿערקירצט די שבת׳דיגע מזמורים מיט דעם שיר לכה דודי (שו״ע או״ח סי׳ תקכ״ט ממהרין לצאת מביהכנ״ם משום שמחת יום טוב ועיין מגילה פרק הקורא עומד דף כ״ג), און דאָס וואָס מיר דאַפּלען צו זאָגען צוויי מאָל „בואי כלה בואי כלה”, איז אויך ווייל שבת איז געגליכען צו אַ כלה, וואָס צו ערשט ברייננגט מען איהר צו דער חופה און נאָכהער אין הויז פֿון איהר מאַן, דען אַזוי ווי דורך די קדושין ווערט די כלה שוין גערעכענט פֿאַר איינע פֿערהייראַטע, אַזוי ווערט דער שבת דורך זיין טאָג פֿערהייליגונג „קידוש היום” גערעכענט אַלעם פֿערהייראַטע צו ישראל.

# סימן מא

וואָרום מיר זאָגען ניט „שומר עמו ישראל לעד" שבת צו מעריב נור „הפורש סוכת" וכו'.

די גאַנצע וואָך זאָגען מיר „שומר עמו ישראל לעד", ווייל גאָט וואַכט איבער אונז, און היטעט אונז. אָבער שבת ווען מיר היטען איהם ריכטיג איז דער שבת אליין אונזער שומר, דאַרום זאָגען מיר „ושמרו ישראל את השבת" דען ווען מיר וועלען איהם היטען וועט ער אונז היטען, איבער דעם דאַרפען מיר ניט זאָגען „כי אל שומרנו" און „ושמור צאתנו", נור מיר זאָגען דאָס יע, ווייל מיר זיינען ניט בחזקה אין די פעסטהייט דאָס מיר זיינען ריכטיגע היטער פון דעם הייליגען שבת, מוזען מיר בעטען ביי גאָט זיין איבעריגע שמירה, אָבער ווען מיר זאָלען פערענדיגען שבת מיט די ברכה פון „שומר עמו ישראל לעד", דאָ וואָלט אויסגעזעהען דאָס שבת איז גלייך מיט אַלע טעג, וועלכער מוז האָבען די געטליכע עוויגע היטונג, ווערענד אין דער ווירקליכקייט האָט שבת איין זעלבסט היטונג, וואָס גאָט האָט בעשטימט דאָס דער שבת אַליין זאָל אונז היטען, דאַרום פערענדיגען מיר ניט דעם „שומר עמו ישראל לעד", נור מיר פערענדיגען מיט די ברכה פון „הפורש סוכת שלום" (ט"ז או"ח סימן רס"ז).

---

# סימן מב

וואָרום מיר זאָגען ניט פרייטאָג צו נאַכט דעם „ברוך ה' לעולם אמן ואמן"?

דער מיינונג דאַריבער איז, ווייל דיעזע אַלטצעהען פסוקים פון דעם „ברוך ה' לעולם" איז געגען די אַלטצעהען ברכות פון שמונה עשרה, און אַזוי ווי פערצייטענס זיינען די בתי כנסיות, דאָס הייסט זייערע שולען זיינען געוועזען אין די פעלדער דאָרט וואו זיי האָבען געאַרבייט, און זיי האָבען מורא געהאַט דאָרט צו פערווײַלען ביז שפעט, ביז נאָך אַ לאַנגען מעריב דאַווענען, זיינען זיי יוצא געוועזען מיט די פסוקים פון דעם „ברוך ה' לעולם" אַנשטאָט שמונה עשרה (ט"ז אורח חיים סימן רל"ו ס"ק ב'), און דער אבודרהם שרייבט, דאָס עס איז געוועזען אַ צייט וואָס די רעגירונג האָט ניט ערלויבט אידען צו בעטען גאָט אין איין אָווינד געזעלשאַפטליכע געבעט, אונד ניט צו שטעהען און בעטען שמונה עשרה, דאַרום האָבען זיי פערקירצט מיט די אַלטצעהען פסוקים פון „ברוך ה' לעולם" אַנשטאָט שמונה עשרה, און אָבוואָהל נאָך ביידע מיינונגען

דאס אונזער שוהלען זיינען אין שטאדט, און די רעגירונגען ערלויבען אונז צו בעטען גאט, דאך האט מען ניט מבטל געמאכט די אלטע תקנה, און מיר זאגען נאך יעצט אויך דעם „ברוך ד׳ לעולם״, אבער נאך אלעם דעם איז דאך די פסוקים פון „ברוך ה׳ לעולם״ בעשטימט געגען די וואכענדיגע שמונה עשרה, און אזוי ווי שבת דאווגען מיר ניט קיין וואכענדיגע שמונה עשרה, ברויכען מיר אויך ניט צו זאגען דעם „ברוך ה׳ לעולם״. ווערכער געהער נור צו די וואכענדיגע שמונה עשרה און ניט צו די שבת׳דיגע.

עס שאדעט ניט אויף דעם ארט צו בעמערקען וואס אנדערע פון אונזערע זעלבסט חכמים בעהויפטען דאס היטען שבת אין אלגעמיין איז ניט פון די ווינציגסטע גרינדע פון די אמונת ישראל, דער מיט וואס לויט די רונדיגקייט פון די ערד קומט אויס שבת ניט אין אלע וועלט טהיילען גלייך, און ווען אין יעווראפע געהט מען שבת צום דאווגען איז אין די וויטע וועלט טהיילען שוין נאך הבדלה, און זאגאר אין אמעריקא איז א אונטערשייד געגען ליטא פון רוסלאנד אין זעקס שטונדען, איז אויף דיזע פראגען האבען מיר א קירצען אנטווארט געגרינדעט אויף דעם פסוק „מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו״ די פארשער האבען אויסגעפונען דאס ווען א האן קרעהט האט ער אליין קיין נוטצען פון זיין קרעהען, נור עס איז איהם אריינגעגעבען געווארען א אינשטינקט דאס ער זאל קענען אונטערשיידען פון טאג און נאכט, ווען זאגאר מיר זאלען איהם האלטען פערשפארט איינגע טעג און נעכט אין א ארט וואס דארט איז דורך־אויס פינסטער, דאך וועט דער האן קרעהען. אין יוראפ ווען דארט דארף ווערען טאג, און דער האן וועט קרעהען אין אמעריקא אין דער צייט, ווען אין אמעריקא דארף ווערען טאג לויט די לאנד און ארט וואו דער האן איז, דארט וועט ער קרייהען צו אונטערשיידען פון טאג ביז נאכט, און ער וועט ניט קרעהען לויט די וואנדלונג פון ערד קוגעל, וואס עס איז פערשידען פון איין וועלט טהייל צו דער צווייטער אין די צייט פון טאג און נאכט, דארום דארף מען היטען שבת לויט דעם ארט וואו מען איז, איין נאכט און איין טאג ווי גאט האט געהייסען (באר חיים).

---

# סימן מג

וואָרום מיר זאגען פרייטאג צו נאכט „ויכולו״ נאך די שמונה עשרה און דוקא שטעהענדיג?

אָבוואהל מיר זאגען „ויכולו״ אין די שטילע שמונה־עשרה, דאך האט מען מתקן געוועזען צו זאגען נאך די שמונה עשרה א צווייטען מאל „ויכולו״

אין דער הויף, און שטעהענדיג, ווייל דיעזער „ויכולו" ענטהאלט די אנערקענונג, דאס גאט איז דער בעשעפער פון דער וועלט איז זעקס טעג, און אין דעם זיבענטען טאג האט ער גערוהט, און דער מענש מיט זיין פערשטאנד איז דער איבערצייגער, דער עדות אויף די געטליכע בריאה, און זאגען עדות מוז מען מיט הויכע ווארטען, און שטעהענדיג, שנאמר „ויעמדו שני האנשים וגו'". און ווען יעמאנד דאווינט ביי זיך צו הויז מעג ער זאגען „ויכולו" ניט שטע- הענדיג, ווייל אין שוהל האבען שוין אלע עדות געזאגט, און דאס וואס ער זאגט צוויי מאל „ויכולו" צו הויז איז דאס ניט מעהר ווי פאר זיין אייגענע פאמיליע (ערבי פסחים דף ק"א), און דאס וואס מיר זאגען דעם ערשטען מאהל „ויכולו" אין שמונה עשרה, איז גענומען פון תלמוד (שבת קי"ט), דאס רב המנונא האט געזאגט דאס דער יעניגער וועלכער זאגט אין אווינד געבעט פרייטאג צו נאכט דעם „ויכולו", איז גלייך ווי ער וואלט זיין א שותף צו גאט אין זיין וועלט בעשאפונג, נאך מיינער מיינונג איז דער מאמר פון רב המנונא געגריינדעט אויף דעם פסוק „כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו" דאס גאט האט די וועלט בעשאפען צו זיינער עהרע, דאס מען זאל אנערקענען די געטליכע בריאה און זיין בעשעפער איז דאך די גאנצע בעשאפונג נור צום אנערקענען דעם בעשעפער, און דער וועלכער זאגט „ויכולו השמים" ער פער- שטעהט וואס ער זאגט, הייסט דאס ער אנערקענט דעם בורא עולם און אין מודה אין זיין בעשאפונג, און ער זאגט עדות אויף די געטליכקייט, און זיין זאגען און פארשטעהן איז דאס אליין דער שותפות אין מעשה בראשית, ווייל דער שכל און דער דיבור איז דער גרעסטע טהייל פון די בריאה וואס גאט האט בעשאפען. נאך א מאמר אין דעם זעלבען פלאטץ דאס צוויי מלאכי השרת בעגלייטען דעם מענשען וועלכער זאגט „ויכולו" און זאגען צו איהם דאס דיין זינדע איז פערצייהעט „וסר עונך וחטאתך תכופר" קען דער לעזער געפינען א גוטען מיינונג אין מיין העברעאישען „מנהגי ישרון" וועלכער איז דער אריגינאל. נאך אמיינונג איז צו זאגען „ויכולו" נאך אמאל נאך די שמונה עשרה, ווייל אז עס געפאלט יום טוב אום שבת זאגט מען דאך ניט אין שמונה עשרה ויכולו ווייל מיר זאגען דאן אתה בחרתנו, איז אום ניט צו מאכען קיין אונטערשייד פון איין שבת געגען דעם צווייטען שבת דארום זאגען מיר „ויכולו" נאך די שמונה עשרה זאגאר יום טוב. (תוס' פסחים ק"י).

# סימן מד

„וארום מיר זאגען איבער פריטאג צו נאכט דעם „אלהינו ואלהי אבותינו"
און אויך זאגען מיר „מגן אבות" וואס דאס הייסט „ברכה מעין שבע"?

מיר זאגען דיעזעס אלעס נאך די פריטיג צונאכטיגע שמונה עשרה, וויל מיר האבען פריהער געשריבען דאס פערצייטען זיינען די שוהלען געוועזען אין די פעלדער, און ווען יעמאנד איז געקומען שפעט צום דאווגען ווען אלע וואלטען שוין אבגעדאווינט, וואלט דאך דער שפעטקומענדער געטוזט בלייבען איינער אליין אין שוהל, און עס וואלט חלילה איהם קענען געהעגדיג צוריק אליין טרעפען צו זיין אין א געפאהר, דארום איז מען מאריך מיט די תפלות איבערזאגענדיג, אום די שפעט קומענדע זאלען צייט האבען אב צו דאווגען און קענען אלע גלייך גייהן אהיים (ט"ז או"ח סימן רס"ח), און מיר זאגען ניט דיעזעס אלעס דעם ערשטען אווינד פסח ווען ער געפאלט אום שבת, וויל פסח איז א ליל שמורים; דער אליהו רבא שרייבט, דאס מען זאל די „ברכה מעין שבע" ניט זאגען אין אמנין וועלכען מען דאווינט נור צייטענוויז און ניט שטענדיג, אויך ניט ביי איין אבל ר"ל, און אויך ניט אין א חתן'ס הויז, דאך אין די ערטער וואו מען איז זיך נוהג צו זאגען דארף מען ניט פארווערען.

---

# סימן מה

וואָרום מיר זאגען פריטיג צו נאכט „וינוחו בה" און שבת פריה זאגען מיר „וינוחו בו" און צו מנחה זאגען מיר „וינוחו בם"?

וויל די ענדע פון די ווערטער בה, בו, בם, איז דער צאהל איינאונפופציג וועלכע הייסען נ"א, און אזוי ווי מיר האבען בקבלה, דאס די רשעים פלאגען זיך אין גיהנם די גאנצע וואך און שבת רוהען זיי, זאגט דער פסוק יגמר „נא" רע רשעים דאס הייסט, אז מען וועט רוהען שבת פון אווינד ביז אווינד, וועלען די רשעים אויך רוהען פון אווינד ביז אווינד (א"ז בשם כנה"ג סי' רס"ח).

נאך א מיינונג גיעבט דעריויף, וויל די דריי ווערטער בה, בו, בם, איז דער צאהל פון זיי זן זיבען און פופציג, און די גמרא אין שבת (דף קי"ח) זאגט: „כל המענג את השבת כו' וניזון כרוחה" דאס הייסט, דער וואס האלט עהרליך דעם שבת ווי געהעריג איז, בעקומט ער זיין שפייז זייער

לײַכט, דאָס איז דער נעדאַנק פֿון די דרײַ ווערטער בה, בו, בם, וואָס בײַ יעדעס וואָרט שטעהט דער וואָרט „וינוחו״, הײַסט עס, ווען יעמאַנד רוהעט אין שבת ווי די געבאָטע גאָטעס, דאַן שיקט איהם גאָט צו זײַן שפּײַז זײַער גרינג.

# סימן מו

## וואָרום מיר זאָגען „שלום עליכם״ פרײַטיג צו נאַכט קומענדיג פֿון שול?

דער זאָגען „שלום עליכם״ פֿרײַטאָג צו נאַכט איז גענומען פֿון תלמוד (שבת קי״ט) דאָס רבי יוסי ב״ר יהודה זאָגט: דאָס צוויי מלאכים אײנער אַ גוטער און דער צווייטער אַ שלעכטער באַגלײַטען יעדען מאַן, ווען ער געהט פֿרײַטאָג צו נאַכט פֿון שוהל אַ היים, און ווען ער קומט צו הויזע און געפֿינט ליכט אָנגעצונדענע און דעם טיש גערעקט, און זײַן בעט איין אויסגעבעטע, זאָגט דער גוטער מלאך, גיעבע גאָט דאָס אַנדערע שבתים זאָלען אויך אַזוי זײַן, און דער שלעכטער מלאך ענטפֿערט „אמן״ איבערגעוואַלד, און ווײַל ביידע מלאכים פֿעראײניגען זיך אין איין מײנונג צום גוטען, און דער מלאך וואָס איבער שלעכטעס מאַכט שלום מיט דעם מלאך וואָס איבער גוטעס צו האָבען פֿעראײניגטע מײנונגען, דעריבער רופֿען זיי זיך „מלאכי שלום״; און ווירקליך איז פּאַסענד דער שלום ערב שבת פֿאַר אַלע מענשען און הויפּט-זעכליך צווישען מאַן און ווײַב, דאָס איז אײנער פֿון די העכסטע ענינים אין דער מענשהײַט און אין פֿאַמיליען לעבען (תיקוני זהר), און פֿריעדענס-מלאכים בעגלײַטען און בענטשען יענע פֿרידליכע פֿאַמיליע. דער מנורת המאור (נר ג׳ כלל ד׳) ערקלעהרט דאָס די צוויי מלאכים זײַנען דער גײַסט און קערפּער פֿון דעם מענשען, וואָס דער קערפּער הײַסט דער „מלאך רע״ ווײַל דער קערפּער ווינשט זײַנע תאות, און דער גײַסט זײַן גײַסטליכען הײַליגטהום.

# סימן מז

## וואָרום מיר פֿאַרדעקען די חלה פֿרײַטיג צו נאַכט צו קידוש?

דאָרט וואו עס איז אויף דעם טיש פֿאַראַנען ווײַן אויף קידוש און אויך חלה, דאַרף מען פֿאַרדעקען די חלה, אום זיי זאָלען ניט פֿערשעמט ווערען ווען ער מאַכט קידוש איבער דעם ווײַן, און דאָ אָבער וואו קײן ווײַן אויף קידוש

איז ניטא, קען זיין די חלה ניט קיין צוגעדעקטע, און ווען וויין און חלה זיינען דא אויף דעם טיש, נור די חלה איז אבגעדעקטע, דארף מען מאכען קידוש אויף די חלה און ניט אויף דעם וויין (שולחן ערוך אורח חיים סי׳ רע״א סעי׳ ט׳ ובט״ז שם ס״ק י״ב בשם הטור מן הירושלמי).

דער טור שרייבט דערויף איין אנדער מיינונג וואס די חלה דארף זיין צו געדעקט, וויל דאס איז צום אנדענקען פון מן (הימעל-שפייזע) וועלכער איזט געווען צו געדעקט, טויה פון אויבען און טויה פון אונטען, נאך דעם מיינונג מוז אלע מאל זיין צו געדעקט די חלה.

## סימן מח

וואָרום מיר זאָגען אויף ברויט „המוציא לחם" און ניט „בורא פרי האדמה"?

מיר זאָגען „המוציא לחם מן הארץ", וויל מיר געפינען דאס דער פסוק זאָגט אזוי אין תהלים „המוציא לחם מן הארץ". און אויף די וואס מיר זאָגען „בורא פרי האדמה" איז אויך דאס זעלבע, וויל דער פסוק זאָגט אין תורה „הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה", דארום זאָגען מיר אויף ברויט „לחם מן הארץ" און אויף אנדערע „האדמה" וויל די פסוקים זאָגען אזוי.

## סימן מט

וואָרום מיר פיהרען איבער דעם מעסער איבער די חלה פרייטאג צו נאכט ווען מען מאכט קידוש ביי „המוציא לחם מן הארץ" און מיר שניידען ניט גלייך ביי ברכת המוציא?

דארום וויל אין די וואכענדיגע טעג זאָגען מיר די ברכה פון „המוציא" ביי דעם שניידען דעם ברויט, און ווען מיר זאלען נאך דער ברכה שניידען, וועט דאך זיין א הפסק (מגן אברהם אורח חיים סי׳ קס״ז), אבער שבת וואס נאך דער ברכת „המוציא" דארפען מיר נאך זאָגען די ברכה „אשר קדשנו במצותיו ורצה בנו" און מיר דארפען האלטען די חלה גאנצע ביז ענדע דעם קידוש מאכען, דארום מארקין מיר אן מיט דעם מעסער ביי ברכת המוציא, און נאך דעם קידוש צו שניידען מיר זיי (רמ״א שם).

## סימן נ

וואָרום מיר מאַכען אין שוהל קידוש פאַר דעם זאָגען „עלינו" און שבת צו נאַכט מאַכען מיר הבדלה נאָך עלינו ?

וויל שבת היילען מיר איהם דעם שבת אויף צו נעמען מיט דעם הייליגען דעם טאָג שבת (קידוש היום), און שבת צו נאַכט פערוויילען מיר וואָס שפּעטער, אום ניט שנעל זיך צו שיידען פון דעם היילינען שבת טאָג, דאַרום מאַכען מיר הבדלה וואָס שפּעטער, היינו נאָך עלינו לשבת (ראיתי בספר).

## סימן נא

וואָרום מיר זאָגען שבת צו קידוש „אשר קדשנו" און יום טוב צו קידוש זאָגען מיר „אשר בחר בנו" ?

דאָס איז, וויל שבת איז איינע בעשטעטיגונג פון גאָט און א געבאָט צו היילינען איהם זאָגען מיר דער פאַר „אשר קדשנו" וואָס ער האָט אונז געהייליגט, און יום טוב איז איינע בעשטעטיגונג ווען יום טוב צו האַלטען דורך בית דין, דאַרום זאָגען מיר „אשר בחר בנו" נור יום טוב, וויל די בעשטימונג קומט פון אונז אַליין (נצח ישראל מהר"ל), געגרינדעט אויף דעם פסוק „אלה מועדי ה' אשר תקראו אתם" איהר אַליין זאָלט זיי רופען, און יום טוב הייסט „מקרא קודש" איין היילינע אויסרופונג, און אין מדרש רבה (שמות ט') ווערט געזאָגט: דאָס גאָט זאָגט צו די אידען, דאָס איך האָבווירקליך בעשאַפען די צייטען, און עס איז ביז נאָך די בעשאַפונג געווען אין מיין האַנד, (עשה ירח למועדים), אָבער פון יעצט איז אין אייער האַנד, ווי איהר וועט בעשטעטיגען אַזוי זאָל דאָס בלייבען.

## סימן נב

וואָרום מען לייגט א חלה נאָהענט צו די ליכט ווען די ליכט שמעלצט זיך פרייטאָג צו נאַכט ?

וויל ווען א ליכט שמעלצט זיך קען יעמאַנד פאַרגעסען דאָס עס איז שבת, און נעמען די ליכט און איהר מאַכען צו רעכט דאָס זי זאָל בעסער

ברענגען, דארום לייגען מיר די חלה נעבען די ליכט, דאס מען זאל זיך דערמאנען דאס עס איז שבת, און מען טאר ניט די ליכט אן ריהרען (לקוטי צבי). אנדערע זאגען דאס עס איז א סגולה די ליכט זאל גוט ברענען.

## סימן נג

וואָרום דער חזן פאנגט אן שבת פון „שוכן עד", און יום טוב פון „האל בתעצומות", און ראש השנה און יום כפור פון „המלך"?

איך האב געהערט פון הרב הגאון רבי אלכסנדר משה לפידות דער רב פון ראססיין א ריכטיגען מיינונג דאריבער, נעמליך דאס וויל שבת בעצייגט דעם אלמעגליכען בעשאפונג די וועלט און איהר אייביגען נאטירליכען עקזיסטענץ, דארום פאנגט אן דער חזן פון „שוכן עד" די געטליכע אייביגע עקזיסטירונג, און יום טוב ווערלכע דאס מעהערע זיינען געגרינדעט אויף איבער נאטירליכעם „נסים", דארום פאנגט אן דער חזן פון „האל בתעצומות". וואס דאס בעדייט די איבערנאטירליכע געטליכע קראפט, און ראש השנה און יום כפור וואס דאן זיצט גאט אויף זיין ריכטונגס שטוהל, דארום פאנגען אן די חזנים פון „המלך היושב על כסא רם ונשא".

## סימן נד

וואָרום מיר זאָגען שבת די ערשטע קדושה „נקדש את שמך" און מוסף'דיגע קדושה זאָגען מיר „נעריצך ונקדישך", און ראש השנה און יום כפור זאָגען מיר דורך אוים „נעריצך ונקדישך"?

די שבת'דיגע קדושות זאגען מיר צו ערסט „נקדש" און די צווייטע קדושה „נעריצך", וויל דער פסוק (אין ישעיה כ"ט) זאגט אזוי נעמליך „והקדישו את קדוש יעקב ואת אלהי ישראל יעריצו" צו ערשט „והקדישו" און צו לעצט „יעריצו" (א"ז הלכות שבת מ"ח), און ראש השנה און יום כפור זאגען מיר אלע קדושות פון „נעריצך", איז וויל אין די צווייטע קדושה איז דא דער נוסח פון „ממקומו הוא יפן ברחמים ויחון עם המיחדים שמו", און אזוי ווי ראש השנה און יום כפור זיינען די ימי הדין, בעטען מיר דאריבער ביי גאט, דאס ער זאל זיך ווענדען צו אונז מיט רחמנות און ניט מיט דין, און בעגנעדיגען אונז מיט געשאנקע, אבוואהל מיר האבען דאס ניט פערדיענט,

און דאָס צייגט די ווערטער „הוא יפן ברחמים ויחון עם". און דער תוספות אין עבודה זרה (דף ג') און דער לבוש סימן תר"ך גיעבען נאָך צו בעזאָנדערס צו דיעזען מיינונג. אויך צו בעמערקען דיעזעס וואָס דאָס פאָלק ווען זיי זאָגען קדושה זאָגען זיי די דריי מאָהל „קדוש" נאָך אַנאַנד און מאַכען אַ הפסק ביי ד' צבאות, און נאָכהער פאַנגען זיי אָן „ה' צבאות מלא כל הארץ" ווערענד דער תלמוד חולין (דף צ"א) איבערצייגט מיט דעם מאמר: ג' כתות של מלאכי השרת אומרות שירה, דאָס דריי כתות מלאכים זאָגען שירה, איינע זאָגט קדוש, און די צווייטע זאָגט אויך קדוש, און די דריטע זאָגט קדוש ה' צבאות, דאָס בעווייזט אונז דאָס קיין הפסק גיעבט, נור דער דריטער קדוש געהער צו די ווייטערדיגע אַזוי זאָגט דער הגר"א ז"ל.

---

# סימן נה

וואָרום נעמען מיר אַרויס צוויי ספרי תורות מיט איין מאָל ווען מיר דאַרפען לייענען אין צוויי ספרי תורות, מיר קענען דאָך אַרויסנעמען איין ספר תורה און לייענען, און נאָכהער די צווייטע און אויך לייענען?

דער טעם איז ניט מעהר צו בעלעסטיגען די געמיינדע אום ניט צו וואַרטען ביז מען וועט אַרויסנעמען די צווייטע תורה. און נאָך אַמאָל זיך אויף צו הויבען פאַר איהר כבוד (ישועות יעקב), און מען נעמט ניט צו די ערשטע ספר תורה ביז מען האָט שוין לאַנג געלייגט אויף דעם שולחן די צווייטע ספר תורה, אום מען זאָל זיך ניט אָבריסען פון מצות, און מען לייגט די צווייטע ספר תורה פאַר קדיש, אום אַז מען זאָל זאָגען קדיש אויף ביידע ספרי תורות (מגן אברהם אורח חיים סימן קמ"ז), און אַז עס טרעפט זיך דאָס מען דאַרף אַרויס נעמען דריי ספרי תורות, צום ביישפיעל ראש חודש טבת ווען ער געפאַלט אום שבת, איז דאַן ווען מען זאָגט קדיש אויף די צווייטע תורה לייגט מען אַוועק די דריטע דערביי און ניט די ערשטע, דען דער קדיש איז שוין פאַר די ערשטע אויך.

---

# סימן נו

וואָרום מיר זאָגען „שמע ישראל" ביי דעם אַרויסנעמען די תורה שבת און יום טוב?

ווייל אין די וואָכענדיגע טעג זיינען דאָס פאָלק אימער בעשעפטיגט און שטעהען אויף גאַנץ פריה און געהען דאַוונען, ווייל זיי איילען זיך צו דער אַרבייט, ווערט יעדערער געוויס ניט פערזאַמען צו זאָגען קריאת שמע מיט דעם מנין, אָבער שבת און יום טוב ווייל דער עולם אַביסעל מעהרער שלאָ-פען, און עס איז רעכט צו קומען אין שוהל נאָך קריאת שמע, דאַרום האָט מען בעשטימט צו זאָגען דעם פסוק „שמע ישראל" פאַר הוצאת ספר התורה, אום דאָס פאָלק זאָלען אַלע צוזאַמען יוצא זיין מיט קריאת שמע בצבור, און ברכו דאַרף מען ניט איבער זאָגען, ווייל אַז מען רופט אויף צו דער תורה זאָגט מען דאָך דאַנמאָל איינגע ברכות (יעב"ץ).

---

# סימן נז

וואָרום מיר זאָגען „קדיש" און „בריך שמיה" אויף תרגום לשון און ניט לשון קודש?

רבי שמעון בן יוחאי וועלכער האָט מחבר געווען דעם זוהר הקדוש האָט געהייסען זאָגען (זוהר פ' ויקהל) בריך שמיה ביז ולשלם אמן, ביי דעם אַרויסנעמען פון ארון קודש די ספר תורה, און דער גאַנצער זוהר איז געשריבען אויף תרגום לשון, דאַרום קען מען די שפּראַך ניט אומענדערען אויף לשון קודש, און קדיש וואָרום מיר זאָגען אויף תרגום לשון, זאָגט דער תוספות (ברכות דף ג') ווייל פערצייטען זיינען אַלע געוואָהנט געווען צו זאָגען קדיש נאָך יעדע דרשה און זייער שפּראַך איז געווען דאַנמאָהל תרגום לשון, און פּיעלע האָבען קיין העברעאיש ניט פערשטאַנען, דאַרום האָט מען דעם קדיש געגרינדעט אויף זייער שפּראַך, און דאָס וואָס מיר זאָגען דעם פסוק יתברך וישתבח אויף לשון קודש, זאָגט דער אבודרהם דאָס דיזען שבח איז אונ-מעגליך איהם צו איבערזעטצען אויף אַ אַנדער שפּראַך, און וועגען „אמן יהא שמיה רבא" קען דער לעזער זעהען דעם של"ה אויף עניני תפלה וקריאת התורה, און אין ברכות (ג') און אין סוכה (דף ל"ט), און וועגען דעם וואָרט ונחמתא קען דער לעזער זעהען אין ספר הנצחון (סימן קי"ג), און איבערהויפּט אין דעם

העבראישען ארגינאל פון ספר מנהגי ישרון, (ווייל ניט אלעס קען איבערגע־ ועצט ווערען אין אונזער זשארגאנישע מוטער שפראך).

# סימן נח

נייטיגע מיינונגען איבער מנהגים און דינים פון די צייט פון ארויסנעמען די תורה פון ארון הקודש ביז איהר צוריק ארייגשטעלונג.

ווי מען עפינט די ספר תורה טאהר מען ניט רעדען זאגאר איבער א דין אדער א פסוק, געגרינדעט אויף דעם פסוק (נחמיה ח׳) „וכפתחו עמדו כל העם" ביי דעם עפענען די ספר תורה האבען זיך דאס פאלק געשטעלט, זעלבסט פערשטענדיג דאס זיי האבען ניט גערעט אוים רעספעקט און פאראינ־ טערעסירונג צו הערען וואס עזרא וועט זיי פארלעזען פון די תורה.

דער וואס נעמט ארויס די תורה פון ארון קודש זאל ער איהר נעמען אין זיין רעכטע האנד, ווי אין פסוק ווערט געזאגט „מימינו אש דת למו" (מהרי״ל סוף הלכות סוכה), די תורה צו טראגען אויף די בימה און אין איהר צו לייענען איז נאך גענומען פון בית המקדש, נור אין בית המקדש, האט זיך גערופען די בימה „עמוד", ביי אונז איז פערבליבען דאס דער ארט וואו דער חזן שטעהט רופט זיך עד היום „עמוד", אבער באמת הייסט די בימה עמוד, זא ווי אין מלכים (ב׳ י״א) איז געשריבען „ותרא והנה המלך עומד על העמוד" (עיין תוספתא פ״ז דסוטה) און אויך אין סוטה (דף מ״א), ווערט געלערענט ווי אזוי איז די בימה אין דער עזרה געמאכט געווארען, (גם בזוהר פ׳ שמות דף י״ד ובפ׳ בא דף כ״ב ובויקהל דף ר״ו).

א דרשן זאל שטעהן מיט דעם פנים צום פאלק און הינטער איהם איז דער ארון קודש, איז גענומען פון תלמוד (סוטה דף מ׳) „ולעולם תהא אימת הצבור עליך" אימער זאל דאס פאלקס עהרענפורכט אויף דיר זיין, דען די כהנים זיינען אויך געשטאנען געגען דאס פאלק און הינטער זיי די שכינה, און ביי קבלת התורה ווען דאס פאלק זיינען געשטאנען הינטער דעם בארג, איז משה רבינו געשטאנען צווישען גאט און דאס פאלק, זעלבסט פערשטענדיג ווען ער האט געברויכט איבער צו געבען גאטעס רייד צום פאלק, איז ער מיט דעם פנים געשטאנען צום פאלק און הינטער איהם וואר גאט (ברכות מ״ה), דארום איז קיין איסור דא פאר די רבנים וועלכע שטעהען מיט דעם פנים צום פאלק און הינטער זיי איז דער ארון קודש, דען קוים איז די תורה אין ארון קודש, איז זי גאר אין א אנדער רשות (ט״ז יו״ד סי׳ רפ״ב סק״א).

דער וועלכער לייענט אין די תורה דארף שטעהען אין איהר רעכטע זייט (מימינו אש דת למו). דעם וואס מען רופט אויף צו די תורה דארף שטעהן אין מיטען. און דער גבאי אדער דער פרעזידענט דארף שטעהן אין דער לינקער זייט (תשב"ץ חלק ג' ענין קס"ג), און דאס איז די לעהרע פון אונזער הייליגע תורה פון פסוק „אנכי עומד בין ה' וביניכם" (דברים ה') משה האט געזאגט איך שטעה צווישען אייך און גאט, איז דער בעל קורא אן שטאט משה רבינו, און דער אויפגערופענער אנשטאט די אידען די מקבלי התורה. און דער גבאי אדער דער פרעזידענט אנשטאט גאט, ווייל וואס ער הייסט דארף מען טאן, און אויפרופען וועמען ער וויל, דערום מוז מען אויף נעמען א פרעזידענט וועלכער זאל זיין א פאלקאמער ערליכער איד. זאל אויף קיינעם קיין קנאה און קיין שנאה און קיין פניה האבען, און חלילה ניט פיהרען די התמנות זיינע מיט פאלשקייט, און ווען ער האט אין זיך ניט די אלע מדות, זאל ער בעסער אויף דער בימה ניט שטעהן.

# סימן נט

**ווארום מען איז נוהג צו פערקויפען מצות אום שבת און אום יום טוב?**

לויט דעם תלמוד ווייזט אוים אז אין זייערע צייטען האט מען ניט פארקויפט קיינע מצות (גיטין דף ס'), דען דארט ווערט געזאגט דאס נאך כהן און לוי זאל מען אויפרופען תלמידי חכמים, וועלכע זיינען עלעקטעטע (אויסגעקליבענע) פרנסים איבער דער געמיינדע, און נאכהער די וועלכע זיינען ווערטה צו זיין פיהרער פון דער געמיינדע, און נאכהער די קינדער פון תלמידי חכמים וועלכע זייערע פאטערס זיינען די פרנסים פון דער געמיינדע, און נאך זיי די הויפט פיהרער פון די שוהלען, און נאכהער דאס פאלק (או"ח ס"י קל"ו), און אויף דיעזעס זאגט דארט דער מגן אברהם, דאס אין די ערטער וואו מען פארקויפט מצות, קען מען אויף רופען ווען מען וויל, איז לויט דער מג"א ווייזט אוים דאס אין זיינע צייטען האט מען נור אין איינינע קהלות פארקויפט מצות, נור אזוי ווי די תקנה איז געמאכט געווארען צו ליעב וואלטהעטיגע צוועקען, ווי צום ביישפיעל שטיצען ארימע לייט, אדער אויף צו האלטען שוהלען מיט זייערע כלי קודש, ברייננט די מצות פארקויפען גרויסע נוטצען, ווייל מאנכע צאהלען דער פאר גרויסע פרייזעס אזוי ווי עס שרייבט דער טור (סי' קמ"ז) און אין מרדכי (סוף מגילה) דאס זאגאר הוצאה

והכנסה האט מען אין זייערע צייטען פערקויפט (עיין מזה בהרמ"א סי' קמ"ז סעיף ב').

נור אין מהרי"ל הלכות סוכה גיעבט א פראגע ווארום קויפט מען מצות שמחת תורה עס איז דאך יום טוב? און עס איז געווען די תשובה, דאס מצות מעג מען קויפען אום יום טוב, אבער נור דוקא די מצות פון עולה לתורה זיין אבער ניט תפילין מזוזות אדער ציצית. דען די מצות קען מען קויפען נאך יום טוב אויך. און עולה לתורה זיין שבת און יום טוב קען מען אזא מצוה פערזאמען, נאר פון דיעזע שאלה איז איבערצייגט, דאס אין זיין צייט האט מען פארקויפט מצות נור שמחת תורה, און דער זעלבער מנהג עראינערט אונז דער תשב"ץ (חלק ג' ענין קנ"ו). דאך ווען עס איז נור מעגליך מבטל צו זיין דעם מנהג פון פערקויפען עליות מיט די אלע מצות וועלכע עס האנדלען זיך ביי די ספר תורה, וואלט געווען א יושר גדול; דען די ערשטע גרינדער פון צו פערקויפען מצות און עליות, האבען געוויס געמיינט צו גוטען, אבער ליידער האט דאס יעצט אנגענומען גאר א אנדער אויסזעהען, ווייל די עליות זיינען אריין אין כבוד און קנאה ביז נקמה צו נעמען איינער מיט דעם צווייטען, און מאנכעס מאל צו געשלעג, און בכלל איז ניטא קיין איין קויפער וועלכער זאל קויפען צוליעב די מצוה, נור צוליעב א פניה, און ביי די גבאים און פרעזידענטען איז די עליות א שטעקען צו שלאגען זיינע שונאים, און אויף צו רייטצען דאס פאלק זא וויט, דאס עס קומט צו געשלעג און צו משפטים אין די געריכט הייזער און צו חילול השם. אזוי ווי עס האט געטראפען אין די שטאדט וואו איך האב געוואהנט וואו דער אלטער עם הארץ, דער שטאדט תקיף האט געפלאגט איין ארעמען פארבער דערמיט וואס ער איז אויף איהם בעז געווען, און האט איהם פיער מאנאטען נאך אנאנד קיין עליה געגעבען, און אלעם דער פארבער האט איהם געזידעלט, דער פאר האט דער גביר דער עם הארץ געשטעלט פאלשע עדות, און האט געבראכט דער צו דאס דער פארבער און זיין טאכטער זאלען זיצען צוויי וואכען געפאנגען, און דער חילול השם איז געווען אונערטרעגליך.

און דער ספר חסידים (סימן תשס"ב) שרייבט פאלגענדעס: די מאכט פון די בעלי עבירות האט זיך געשטארקט און זיי ווילען האבען הערשאפט און עהרע צו נולל זיין ספרי תורות און צאהלען דער פאר געלד, אום זיי זאלען זיך קענען בארימען צו זאגען, איך גיב דאך מעהר פאר דיר פאר איין עליה, און זאגאר מען טרייבט ארויס כהנים צוליעב א עזות פנים וועלכער קויפט די ערשטע פרשה אום ארויסצוטרייבען דעם כהן, און עס האט געטראפען דאס דער כהן האט ניט געוואלט קויפען די מצוה, און ער האט אויך ניט געוואלט ארויסגעהן פון שוהל, ווייל ער האט ניט געוואלט מוחל זיין אויף זיין כבוד,

האט מען איהם געגייט דורך פאליציי ער זאל פערלאזען די שוהל (עיין ביערות דבש ח"ב דף י"ז), בפרט אין אמעריקא וואס א וויספרעזידענט האט זיך געוואגט אויף צורופען א מאן וואס ער שטאמט בלויז פון אידען, און קען זאגאר ניט דעם אלף בית דעם אידישען, און האט א פרוי א קריסטען געהייראט, אין קריסטליכען געזעטץ, און ווען די ערלית האט געבארען א טאכטער האט איהם דער וויספרעזידענט אויף גערופען צו די תורה, און דער שוחט האט געזאגט די ברכה און ער האט נאך געזאגט, און נאכהער געמאכט א מי שברך די יולדת זיין קריסטליכע ווייב ניט מעהר, ווייל ער האט גע'שנדר'ט פינף טאלער, און לויט ווי דער שוחט האט מיר דערצעהלט האט ער די פינף טאלער אויך ניט אבגעגעבען, אזוי בזוי און שפל איז דער מסחר פון עליות.

אויך איז ראוי מבטל צו מאכען די עליה איינם פאר אחרון, ווייל מען האט דיעזע עליה אנגענומען פאר זעהער א מאגערע עליה, און פיעל מאל קומט ארויס חרפות און קללות פאר דיעזע מאגערע עליה, זאגאר ביי אונזערע לומדים שמעקט זיי אויך ניט א מאגערע עליה, און אזוי צוטהיילט מען גאטעס תורה, וועלכע ער האט אונז פאר א אייביגע מתנה געגעבען, צו טהיילט מען אויף חלקים פעטע און מאגערע, גוטע און שלעכטע, טא וואו איז דער מאמר פון אונזערע חכמים זאגענדיג: ואין טוב אלא תורה, שנאמר „כי לקח טוב נתתי לכם" די גאנצע תורה איז גוט, ניטא אין איהר קיין מאגערע און קיין שלעכטע, און עס איז דארום ראוי מבטל צו זיין דעם מנהג אין גאנצען, נור טאהן ווי דער יערות דבש שרייבט: דאס אין פראג געהט דער גורל. פון אויף צו רופען די גאנצע געמיינדע נאך דעם נעקסט איינער נאך דעם צווייטען ביז די גאנצע געמיינדע בעקומען עליות, און ווער עס קען און וויל מנדר זיין איז מנדר. און דאס וואס מען איז זיך נוהג צווישען קריאת התורה און מוסף אויסצורופען די ענינים וואס איז נוגע צו שטעטישע זאכען, צו געמיינדע זאכען אדער השבת אבדה, איז דאס א אלטער מנהג (שבת ס'), דאס איז ווייל שבת זיינען אלע אין שוהל און דאס הייסט מודיע ברבים זיין.

# סימן ס

וואָרום מיר הויבען אויף די ספר תורה נאָך דעם ענדע לייענען אום דאָס
פאָלק זאָל איהר זעהן?

דיזען טעם שרייבט דער רמב״ן אין פ׳ תבא, דאָס דיזער מנהג קומט פון דעם ירושלמי וועלכער לערענט פון דעם פסוק „**ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת**" פערפלוכט זאָל זיין דער וועלכער וויל ניט אויפשטעלען (אויף הייבען) דיזע ספר תורה, איז די פראַגע, גיעבט דען אַ געפאַלענע תורה וואָס מען זאָל איהר דאַרפען אויף הייבען? נור דאָס מיינט מען דעם חזן וועלכער הייבט ניט אויף די תורה צו ווייזען איהר פאַר דאָס פאָלק (עיין פ״ח או״ח קל״ד).

---

# סימן סא

וואָרום מען רופט אויף צו די תורה איין געאַכטעטען מאַן צו אחרון?

ווייל אין דער צייט פון די בעלי המשנה האָט די צווייטע ברכה פון די עליה געמאַכט נור דער וועלכער מען האָט אויפגערופען אחרון צו די לעצטע פרשה, און דער זעלבער האָט אויך גולל געווען די ספר תורה וועלכען דאָס האָט נור געקומט איין אדם חשוב, דאַרום איז פערבליבען ביז צוהייטיגען טאָג אויפצורופען אחרון איין אדם חשוב, (תוספות יום טוב מגלה פ״ד).

---

# סימן סב

וואָרום מיר האַלטען אָן מיט די הענד די עץ חיים׳ס ווען מען רופט אונז אויף לתורה?

ווייל די גמרא דערצעהלט אונז אין סוכה: דאָס אַזוי איז געוועזען דער מנהג פון די אידען פון ירושלים, איין מאַן פלעגט פון זיין הויז אַרויסגעהן מיט זיין לולב אין האַנד, און אַז מען האָט איהם אויפגערופען צו די תורה, האָט ער דעם לולב געשטעלט אויף דעם פליאָר, מוזען מיר דער פון דרינגען דאָס ער האָט וואַרשיינליך געמוזט אָנהאַלטען די עץ חיים׳ס (ט״ז או״ח סי׳ קל״ט).

---

# סימן סג

וואָרום מען מאַכט „מי שברך" ביי יעדערענס עליה לתורה, און ער איז מנדר אויף צדקה?

אַבוואָהל דער רמ"א אוי"ח (סי' ש"ו) זאָגט: דאָס די וועלכע מ'רופט זיי אויף שבת צו דער תורה און זיי זיינען מנדר צדקה מיט אַ בעשטימטען צאָהל, איז דער זאָגען ווי פיעל ער איז מנדר איז דאָס אָסור בשבת, דאָך זאָגט ער איז דער מנהג אַזוי, און מען פערלייכטערט דעם איסור, אָבער נאָך מיין מיינונג איז דיעזע מי שברך'ס מיט די נדרים שטאַמען נאָך פון אַלטע צייטען, לויט דעם ילקוט קהלת אויף דעם פסוק „אל התן את פיך לחטיא" לאָז ניט דיין מויל צו קיינע זינדע, דאָס זיינען די וועלכע פערשפרעכען צדקה, „אל תאמר בפיך" זאָג ניט אַרויס מונדליך פאַר דיין געמיינדע, דאָס דו פערשפרעכסט צדקה, אָבער דו בעצאָהלסט ניט, „ולא תאמר לפני המלאך" זאָג ניט פאַר דיין שליח, דאָס הייסט דער חזן „כי שגגה היא" דאָס עס איז געווען אַ אירטהום (מיסטייק) איך האָב ניט פערשטאַנען וואָס דער חזן זאָגט.

---

# סימן סד

וואָרום מיר לייענען אין די תורה „ישכר" אָן שטאָט וואָס אין די תורה איז געשריבען „יששכר" מיט צוויי שינען, און מיר לייענען נור מיט איין שין?

ווייל לאה האָט געזאָגט ביי דעם געבערען פון יששכר דעם לשון, „שכר שכרתיך" און נאָכהער האָט זי געזאָגט „נתן אלהים שכרי" האָט זי געגעבען אויף דעם נאָמען יששכר צוויי מיינונגען און ביידע מיט שינען, דאַרום שטעהט אין די תורה „יששכר" מיט צוויי שינען, און מיר לייענען נור מיט איין שין, ווייל דער וואָרט „שכר שכרתיך" איז עטוואָס ניט קיין פאַסענדער וואָרט פאַר לאה'ן, דאַרום לייענען מיר נור מיט איין שין „ישכר". דער אבן עזרא (שמות א') זאָגט דאָרט אַ מיינונג, ווייל עס איז שווער ביידע שינען אויס צו זאָגען, ווען זיי זיינען איינער נאָך דעם צווייטען.

---

# סימן סה

**ווארום מיר לייענען ניט שבת די פרשה פון מוסף של שבת אזוי ווי מיר לייענען ראש חודש „ובראשי חדשיכם"?**

ווייל מיר טאהרען ניט לייענען א זאטץ אין די תורה וועלכער זאל ניט האבען אמווייניגסטען דריי פסוקים, און אין די פרשה פון מוסף של שבת איז מעהר ניטא ווי צוויי פסוקים, (או"ח סימן רפ"ג ווי אויך דארט אין ט"ז) ווי אויך (תוס' מגילה כ"ג).

# סימן סו

**ווארום מיר רופען ניט אויף צו די תורה א זון גלייך נאך זיין פאטער אדער צוויי ברידער איינעם נאך דעם אנדערען?**

מען לאזט ניט אויפרופען צו די תורה צוויי ברידער איינע נאך די אנדערע און א זון נאך זיין פאטער צוליעב עין הרע (או"ח סי' קמ"א), ווען זאגאר איינער איז שביעי און דער צווייטער מפטיר, זאל מען איהם ביי זיין נאמען ניט אויף רופען צו ליעב עין הרע, און דער עטרת זקנים שרייבט: דאס מען טאר זיי ניט אויף רופען נאכאנאנד, ווייל זיי זיינען פסול לעדות און דער פסוק זאגט „עדות ה' נאמנה".

# סימן סז

**ווארום מיר רופען אויף שבת צו די תורה מעהר ווי זיעבען קרואים לויט די פרשיות?**

ווייל פילייכט גיעבט איינער פון די זיעבען קרואים וועלכער ווייס ניט זאגאר די אותיות פון די תורה, געהער ער דאך ניט צום צאהל פון די זיעבען קרואים, טהיילט מען איין נאך איינעם אדער צוויי אום צו פערפאלקאמען דעם ריכטיגען צאהל פון שבעה קרואים.

# סימן סח

וואָרום מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און שבת צו מנחה רופט מען אויף צו די
קריאה דריי מענשען, און ראש חודש און חול המועד רופט מען אויף פיער,
און יום טוב פינף, און אום יום כפור זעקס, און שבת זיבען?

מען לייענט איינינע טעג אין וואָך, אום אידען זאָלען ניט געהן דריי טעג אָן תורה. בעגרינדעט אויף דעם פסוק „וילכו שלשת ימים במדבר ולא מצאו מים" די אידען זיינען געגאַנגען דריי טעג אין דער וויסטע און האָבען קיין וואסער ניט געפונען, און וואסער הייסט תורה, ווי דער פסוק זאָגט „הוי כל צמא לכו למים" ווער עס איז דורסטיג צו לערנען זאָל ער געהן צום אייביג פליסיגען וואסער וואָס דאָס הייסט לערנען תורה (ב"ק דף פ"ב). שבת צו מנחה לייענט מען צוליעב די געשעפטס לייטע, וועלכע האָבען קיין צייט צו געהן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אין שוהל צו הערען קריאת התורה, האָט מען דעריבער צו געגעבען איין איבריגען מאָהל לייענען צוליעב זיי. (תנחומא פ' בשלה דף ע"ח). די צאָהל דרייען אויף צו רופען, האָט מתקן געוועזען עזרא נעגען תורה, נביאים, און כתובים, און נעגען כהנים, לוים, און ישראלים. דעם צאָהל פון די קרואים פון שבת, יום טוב, ראש חודש, און חול המועד, האָט מתקן געוועזען משה רבינו (מג"א ראש סימן קל"ה), וגם בזוהר ויקהל דף ר"ו עפ"י סוד, נאָר אין מגילה (דף כ"ב) איז געזאָגט: דאָס יעדערער לייענונגס טאָג וועלכער איז גרעסער פאַר דעם צווייטען, מוז מען צו געבען נאָך איין אויפרופער, ראש חודש און חול המועד איז פאַראַנען אַ קרבן מוסף, מוז מען אויפרופען פיר מענשען, יום טוב קומט צו וואָס מען טאָהר קיין אַרבייט ניט טאָן, רופט מען אויף פינף, יום כפור קומט צו דער עונש פון כרת, רופט מען אויף זעקס, שבת קומט צו דער איסור פון סקילה, קומט אויף צו רופען זיבען. און דער שבלי לקט זאָגט גאַנץ איינפאַך נעמליך מען רופט אויף שבת זיבען. וויל פיליכט גיעבט איינער וועלכער האָט די גאַנצע וואָך ניט געקענט געהן אין שוהל דאַווענען און הערען קריאת התורה. דאַרום רופט מען אויף זיבען, אום ער זאָל הערען זיבען מאָל ברכו, וועט ער יוצא זיין פאַר די וואָך וואָס ער האָט ניט געהערט קיין קריאת התורה, און דער תפלה נהורא האָט געפונען אַ סימן (מאַרק) ווען עס קומט אום די לייענונג נאָך זייער צאָהל נעמליך „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד", „שמע" איז דריי אותיות, איז מאָנטאָג, דאָנערשטאָג, און שבת צו מנחה רופט מען אויף דריי, „ישראל" איז פינף בוכשטאַבען, פאַר יום טוב אויף צו רופען פינף מענשען, „ה'" איז פיער אותיות, פאַר ראש חודש און חול המועד, „אלהינו" איז זעקס אותיות,

פאַר יום כפור אויף צו רופען זעקס מענשען און, „ה' אחד" איז צוזאַמען זיעבען אותיות, פאַר שבת אויף צו רופען זיעבען מענשען.

# סימן סט

וואָרום ווען מען רופט אויף אַ בר מצוה זאָגט דער פאָטער אברכה, „ברוך שפטרני מענשו שלזה"?

דיזע ברכה אָן צו ערמאנירען דעם שם „ה'" זאָגט דער מדרש רבה פ' תולדות, און אַזוי האָט אויך געטאָהן דער מהרי"ל, און מען רופט ניט אויף פריהער פאַר דרייצעהען יאָהר מיט איין טאָג, און דער אשר"י שרייבט אין אַ תשובה אַז דאָס איז הלכה למשה מסיני. דעם „ברוך שפטרני" זאָגט דער פאָטער אָהנע צו ערמאנירען קיין שם, איז ווייל די ברכה ווערט ניט ערמאנערט אין תלמוד.

# סימן ע

וואָרום ווען מיר ענדיגען צו לייענען איין ספר פון תורה זאָגען מיר „חזק ונתחזק"?

ווייל אין ספר יהושע איז געשריבען „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך חזק ואמץ" דאָס הייסט די תורה זאָל פון דיין מויל ניט אָבגעשאַפט ווערען און שטאַרק דיך, דאַרום ווען מיר ענדיגען אַ ספר פון תורה זאָגען מיר „חזק ונתחזק" מיר זאָלען זיך שטאַרקען אום צו לעהרנען איהר (רמ"א אור"ח סי' קל"ט), און אַזוי ווי מען ענדיגט אַ מסכת זאָגט מען „הדרן עלך" דאָס הייסט זיך אום צו קעהרען און איבערלערנען אום ניט צו פערגעסען, זאָגען מיר אויך אויף די ענדע פון אַ ספר חומש „חזק ונתחזק" אום איהר ווידער צו לעהרנען, (הגר"א ורעק"א בשם מסכת סופרים פי"ג הלכה ח'), אין דעם לשון קודש'דיגען אָרגינאַל פון מיין ספר מנהגי ישרון וועט דער לעזער געפינען אַ מיינונג איבער דער מסכת סופרים וועגען דעם ענין ווערענד אין אונזערע מסכת סופרים איז דיזע הלכה ניט צו געפינען.

נאָך אַ מיינונג פאַר וואָס מיר זאָגען ביי סיום הספר פון תורה „חזק" און אויך „ונתחזק", דאָס איז געגרינדעט אויף די וואָרטען פון תלמוד (ברכות

ל"ב) ד' צריכין חזוק וכו' תורה כו' ד"א כו', דאס הייסט פיער זאכען פאדערען צו שטארקען, תורה, אויך דרך ארץ, ביי תורה שטעהט אין פסוק (יהושע א) „רק חזק ואמץ לשמור ולעשות ככל התורה", דו זאלסט זיך שטארקען אום צו היטען די תורה, ביי דרך ארץ געפינען מיר (ש"ב י"א) חזק ונתחזק בעד עמנו" מיר זאלען זיך שטארקען אום צו העלפען אונזער פאלק, און אין פרקי אבות ווירד געזאגט: דאס גוט איז תורה מיט דרך ארץ, וויל דרך ארץ איזט געזאגט פריער ווי די תורה, דער פאר זאגען מיר ביי א סיום ספר: „חזק" הייסט עס מיר זאלען זיך שטארקען אין דער תורה, און „ונתחזק", הייסט עס מיר זאלען זיך שטארקען אין דרך ארץ (מטה אהרן).

---

# סימן עא

ווארום נאך קריאת התורה רופט מען אויף מפטיר, און וואס איז דאס מפטיר?

ווען דער גריכישער קעניג אנטיוכס פון דעם יאהר 165—ביז 168 פאר דעם נוצרית געבורט האט ארויסגעגעבען א גזרה אויף אידען דאס זיי זאלען אויך ניט לייענען אין די תורה אום מבטל צו מאכען עזרא'ס תקנות, און ווען אידען האבען מורא געהאט עס זאל חלילה ניט פערגעסען ווערען די אידישע תורה, האבען זיי געלייענט א פרשה פון די נביאים וועלכע איז עהנליך געוועזען צו די סדרה פון דער וואך. און די צוררי ישראל האבען אויף דיזעס ניט געאכטעט (תשבי שרש פטר), און ווי באלד אז די הפטרה איז אנשטאט דעם לייענען אין די תורה זעלבסט, איז ניט רעכט וואס אין אנדערע קהלות לייענט דער גאנצער עולם די הפטרה זאגדערען דער מפטיר מוז איהר לייענען מיט א הויכע שטימע אלע זאלען הערען, וויל זי איז אנשטאדט דעם לייענען אין די תורה (עיין הט"ז באו"ח סימן רפ"ד), און דער טייטש פון הפטרה איז געענדיגט, וויל דאס איז די ענדע פון לייענען, און אבוואהל די גזרות זיינען שוין לאנג בטל געווארען, דאך איז דער מנהג פערבליבען צום אייביגען אנדענקען (מקורי מנהגים). אויך דער ניגון פון די הפטרה איז אנדערש ווי דער ניגון פון די קריאת התורה, און דער רבינו תם שרייבט דאס מפטיר איז גראדע דער טייטש אנצופאנגען (מלשון יפטירו בשפה) דען אזוי ווי ביי קריאת התורה איז ניט ערלויבט על פי דין צו ריידען און אלע שווייגען, אבער צום ענדע ביי מפטיר מעג מען אנפאנגען ריידען, און דארום איז מפטיר דער טייטש, אנפאנגען.

---

# סימן עב

**וואָרום דער מפטיר בײַ די ברכה „צור כל העולמים" ענדיגט ער „אמת וצדק", און קײן אָמן זאָגט מען ניט, װערענד די ברכה ביז ענדע איז דאָך „האל הנאמן בכל דבריו" ?**

דאָס איז ווײַל פֿערצײַטענס האָט מען זיך נוהג געווען בײַ אידען דאָס אַלעס דער מפטיר האָט געענדיגט זאָגען „אמת וצדק", האָבען דאָס פֿאָלק זיך געשטעלט און אַלע האָבען געזאָגט „נאמן אתה ה' אלהינו ונאמנים דבריך נאמן חי וקיים שמך וזכרך תמיד ימלוך עלינו לעולם ועד" און נאָכהער האָט דער מפטיר צוריק אָנגעפֿאַנגען און געזאָגט „נאמן אתה". (תנס' פסחים ק"ד, מס' סופרים פי"ג, הטור והט"ז בסי' רפ"ד סק"א).

# סימן עג

**וואָס האָט צו טאָהן די ברכה פֿון „צור כל העולמים" מיט די הפטרה, וואָרום זאָגט מען איהר ?**

דאָס איז ווײַל די הפטרה האָט מען מתקן געווען צו זאָגען אין די צײַטען פֿון שרעקליכע גזרות אויף אידען, זאָגאַר ניט צו לײַענען אין די תורה, און מען האָט אויסגעקליבען אַ קאַפּיטל פֿון נביאים צו זאָגען אָן שטאָט קריאת התורה, דאַרום האָבען זײַ מתקן געווען די ברכה פֿון „צור כל העולמים צדיק בכל הדורות", צו מצדיק זײַן אויף זיך דאָס אַלעס וואָס גאָט טוט מיט זײַ, זײַנען זײַ זיך ניט מתרעם און בעקלאָגען זיך ניט. ווײַל גאָטעס משפט איז גערעכט, און האָבען זיך געטרײַסט דאָס משיח וועט קומען זײַ אויסצולײַזען, און דאָס איז אַזאַ זאָרט ווי „צדוק הדין", און עס גיעבט אַ מאמר חז"ל פֿאָלגענ־דעס: דער וואָס זעהט אידישע פֿאָלק אין אַ חורבן זאָל ער זאָגען „צור כל העולמים ביז מגן דוד" (אלף למטה). און ווען ראש חודש געפֿאַלט אום שבת פֿערענדיגט ניט דער מפטיר „מקדש השבת וישראל וראשי חדשים", ווײַל ראש חודש לײַענט מען דאָך ניט קײן מפטיר אין נביא, נור שבת דאַרף מען דערמאָנען, נור שבת אָבער ניט ראש חודש.

# סימן עד

וואָרום אַז מען שטעלט אַריין אין דער וואַנט די תורה אין אָרון הקודש זאָגט מען „מזמור לדוד לה׳ הארץ״, און שבת זאָגט מען „הבו לה׳ בני אלים״?

ווייל אַלס שלמה המלך האָט אַריינגעבראַכט דעם ארון אין קדשי קדשים (מועד קטן דף ט׳) האָט ער געזאָגט דעם שיר „מזמור לדוד לה׳ הארץ״, און שבת זאָגט מען „הבו לה׳ בני אלים״ ווייל אין דעם קאַפּיטל איז דער־מאָהנט זיבען מאָל „קול״, געגען די זיבען טעג פון וואָך (בעל א״ז), אין טור גיעבט נאָך מיינונגען.

# סימן עה

וואָרום איז די שפּראַך פון „יקום פורקן״ אַרם׳עאישע שפּראַך, און ניט לשון קודש?

ווייל דיזע תפלה איז געגרינדעט געוואָרען אין בבל וואָס זייער שפּראַך איז געווען ארמית, און מיר בייטען ניט אום דאָס וואָס אונזערע ערשטע חכמים האָבען געגריינדעט, און בפרט אַז דער מדרש בראשית רבא (פ׳ ע״ד) אויך אין בבלי מגילה (דף ג׳) און אויך דער ירושלמי זאָגען דאָס די ארמישע שפּראַך איז הייליג, אין דער ט״ז א״ח (סי׳ רפ״ח) דריקט אוים דאָס תרגום שפּראַך איז געגעבען פון באַרג סיני, נור אַ יחיד פסק׳עט, דער אורח חיים (סי׳ ק״א) דאָס מען זאָל ניט דאַוונען אויף ארמית, נור מען מעג דאַוונען ארמית מיט אַ רבים, ווייל דער זכות הרבים איז זייער גרוים, די איבריגע ער־קלעהרונגען דאַריבער איז אין לשון קודש׳דיגען „מנהגי ישרון״ פון דעם זעלבען מחבר.

# סימן עו

וואָרום מען דערמאָנט די נשמות פון די מתים שבת און יום טוב און יום כפור?

דער מדרש תנחומא פ׳ האזינו זאָגט: דאָס עס איז אָנגענומען צו דער־מאָנען די מתים אום שבת, דאָס זיי זאָלען זיך ניט צוריקקעהרען אין גיהנם, און אויף דעם פסוק „כפר לעמך ישראל אשר פדית״, איז די וואָרטען

„כפר לעמך ישראל" מיינט מען די לעבעדיגע, „אשר פדית" װעלכע דו האסט אויסגעלייזט, מיינט מען די טויטע, לערנען מיר דערפון דאס די מתים דארף מען אויסלייזען, דערום דערמאנען מיר די טויטע און זאגען מיר צו צדקה (תורת כהנים). דען מיר זאלען ניט דענקען דאס קוים זיינען זיי געשטארבען העלפט זיי ניט קיין צדקה. דארום זאגט דער פסוק „אשר פדית" הייסט דאס דורך צדקה קענט איהר אויסלייזען די מתים.

און דאס זעלבע שרייבט דער מרדכי אין יומא (תשס"ז), ווי אויך דער ספר חסידים, און דערום זאגט ער, איז מען זיך נוהג צו צינדען א יום כפור ליכט פאר די טויטע נשמות פון די עלטערען, און דער בית יוסף (סי׳ תרכ"א) שרייבט פון דעם רוקח׳ס וועגען, דאס צדקה פאר מתים קען העלפען, איז גענומען פון פרשה תצוה „הכפורים אחת בשנה יכפר" און דער ביי איז געשריבען: „ונתנו איש כופר נפשו" דאס איבערצייגט אז יום כפור זאל מען פאר די מתים צו זאגען צדקה אום זיי אויסצולייזען, און וואס קען אבער ווירקליך העלפען דעם מת ווען יעמאנד גיעבט צדקה פאר איהם? נור גאט פראביירט די הערצער פון די לעבעדיגע און רעכענט אויך אויס די טויטע, אויב דער מת האט פאר זיין לעבען געגעבען צדקה, און ווען זאגאר דער מת איז געווען פאר זיין לעבען אן ארומאן, נור זיין הארץ איז גוט געווען צו געבען צדקה נור ער האט ניט געהאט, דאן קען העלפען די צדקה וואס איין לעבעדיגער זון אדער א טאכטער וועט געבען פאר איהם, דען א לעבעדיגער קען לייכטער מאכען דעם דין פאר א טויטען, זא ווי דוד זיין זון אבשלום, אדער ר׳ יוחנן דעם אחר, אבער ווען ער האט געגעבען צדקה פאר א טויטען וועלכער איז געווען פאר זיין לעבען א רשע, וועט איהם די צדקה גאר ניט העלפען (עד כאן לשונו). וכן כתב הרמ"א ביו"ד (סי׳ רמ"ט) והעטז"ק בסי׳ תרכ"א בשם מהרי"ו, און דארום רופט זיך יום הכפורים בלשון רבים אין מעהר צאהל, ווייל יום כפור איז פאר לעבעדיגע און פאר טויטע.

דער כלבו שרייבט דאס צו דערמאנען די טויטע אום יום כפור איז מעהר ניט ווייל זייער עראינערונג צו ברעכט די הערצער פון די לעבעדיגע צום יום הדין, און מען איז מזכיר נשמות אחרון של פסח, דעם צווייטען טאג שבועות, און שמיני עצרת נור ווען מען לייענט „כל הבכור", ווייל דארט איז געשריבען „איש כמתנת ידו" יעדערער ווי פיעל ער שיינקט, און מען גיעבט צדקה פאר מתים דאס גאט זאל זיי דערמאנען צו גוטען, און אין זייער זכות זאל ער אונז אויך צו גוטען דערמאנען.

# סימן עז

**ווארום אלס מען איז מזכיר נשמות גיהען ארויס פון שוהל, די וועלכע האבען עלטערען?**

דען אויב די קינדער וועלכע עס האבען עלטערען וואלטען געוועזען אין שוהל ווען מען איז מזכיר נשמות, פיליכט וועלען די ניט וויסענדיג מיט זאגען מיט די וועלכע האבען טויטע עלטערען, און ביי אזעלכע זאכען דארף מען האלטען דעם מויל בעסער צו געשלאסען אום זיך ניט אויסצורייידען. אויך גיעבט א מיינונג ווייל דאס מעהרערע קינדער רופט מען נאך די נעמען פון די טויטע, דארף מען פאר דעם שטן קיין מויל ניט עפענען, דען עס קען אויסקומען דער זעלבער נאמען פון דעם לעבעדיגען קינד ווי אויך זיין פאטער ווי דער נאמען פון דעם טויטען, דארום דארף דער וואס האט עלטערען בעסער ארויסגעהן פון שוהל. און דער מנהג איז דאס דעם ערשטען יאהר ווען ביי יעמאנד שטארבט אפאטער אדער אמוטער זאל ער אויך ארויסגעהן און ניט זאגען יזכור (בשו"ת שבו"י ח"ב סי' כ"ה), און אז מען זאגט יזכור דארף מען שוין ניכט זאגען „אל מלא רחמים".

נאך א מיינונג גיעבט, דאס ווייל דער שמש רופט אויס אין שוהל פאר זכור, „זאגט יזכור". ווייזט דאס אויס ווי ער זאגט צו די אלע וואס געפינען זיך אין שוהל דאס זיי זאלען זאגען „יזכור", דער פאר געהען ארויס די אלע וועלכע עלטערען האבען, אום זיי זאלען ניט הערען זיין אויסרוף, וועלכע ווייזט אויס ווי איין קללה בעהיטע גאט. גאר בעסער איז דאס דער שמש זאל נור אויסרופען און זאגען נור דעם איין ווארט „יזכור" מער ניט.

---

# סימן עח

**ווארום שבת און יום טוב זאגט מען „אשרי" פאר דעם אריינשטעלען אין ארון קודש די תורה, און אין דער וואכען זאגט מען „אשרי" נאך דעם אריינשטעלען די תורה?**

ווייל „אשרי" איז די תפלה וועלכע איז מפסיק פון איין תפלה צו די צווייטע, איז שבת און יום טוב די קריאת התורה אליין מפסיק צווישען תפלת שחרית און מוסף, דארום זאגען מיר „אשרי" אויף די בימה דארט וואו מען האט געלייענט, אבער אנדערע טעג זאגאר ווען מען לייענט, זאגט מען

„אשרי" נאך דעם אריינשטעלען די תורה אין ארון קודש, ווייל קוים זיינען זיי וואכענדיגע טעג, דארף מען קיין אונטערשייד מאכען פון דעם טאג וואס מען לייענט צו דעם טאג וואס מען לייענט ניט (עיין בלבוש או"ח רפ"ו בשם רבינו תם).

## סימן עט

ווארום מיר זאגען אין מוסף'דיגע קדושה „שמע ישראל", און „אני ה' אלהיכם".

ווייל אין די צייטען פון רב אשי האט דער קעניג יזגדר דער 2-טער פון פרס אין יאהר 442—460 גוזר געווען דאס אידען זאלען ניט לייענען קריאת שמע, האבען די חכמים פון יענעם דור געארדנעט צו פערשליגגען די קריאת שמע צווישען די קדושות, און זיי האבען געזאגט אין קדושה דעם „שמע ישראל" און פערענדיגט מיט די ענדע פון קריאת שמע „אני ה' אלהיכם", און זיי האבען דאס מתקן געווען אום די קריאת שמע זאל ניט פערגעסען ווערען פון די קליינע קינדער, און דאן גראדע האט געטראפען א נס דאס א גרויסע שלאנג איז אין מיטען טאג אנגעקומען און האט איינגעשלונגען דעם שלעכטען פערזיאניסען קעניג יזגדר אין זיין איינענעם שלאף-צימער און עס איז אלע זיינע גזרות בטל געווארען, דאך האבען יענע חכמים בעשטימט ניט ארויסצונעהמען דעם „שמע ישראל" פון די קדושה, און עס זאל בלייבען צום אייביגען אנדענקען. נור צו מוספים און צו נעילה זאל מען דעם „שמע ישראל" זאגען ווייל אין זיי איז ניטא קיין קריאת שמע.

## סימן פ

ווארום מיר זאגען „אין כאלהינו" שבת און יום טוב און ניט יום כפור?

אונזערע חז"ל האבען בעשטימט דאס יעדען טאג זאל מען זאגען הונ־דערט ברכות, אבער שבת איז אויסגערעכענט דאס עס פעהלען צוועלף ברכות, דארום האבען זיי געארדנעט דעם „אין כאלהינו" פיער מאהל, „מי כאלהינו" פיער מאהל, „נודה לאלהינו" פיער מאהל, און אין, מי, נודה, איז די ערשטע בוכשטאבען צו זאמען „אמן" וואס דאס בעדייט אל מלך נאמן, נאכהער זאגט מען „ברוך אלהינו" פיער מאהל און „אתה אלהינו" פיער

מאהל איז דאס גלייך ווי ער וואלט זאגען צוועלף מאהל „ברוך אתה אל מלך נאמן" און דער מיט פערפאלקאמט ער דעם צאהל פון הונדערט ברכות. אבער יום כפור זאגען מיר ניט „אין כאלהינו", ווייל מיר זאגען אנדערע תפלות פיעל מאהל, און אויך זאגען מיר „אהללך בקול רם" וואס דאס איז נעגען די נייענצעהן ברכות (מהרי"ל).

# סימן פא

וואָרום מיר זאגען ניט שבת פריה צום דאוונען „ובא לציון" נור צו מנחה?

ווייל פערצייטענס האט מען יעדען טאג אלעם געלעהרענט מקרא, משנה גמרא, לויט ווי די גמרא זאגט: דאס מען זאל דעם אלטעגליכען לעבען טהיילען אויף דריי טהייל אין לערנען, אבער ווען די ארומקייט האט געדריקט די אידען צו זוכען פרנסה, און האבען קיין פולע צייט ניט געקענט אבגעבען אויף לעהרנען, האבען זיי פון נביאים געלייענט דעם „ובא לציון" און „ואני זאת בריתי", אבער שבת און יום טוב וואס דאן איז מען ניט ארבייטזאם האט מען אלעם געלעהרענט, האט מען דערפאר זיך ניט גענייטיגט צו זאגען „ובא לציון", דארום זאגט מען שבת פריה אויך יעצט ניט, ווייל מען האט דאך געלייענט פריהער אין נביא, דאך האט מען צו מנחה בעשטימט יע צו זאגען „ובא לציון", אום ער זאל ניט פערפלעט זיין פון דעם אלטעגליכען זאגען (שבלי לקט בשם רש"י).

# סימן פב

וואָרום מיר זאגען קדושה אין „ובא לציון" און מיר זעטצען איהר איבער אויף תרגום לשון?

דער שבלי לקט שרייבט: דאס עס איז געווען א גזרה ניט צו זאגען קדושה, און שפיאנען זיינען געשטאנען אין די שוהלען און געהיט דאס מען זאל קיין קדושה ניט זאגען, איז צום ענדע דאוונען, אלעם די שפיאנען זיינען אוועקגעגאנגען האבען דאס פאלק געזאגט קדושה אין „ובא לציון" וועלכער איז ענדע דאוונען, און האבען איבערזעצט אויף זייער שפראך אום ליבע צו די מצוה פון קדושה. און אבוואהל מיר זאגען יעצט קדושה אין

שמונה עשרה, דאָך האָט מען ניט מבטל געמאַכט די קדושה פון „ובא לציון". אנדערע שרייבען דאָס די קדושת „ובא לציון" איז געמאַכט געוואָרען פאַר די עמי־ארצים וועלכע זיינען געקומען שפּעט דאַוונען און האָבען קיין קדושה ניט געהערט, האָבען זיי פאַר זיך געזאָגט די קדושה פון „ובא לציון" און איהר איבערזעצט אויף זייער שפּראַך אום זיי זאָלען פערשטעהן וואָס זיי זאָגען. און ווי וויט עס איז הייליג די קדושה פון „ובא לציון" קענען מיר זעהען דאָס דער תלמוד (סוטה דף מ"ט) זאָגט „עלמא קאי אקדושה דסדרא" דאָס די וועלט שטעהט אויף דיזע קדושה, מעהרע ערקלעהרונג געפינט זיך אין דעם לשון קודש'דיגען „מנהגי ישרון" וועגען קדושה דסדרא.

---

# סימן פג

וואָרום שבת זאָגען מיר ניט דעם קאַפּיטל „יענך ה' ביום צרה"?

ווייל דיזער מזמור איז אַ געבעט דאָס גאָט זאָל ענטפערען אין איין אונגליק טאָג, אין אַ טאָג פון אַ צרה, און שבתים און ימים טובים זיינען טעג פון שמחה אָבער ניט פון צרות (אבודרהם), און וואָרום זאָגען מיר דעם קאַפּיטל אין די וואָכענדיגע טעג ענדע דעם דאַוונען, געגרינדעט אויף אַ ירושלמי און אַ מדרש תהלים וואָס ר' שמעון ב"ר אבא האָט געזאָגט: דאָס מיר געפינען פון אָנפאַנג תהלים ביז דעם למנצח פון יענך ה' ביום צרה אַכטצעהן מזמורים געגען שמונה עשרה, (אשרי און למה רגשו איז איין און דער זעלבער קאַפּיטל) און ווען אַ איד דאַווינט שמונה עשרה קענען איהם זאָגען דאָס דו ועסט געענטפערט ווערען פאַר דיין תפלה, דען דוד המלך אז ער האָט געזאָגט אַכטצעהען מזמורים האָט מען איהם געזאָגט „יענך ה' ביום צרה" גאָט וועט דיר ענטפערען אין איין נאָטה טאָג, דאַרום זאָגען מיר דיזען קאַפּיטל צו ענדע דעם דאַוונען (מ"מ ר"ט).

---

# סימן פד

וואָרום שפּייט מען אוים ביי „ואנחנו כורעים" אין די תפלה פון „עלינו לשבח"?

די תפלה פון עלינו לשבח וועלכע יהושע האָט מתקן געווען אין די צייט ווען ער האָט בעזיגט די שטאָדט יריחו (כלבו סי' ט"ז וספר החרדים) און מיט דעם זאָגען עלינו לשבח פון אָנפאַנג ביז ענדע און פון ענדע ביז אָנפאַנג זיינען איין געפאַלען די פעסטונגען פון יריחו, און אַזוי ווי אין

יהושע'ס צייטען האבען די פעלקער געדינט צו שטערען און פלאנעטען, און האבען געגלייבט אין גאט, וועלכער די שטערען און פלאנעטען האט בעשאפען, און ווען מיר זאגען „וגורלינו ככל המונם" דאס מיר זיינען ניט ווי זייערע געצענדינערשע פעלקער, שפייען מיר אויס ווען מיר זאגען ישעיהו הנביא'ס רייד „ומתפללים לאל לא יושיע" דאס זיי בעטען צו געטער וועלכע קענען ניט העלפען, און ביי דעם שפייען פעראכטען מיר זייערע אבגעטער, אבער אין אונזערע צייטען וואס אונזערע נאציאנען גלויבען אין גאט און אין זיין השגחה און אין שכר ועונש ברויכט מען ניט צו שפייען (מקורי מנהגים). און דער בעל השל"ה ווי אויך הגאון אזולאי אין זיין ספר „מחזיק ברכה" שטימען אויך איין אז דאס איז אלעס געזאגט געווארען געגען די פעלקער פון יהושע'ס צייטען וועלכע זענען אויף דער וועלט ניטא, נור דער ט"ז אין יורה דעה (סי' קע"ט סק"ה) זאגט דאס אלע ווייסען אז דער שפייען איז ניט מעהר ווי צו שענדען די אבגעטער, אבער דאס ברייגנט צו עהרען דעם בורא עולם, אבער נאך מיין קליינעם פערשטאנד האט ניט רעכט דער של"ה אין זיינע הגהות צום ספר „עמק הבכא" וועלכער זאגט דאס די אלטע פעלקער די געטצען דינער זיינען שוין מעהר ניטא, ווערענד זיי זיינען פארהאן פיעל מעהר אלעס די ציוויליזירטע פעלקער, דען כמעט גאנץ אפריקא און אזיען זיינען געטצען דינער. און עס איז נאך וויט צו די צייט וואס ישעיה הנביא האט פראקלאמירט (ישעיה ב'). און ווי דער מדרש זאגט (ילקוט פ' תשא רמז שצ"ו) דאס די גאטהייט קען נור אנ'ערקענט ווערען ווען די געצענדינענסט וועט פערניכטעט ווערען, „והאלילים כליל יחלוף ונשגב ה' לבדו ביום ההוא" עכ"ל, און דער פסוק „ונשגב" איז פריהער פאר דעם פסוק „כליל יחלוף" איבערצייגט פארקעהרט דאס די ערשיינונג די געטליכקייט וועט פערניכטען די אבגעטער, און דאס וואס דער ספר הנצחון (סי' שמ"ח) שרייבט דאס אין דייטשלאנד אין יאהר 1399 האט דער משומד פסח וועלכער האט זיך נאכהער גערופען פיטער גע'מסור'ט אויף אידען, איבער דעם איז זיך אויך ניט דא וואס צו שרעקען, דען אלע נאציאנע ווייסען אז דאס מיינט מען די אלטע פעלקער די ריכטיגע היידען, אבער ניט די פעלקער פון כריסטענטהום וועלכע האבען אנערקענט די געטליכקייט. מען טאהר ניט זאגען צו זאמען אל אל לא יושיע מיט ואנחנו כורעים, נור נאך יושיע זאל מען זיך אבהאלטען א פאזע און נאכהער זאגען ואנחנו כורעים (טור סי' קל"ג).

# סימן פה

וואָרום מיר זאָגען „אדון עולם" נאָך קדיש יתום וואָס דער „אדון עולם" איז דער אָנפאַנג פון דאַוונען?

מיר זאָגען „אדון עולם" צום לעצט פון די תפלות, ווייל „אדון עולם" איז אויך דער ערשט פון דעם אָנפאַנג דאַוונען, דאָס הייסט צו איבערצייגען דעם שטן אז מיר ענדיגען קיין מאָהל ניט, נור מיר ענדיגען און מיר פאַנגען אָן צוריק עבענזאָ ווי שמחת תורה, ווען מיר ענדיגען די תורה לייענען פאַנגען מיר אָן צוריק פון בראשית אין דער זעלבער צייט. און דאָס וואָס מיר זאָגען „אדון עולם" צו קריאת שמע פאַר דעם שלאָף, איז ווייל דאָרט איז דאָ דער פסוק „בידך אפקיד רוחי" דאָס איך גיעב איבער פאַר מיין שלאָף מיין נשמה צו גאָט (מטה משה רי"ו).

---

# סימן פו

וואָרום זאָגען מיר פאַר דעם וואַכענדיגען בענטשען „על נהרות בבל" און שבת זאָגען מיר „שיר המעלות"?

צו זאָגען פאַר דעם וואָכענדיגען בענטשען „על נהרות בבל" שטאַמט פון זוהר פ' תרומה, דאָס זאָגאָר נאָך דעם עסען צו טרויערען אויף דעם חורבן בית המקדש, אָבער שבת וואָס מען טאָר ניט טרויעריג זיין, זאָגען מיר „בשוב ה' את שיבת ציון" און מיר טרייסטען זיך צו קומען צוריק נאָך ציון. (מגן אברהם סי' א' סק"ה בשם השל"ה).

---

# סימן פז

וואָרום מיר זאָגען אין בענטשען נאָך בונה ירושלים „אָמן" אויף די אייגענע ברכה?

אַזוי ווי בענטשען נאָך דעם עסען איז מן התורה, און די ברכה פון הטוב והמטיב וועלכע מיר זאָגען נאָך „ובנה ירושלים" איז מדרבנן, דען די ברכה פון הטוב והמטיב האָט מען געגרינדעט אין יבנה (שו"ע או"ח סי' קפ"ה), דאָרום זאָגען מיר „אמן" נאָך בונה ירושלים אום מפסיק צו זיין צווישען

די ברכה וועלכע איז מן התורה צו די ברכות וועלכע זיינען מדרבנן, נור דער וואס בענטש איינער אליין אן א זימון, דארף ער זאגען דעם „אמן" אין דער שטיל, אום די הערער וועלכע ווייסען אז די אנדערע ברכה איז פון די רבנן זאלען די אנדערע ברכה ניט פערגרינגערען, און מען זאל דענקען דאס אלעס איז מן התורה, אבער אז מען בענטש מיט א מזומן מעג ער זאגען דעם „אמן" אין דער הויך, דען דאנמאהל איז דאך ניט אזוי קענטיג, ווייל אלע זאגען דאך „אמן" (רמ"א לדינא).

## סימן פח

יוארום אין די וואכענדיגע טעג ווען מיר בענטשין זאגען מיר „מגדיל", און שבת זאגען מיר „מגדול" ?

ווייל דער חולם איז א קעניג, דאס הייסט גענען די תנועות קטנות, און שבת איז אויך א קעניג (מג"א סי' קפ"ט), און אזוי זאגט דער ספר גבול בנימין פון דעם געטליכען מקובל ר' בנימין הכהן חלק ב' דרוש ה' בשם רבינו הקדוש מהרמ"ק ז"ל, דאס ביי דעם אנפאנג וועלט בעשאפונג האבען געברויכט די טעג פון וואך צו זיין צו אכט און צוואנציג שטונדען און מעהר ניט ווי זעקס טעג, און אזוי ווי אלע זעקס טעג וואלטען דאך אלע גלייך געווען, האבען די זעקס טעג געבעטען ביי גאט דאס ער זאל איבער זיי איין טאג מאכען פאר איין קעניג, האט גאט געזאגט, אויב איהר ווילט האבען א טאג וועלכער זאל קעניגען איבער אייך, מוזט איהר יעדערער פון אייך אבגעבען צו פיער שטונדען וועט זיין זעקס מאהל פיער, וועט זיין פיער און צוואנציג שטונדען, און די פיער און צוואנציג שטונדען וועט צו זאמענשטעלען א זיבעטען טאג וועלכער וועט הייסען שבת, און דער טאג וועט הערשען איבער אייך. און דער אבודרהם זאגט, ווייל „מגדיל" האט געזאגט דוד אין תהלים ווען ער איז נאך ניט געווען קיין קעניג, אבער „מגדול" האט ער געזאגט אין נביאים (שמואל ב' כ"ב) ווען ער איז שוין געווען א קעניג. און דאס וואס מיר זאגען אין בענטשען „בכל מכל כל" זאגט דער אבודרהם, ווייל ביי די אבות גיעבט די אלע דריי, ביי אברהם'ען איז געשריבען „וה' ברך את אברהם בכל", ביי יצחק'ן „ואוכל מכל", און ביי יעקב'ען איז געשריבען „וכי יש לי כל" דאס בעדייטעט דאס קיין גוטעס האט געפעלט, (ב"ב סוף פ"ק).

# סימן פט

װאָרום מיר זײַנען זיך נוהג צו לאָזען אַ כזית ברויט נאָך דעם עסען ביז דעם נאָך בענטשען?

ר' אלעזר האָט געזאָגט (סנהדרין דף צ"ב) דאָס דער װעלכער לאָזט ניט אַ כזית ברויט אויף זײַן טיש װעט ער ניט זעהען קײַן סימן ברכה, אויף די׳עזעס זאָגט דער מגן אברהם או"ח (סי' ק"פ) דאָס קײַן ברכה קען ניט רוהען דאָרט װאו עס איז פּוסט און ליידיג, נור אויב עטװאָס איז דאָ קען אויף די עטװאָס שולט זײַן אַ ברכה, דאָס עס זאָל זיך מעהרען, זאָ װי ביי אלישע און די שונמית, און עס קען מעגליך זײַן אַז דעם לאָזען אויף דעם טיש אַ כזית ברויט איז דאָס ניט מעהר װי אַ פּראָטעסט געגען די װילדע אַבערגלויבישע פֿעלקער, װעלכע גלויבען דאָס מען טאר ניט נאָך דעם עסען קײַן זאַך איבער־לאָזען אויף דעם טיש, װײַל זײ גלויבען דאָס נאָך די איבערגעבליבינע ברעקלעך שלעפּען זיך נאָך רוחות און מזיקים, װעלכע טוהען זײ נאָכהער שלעכטעס, זאָ שרײַבט דער גרויסער פֿאָרשער פריטש אין זײַן בוך זײַטע **418**, דאַרום האָבען אונזערע חכמים אין תלמוד געמאַכט אַ פּראָטעסט און געהײסען אונז דוקא לאָזען אַ כזית ברויט נאָך דעם עסען, צו איבערצײַגען דאָס זײער אַבערגלויבען האָט ניט קײַן װערטה.

---

# סימן צ

װאָרום נאָך דעם בענטשען זאָגען מיר די פּסוקים „יראו את ה'", און „כפירים רשו" אין דער שטיל?

דען פֿיליאַכט זיצט ביי דעם טיש איין אָרימאַן זאָל ער זיך ניט פֿער־שעמען, װען מען װאָלט זאָגען „כפירים רשו" װאָס דאָס בעדײַט די לײַבען און די װילדע חיות זײַנען אויך אָרימע לײַט.

---

# סימן צא

וואָרום מיר זאָגען פֿערשידענע געבעטען אין שבת'דיגע שמונה עשרה, „אתה קדשת" „ישמח משה", „תכנת שבת" און „אתה אחד"?

„אתה קדשת" זאָגען מיר געגען שבת בראשית דאָס איבערצייגט די ווערטער פֿון די געבעט אליין, „ישמח משה" איז געגען דעם שבת פֿון מתן תורה, ווייל די תורה איז געגעבען געוואָרען שבת (שבת דף פ"ו), דער כחיי אין יתרו זאָגט דאָס די תורה איז געגעבען צו משה'ן שבת פֿאַר אַ מתנה, דאַרום האָט משה דאָס ווערטה מען זאָל דערצעהלען זיינע שבחים, „תכנת שבת" איז געגרינדעט געוואָרען אויף די גאולה, און איז געגרינדעט געוואָרען אויף אַ פֿערקעהרטען אלף בית תשר"ק, און דער וואָרט „רצית קרבנותיה" ווייל עס קען טרעפֿען חילול שבת דאָך האָסט דו גאָט איינגעווילליגט אין זיי (וע"ש בב"י הפירוש), און דאָס וואָס אויף שבת ראש חודש בייטען מיר אום דעם „תכנת" אויף „אתה יצרת" איז ניט מעהר ווי מפרסם צו זיין, אַז היינט איז ראש חודש (שלטי גבורים), און „אתה אחד" איז געגרינדעט אויף דעם שבת פֿון די צוקינפֿטיגע וועלט וועלכער הייסט דער אייביגער שבת (ליום שכלו שבת), תוס' חגיגה דף ג'). אויך געגרינדעט אויף דעם מדרש דאָס דריי זאָגען עדות איינער אויף דעם צווייטען, גאָט, אידען, און שבת, גאָט און די אידען זאָגען עדות דאָס דער הייליגער שבת איז אַ רוהע טאָג, אידען און שבת זאָגען עדות דאָס גאָט איז איינער, גאָט און דער שבת זאָגען עדות דאָס די אידען זיינען די איינציגע אויסערוועהלטע נאַציאָן צווישען אַלע פֿעלקער, און דאָס אַלעס ענטהאַלט דער „אתה אחד".

---

# סימן צב

וואָרום מיר געהען שבת שפּעטער אין שוהל צום דאַווענען ווי אין די וואָכענדיגע טעג?

דאָס איז געדרונגען פֿון דעם וואָס ביי דעם קרבן תמיד פֿון אין דער פֿריה איז געשריבען „בבקר בבקר" דאַרום דאַרפֿען מיר אויף שטעהן צום דאַווענען וואָס פֿריהער, אָבער שבת איז ניט ערוואַנט „בבקר", נור „וביום השבת" איבערצייגט דאָך דאָס שבת איז רעכט שפּעטער צו דאַווענען (מרדכי בפרק כל כתבי), נאָר דאָך דאַרף יעדערער געהיט זיין צו דאַווענען צו דער

צייט, און דער מהרי"ל אין הלכות שבת שרייבט אויף זיך אליין דאס שבת שלאפט ער שפעטער, ווייל דער שלאפען איז א תענוג, און דער ווארט „שבת" מאכט א ר"ת שנה בשבת תענוג, און ער שרייבט אז אזוי האט ער די קבלה פון זיין רב'ען, אויך יום טוב דארף מען קומען שפעטער דאוונען אין שוהל און איילען זיך ארויסצוגעהן וואס פריהער אויך צו ליעב עונג יום טוב (בפ' הקורא עומד בפרש"י ומס' סופרים פ' י"ח).

---

# סימן צג

ווארום מיר צינדען אן וואס מעהרערע ליכט צום שבת?

ווי ווייט עס זיינען פערהייליגט דאס בענטשען אויף מעהרערע ליכט אויף שבת ערקלעהרט די גמרא (שבת כ"ג ע"ב און מדרש ילקוט פ' בהעלותך) דאס אויב איהר וועט היטען די ליכט פון שבת, וועל איך ווייזען די ליכט פון ציון, און ווי ליעב איז פאר גאט די ליכט אבוואהל ער דארף ניט זייער שיין האט ער געהייסען משה רבינו דאס ער זאל זאגען צו אהרן אז ער זאל אנצינדען די ליכט. אנדערע צינדען אן זיעבען ליכט געגען די מנורה וועלכע איז געוועזען זיעבען פייערען, און אנדערע געגען די זיעבען טעג פון וואך, און נור ווייבער זאלען אנצינדען די ליכט און בענטשען אויף זיי, ווייל זיי האבע אויס געלאשען די וועלטס ליכט דאמיט וואס די שלאנג האט געווירקט דאס זיי זאלען איהם פאלגען, און עס איז געשריבען דאס „נר ה' נשמת אדם" גאטעס ליכט איז די זעעלע פון אדם, דאס דורך חוה איז אדם ארויס געטריבען געווארען פון גן עדן (זוהר פ' בראשית, שבת פרק במה מדליקין דף ל"ב ע"א וכן כתוב בב"ר).

---

# סימן צד

ווארום מיר זאגען „פרקי אבות" אום זומער און „ברכי נפשי" אום ווינטער?

איבער די פערענדערונגען די מענשליכע זיטען איבער דעם וואס די צייט, און דער ארט, און די צופעהלע ברייגגען דעם מענשען צופערענדערונג אין זיין קראפט און זיין נאטור ווערט געענדערט, לויט דעם אויר וועלכער ווירקט אויף זיינע גלידער, און ממילא ווערט געענדערט זיינע מדות, און מיר

זעהען דאס ווען עס פאנגט זיך אן דער זומער און די אוירים ווערען געענדערט וויל די צייט ענדערט זיך אויך, פון הערבסט אויף זומער, און איבער דעם אויך איבערענדערונג ברעכען אויס פיעלע קראנקהייט, און דאנמאהל דארף מען האבען דאקטורים און מעדיצין אים צו רעגולירען דעם קערפער ער זאל זיך שטעלען אויף זיין ריכטיגען געזונד, און אזוי ווי די לופט ווירקט אויף דעם קערפער אזוי איז די אומשטענדען וועלכע די לופטען האבען בכח דעם קערפער אנדערש צו מאכען. און מיר האבען זיי נייטיג אויסצובעסערען, אזוי דארף מען אויסבעסערען אויך דעם גייסט וועלכער איז אויך איבערגעענדערט געווארען איבער די סבות פון אויר וועלכער האט אויך געווירקט אויף דעם מענשען גייסטליך, און די מעדיצין וועלכע קענען היילען דעם גייסט און שטעלען איהם אויף א ריכטיגען פלאטץ, איז ניט קיין אנדער מעדיצין ווי נור די לעהרע פון גוטע מדות, דארום האט מען בעשטימט, דאס פון אנפאנג זומער זאל מען זאגען אדער לערנען די מסכתא אבות, וויל דיעזע קליינע מסכתא איז דער גרונד פון די העכסטע מאראל, גוטע זיטען, און עטהיקא, אויך ווארנונג צו די געטליכע לעהרע, און נור דיזע לעהרע בעסערט אויס די מענשליכע מדות, וועלכע די פערגאנגענע צייט האט פערענדערט זיין גייסט (ספר בית אבות מהר״ר שלמה זלמן נכד הגר״א). און פון שבת בראשית אן ביז ענדע ווינטער זאגען מיר „ברכי נפשי״, וויל דער קאפיטל „ברכי נפשי״ רעדט וועגען מעשה בראשית ווי די באשאפונג פון דער וועלט איז געשעהען, און לויט נאך דעם תנא ר״א (ר״ה י״א) איז די וועלט בעשאפען געווארען אום תשרי, און זי האט זיך אויסגעבילדעט אין די זעקס חדשים פון ווינטער, און די פונפצעהן קאפיטלעך „שיר המעלות״ איז אויך דער זעלבער מיינונג דאס צוליעב זיי האט זיך די וועלט צוריקגעקעהרט צו די מעשה בראשית (לבוש תרס״ט).

---

# סימן צה

ווארום מיר זאגען „ואני תפלתי״ שבת צו מנחה?

געגרינדעט אויף די פתיחתא פון „איכה רבתי״ אויף די צוויי פסוקים „ישיחו בי יושבי שער ונגינות שותי שכר״ און גלייך דער צווייטער פסוק איז „ואני תפלתי לך ה׳״ דוד המלך בעקלאגט זיך דאס איהם בעליידיגען די גאסען לייטע און די פערזאפענע זינגער, ווערענד ער בעט ביי גאט. די בעדייטונג איז וואס דוד האט געזאגט דאס ניט גלייך זיינען אידען צו אנדערע

נאציאָנען, דאָס ווען אַנדערע נאַציאָנען אַ יום טוב האָבען ווערען זיי בעטרונקען און טוהען אָב די גרעסטע דומהייטען, אָבער דער איד אין זיין יום טוב בעט ביי גאָט „ואני תפלתי לך ה׳“ און מיר זאָגען „ואני תפלתי“ פאַר קריאת התורה צו איבערצייגען גאָט, דאָס מיר זיינען ניט גלייך צו אַנדערע נאַציאָנען. נאָך אַ מיינונג גיעבט, דאָס ווען מיר האָבען גוט אָבגעגעסען, און אָבגעטרונקען, און די גמרא זאָגט דאָס איין בעטרונקענער זאָל ניט דאַוונען, און ווען ער דאַווינט דאָך רעכענט זיך ניט פאַר איין פערברעך, דאַרום זאָגען מיר און מיר בעטען ביי גאָט אז „ואני תפלתי לך ה׳“, ווען איך בעט ביי דיר גאָט זאָל זיין „עת רצון“ איין ווילינגס צייט, דאָס אונזער געבעט זאָלסט דו אָננעהמען ווי ניט פון אַ בעטרונקענעם. און יום טוב זאָגען מיר ניט „ואני תפלתי“ וויל שבת דאַוונען מיר מנחה פריה, דען מיר איילען זיך צו מקיים זיין די מצוה פון „שלש סעודות“, אָבער יום טוב דאַוונען מיר מנחה שפעטליך און מיר האָבען ניט נייטיג צו זאָגען „ואני תפלתי“ (אבודרהם).

---

# סימן צו

### וואָרום מיר זאָגען שבת צו מנחה „צדקתך צדק“?

וויל מיר האָבען בקבלה אז שבת מנחה צייט איז געשטאָרבען משה רבינו (ט״ז או״ח סי׳ רצ״ב וגם תוס׳ מנחות ל׳ ע״א ומרדכי פרק ע״פ ואבן ירחי בס׳ המנהיג) און אין די זעלבע צייט זיינען אויך געשטאָרבען יוסף און דוד, דאַרום זאָגען מיר די דריי פסוקים „צדקתך צדק“ וואָס דאָס איז ווי צדוק הדין, דאָס מיר זיינען אויף זיך מצדיק הדין וואָס גאָט האָט ביי אונז צו גענומען אַזעלכע צדיקים יסודי עולם (זוה״ק ח״ב דף קנ״ו ע״א), און דעריבער זאָגען מיר ניט צו מנחה איינער צו דעם צווייטען „גוט שבת“ אַזוי ווי אין דער פריה, וויל מיר ווייזען זיך ווי אבלים וועלכע טאָהרען זיך ניט בעגריסען, און יום טוב צו מנחה זאָגען מיר ניט גוט יום טוב אום ניט צובעליידיגען דעם שבת, דאָס אויב שבת ניט זיך צו בעגריסען זאָל שוין אויך אַזוי זיין יום טוב אָהנע בעגריסונג. ווי עס האַרמאָנירען די דריי פסוקים פון דעם צדקתך צדק איז בעשריבען אין מיין לשון קודש׳דיגען מנהגי ישרון.

---

# סימן צז

וואָרום מיר זאָגען תהלים ביי דעם בעגלייטען שבת פאַר דעם וואָכענדיגען מעריב?

געגרינדעט אויף א מדרש וועלכער זאָגט דאָס שבת איז גלייך צו אַ מלכה אַ כלה, וועלכע נאָך דער חתונה בעגלייטעט מען זי מיט געזאַנג, און שבת איז אויך אַ מלכה אַ כלה, ווי די גמרא זאָגט (בפרק כל כתבי) לאָמיר אַרוים געהן געגען שבת די קעניגען קום דאָך כלה (נצא לקראת שבת מלכתא בואי כלה בואי כלה) דאַרום זאָגען מיר תהלים, און מיר בעגלייטען שבת מיט געזאַנג ליעדער פאָעטישע און הייליגע.

# סימן צח

וואָרום מיר זאָגען שבת פאַר דעם וואָכענדיגען מעריב דעם קאַפּיטל „לדוד ברוך ה׳ צורי" און דעם מזמור „אלהים יחננו ויברכנו"?

ווייל אין דעם קאַפּיטל „לדוד ברוך ה׳ צורי" געפינט זיך א פסוק „אדם להבל דמה ימיו כצל עובר" דאָס דעם מענשענס לעבען האָט קיין ווערטה און זיינע יאָהרען פערשווינדען ווי אַ שאָטען, ווען דער מענש וועט דאָס זאָגען און וועט זיך עראינערען דעם גאָרנישטדיגען לעבען, וועט ער זיינע אַלטעגליכע אַרבייט אָדער פרנסה פיהרען מיט אמונה און ערליכקייט, און מיר זאָגען דעם קאַפּיטל „אלהים יחננו" ווייל דיזער קאַפּיטעל האָט ניין און פערציג ווער־טער געגען די ניין און פערציג שבתים פון יאָהר (ס׳ תקנות ותפלות).

# סימן צט

וואָרום מיר זאָגען מוצאי שבת קודש „ויהי נועם" און „ואתה קדוש"?

ווייל ויהי נועם האָט געזאָגט משה רבינו: אַלס ער האָט פערענדיגט די אַרבייט פון משכן, און אַלס מיר האָבען געענדיגט דעם שבת, בעטען מיר אויך „ויהי נועם" דאָס פאַר גאָט זאָל אָנגענעהם זיין אונזער שבת, און ער זאָל אונז בענטשען אויף וויטער (טור או״ח סי׳ רצ״ה), און מיר זאָגען נאָכהער „ואתה קדוש" ווייל ווי בעוואוסט דאָס נאָך שבת געהען צוריק די

רשעים אין גיהנם, דארום פערלייַנגערען מיר דעם מעריב און מיר זאָגען וואָס מעהרער לויב צו גאָט אום צו פערהאַלטען דעם שבת לייַנגער, דאָס די רשעים זאָלען אין גיהנם ניט אזוי שנעל געבראַכט ווערען (הגהת רמ"א סי' רצ"ה), און מיר היפּען איבער דעם פסוק „ובא לציון גואל" ווייַל קיין גאולה קומט ביי דער נאַכט ניט, אויך דעם פסוק „ואני זאת בריתי" היפּען מיר איבער, ווייַל דיזער פסוק איז געשלאָסען מיט דעם ערשטען פסוק פון „ובא לציון" וועלכע שטעהען אין נביא ישעי' איינע נעבען די אַנדערע. און תשעה באב ווען עס געפאַלט שבת צו נאַכט זאָגען מיר ניט „ואני זאת בריתי", ווייַל דאָס קען אויסזעהן ווי גאָט וואָלט מקים געוועזן זייַן ברית אויף די קינות. און מיר זאָגען ניט „ויהי נועם" אין דעם שבת וואָס קומט אין יום טוב, ווייַל מען איז אָבגעהאַלטען פון אַרבייַט. און זיבען מאָהל אין יאָהר זאָגט מען ניט „ויהי נועם": א) אין די וואָך וואָס קומט פסח, ב) דער זיבעטער טאָג פסח, ג) אויך שבועות, ד) ראש השנה, ה) יום כפור, ו) סוכות, ז) שמיני עצרת, און דארום איז ניטאָ קיין ז' (וואָס דאָס בעדייַט זיבען) אין „ויהי נועם", ווייַל זיבען מאָל אין יאָהר זאָגט מען איהם ניט, און אַז מען זאָגט ניט „ויהי נועם" זאָגט מען אויך ניט „ואתה קדוש", ווייַל זיי זייַנען אָבהענגיג איינע צו די אַנדערע (מטה משה).

---

# סימן ק

### פאַר וואָס מען מעג רויכערן מוצאי שבת קודש פאַר הבדלה?

דיזער היתר געפינט מען אין די תשובות פון גינת ורדים (כלל ג' סי' כ"ה), און דאָס איז, ווייַל רייכערען הייסט ניט קיין מלאכה, אָבער אַרבייטען פאַר הבדלה טאָהר מען ניט (עיין בפרח שושן כלל ג' סי' ב' הובא בבה"ט או"ח רצ"ט).

---

# סימן קא

### וואָרום מיר זאָגען אַלע מוצאי שבת קודש „אליהו הנביא", און וואָרום רופט מען „אליהו הנביא" אויך „אליהו התשבי"?

ווייַל די גמרא (עירובין דף מ"ג) פערזיכערט אונז דאָס אליהו וועט ניט קומען ניט ערב שבת און ניט ערב יום טוב, נור אַזוי ווי ער קען דאָך

קומען מוצאי שבת זאָל ער קומען אונז אָן זאָגען בשורות טובות. אויך זאָגט דער מדרש דאָס יעדען מוצאי שבת קומט אליהו אין גן עדן אונטער דעם עץ החיים און פערשרייבט דעם זכות פון יעדען שומר שבת. און אַ גאַנצע וואָך דאַרפען מיר איהם ניט דערמאָנען, ווייל שבת צו נאַכט בעטען מיר איהם שוין אויף די גאַנצע וואָך, און מיר רופען איהם אויך „אליהו התשבי", ווייל די גאַנצע וועלט זיינען גרים, היינט לעבט ער און מאָרגען קען ער זיין אין קבר, אָבער אליהו ווערט אָן גערופען „הושב" אַבּירגער אויף דער לעבעדיגער וועלט, ווייל ער לעבט אימער (ספר תקנות ותפלות ורש"י מלכים א' ט"ז).

נאָך אַ מיינונג גיעבט, ווייל די גמרא זאָגט אין שבת (פרק כ"ב) אלמלא משמרין ישראל שתי שבתות *) כהלכתן מיד נגאלין, שנאמר „כי כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי" וב' און נאָכהער שטעהט „והביאותים אל הר קדשי", הייסט עס ווען די אידען וואָלטען געהיט שבת ווי געהעריג זאָגאַר צוויי שבתים וואָלטען זיי גלייך אויסגעלייזט געוואָרען, ווי אין פסוק שטייט: אַזוי זאָגט גאָט ווען זיי וואָלטען געהיט מיינע שבתים הייסט עס זאָגאַר צוויי, גלייך וואָלט איך זיי אַריינגעבראַכט צו מיין היילינגען באַרג דאָס מיינט מען אין די היילינגע לאַנד, דער פאַר בעטען מיר ביי גאָט און מיר דערמאָנען „אליהו הנביא" מוצאי שבת קדש, און מיר זאָגען: מיר האָבען געהיטעט דעם שבת ווי געהעריג איזט, טו שיק אונז דעם „אליהו הנביא" אונז אויסצולייזען (מצאתי).

---

# סימן קב

**וואָרום מיר מאַכען מוצאי שבת אַ ברכה אויף דעם פייער, און ניט אויף אַנדערע זאַכען וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען?**

דאָס איז ווייל אַ גאַנץ שבת איז דער פייער פערבאָטען געווען מען זאָל ניט האַלטען פייער און ניט מאַכען פייער, דאַרום ווי עס קומט שבת צו נאַכט און מען ערלויבט מיט דעם פייער זיך צו בענוטצען, איז דאָס גלייך

---

*) און וואָרום נור צוויי שבתים? ווייל איין שבת וואָלט דאָך קענען דער שטן קלאָגען זיך אויף די אידען און זאָגען, דאָס איז נור אַ צופאַל (אַ מקרה), אָבער אַ צופאַל גיבט ניט פיעל (המקרה לא יתמיד), דאָ קען שוין דער שטן גאָר ניט מאַכען (מפי גדול א' בישראל הרב ר' אהרן יצחק ז"ל).

ווי ער איז יעטצט בעשאפען געווארען, די זעלבע זאך מאכט מען א ברכה אויך נאך יום כפור ביי דער נאכט אויף דעם פייער (באה"ט סו"ס רצ"ט מתשובת הרשב"א וכן בב"ר פ' פ"ב). און ווארום מיר מאכען די ברכה „בורא מאורי האש" אויף מעהרערע צאהל (כלשון רבים), וויל אין פייער גיעבט פערשידענע פייערען: ווייס, און רויט, און בלאה (מס' ברכות נ"ב), דארום איז א מצוה אגרויס פייערדיגע הבדלה-ליכט אום עס זאל זיך ארויסזעהען מעהרערע פייערס. און מיר מאכען ניט קיין ברכה אויף די זונען שטראלען און אנדערע פייערען, וויל יעדען טאג בעניים זיי גאט (מרדכי פר"ח ברכות) הייסט דאס אלע טאג א אנדער לייכטונג, און אין אונזערע אויגען איז דאס ליכט אלס דאס זעלבע, טו ווי זאלען מיר מאכען א ברכה?

---

# סימן קג

ווארום מיר קוקען אויף די נעגעל ווען מיר מאכען א ברכה „בורא מאורי האש"?

צו קוקען אויף די נעגעל בשעת מאכען די ברכה „בורא מאורי האש", איז די אבשטאמונג פון תלמוד (ברכות דף נ"ג) דאס ער זאל זא קוקען, דאס ער זאל קענען אונטערשיידען פון איין מטבע צו די צווייטע, אזוי ווי ער דער־קענט פון נעגעל ביז די פלייש (פרקי דר"א פ"ב). אויך גיעבט דער טור סי' רצ"ח אין דעם נאמען פון רב האי גאון א אנדער מיינונג. אויך ברייננגען דאס קוקען אויף די נעגעל דער ביאור הגר"א או"ח סי' רצ"ח פון א פסקתא וועלכער דער ילקוט תהלים תשכ"ג זאגט, און אויך דער בגדי ישע אויף דעם מרדכי אין יומא.

---

# סימן קד

ווארום מיר מאכען שבת צו נאכט ביי הבדלה א ברכה אויף בשמים?

אום צו ערקוויקען די זעלע, וועלכע איז שמערצליך צו ליעב דעם אבשייד פון דעם היילינגען שבת, שמעקט מען בשמים און מען מאכט אויף זיי א ברכה (טור סי' רצ"ז). דער בחיי פרשה וישלח זאגט אויף דעם א אנדער מיינונג, נאך די מיינונגען פון תוס' ביצה (דף ל"ג), און פסחים (ק"ב) איז מוצאי יום

טוב דאַרף מען אויף בשמים ניט מאַכען קיין ברכה, ווייל שבת צו באַגלייטען די נשמה יתירה) ריכט מען בשמים, אָבער יום טוב איז ניטאָ קיין נשמה יתירה. און אַ נשמה יתירה איז ניט מעהר אַ רוהיגע פרעהליכע האַרץ, און פריי אַטהעמען און רוהיג עסען און טרינקען (רש״י ז״ל ביצה ט״ז) און רש״ם דייד זיינען ווירקליך ריכטיג און הייליג, דען אַ שטורעמדיגע, און כעס׳דיגע האַרץ און אַ אונאָרדענדער גייסט איז זיין עסען עקעלהאַפט פאַר איהם און מאַכט איהם קראַנקהייט, אָבער ווען אויף דעם האַרצען איז גוט און דער גייסט איז רוהיג, איז דער עסען אַנגענעהם, און דער אַפעטיט איז גרעסער צום עסען און טרינקען אין דעם רוהיגען שבת מעהר ווי די וואָכענדיגע טעג, און אַז מיר זאָלען דאָס צו פראָבע שטעלען זעהען מיר דאָס דער ריכטיגער שומר שבת איד, איז ווי דער שבת קומט אָן באַקומט ער אַנגענעהמע רוהע און אַ לייכטען ניט אַ פערוּמערטען געמיטה, און ער ווייס זעלבסט ניט וואָס דאָס בעדייטעט, דען אויב פון דעם וואָס ער אַרבייט ניט שבת שפירט ער אַנגענעהמקייט, גיעבט דאָך אַ סך לײדיג געהער און דאָך זיינען זיי פערצאָגט און פערקימערט, און אויב צוליעב דעם וואָס מיר עסען גוטע שפייזען, עסען דאָך די רייכע לייטע אימער גוטע שפייזען, דאָך זיינען זיי אויף גערעגטע און זעלטען אין איין גוט לוינע, איבערצייגט זיך דאָס דער שבת זעלבסט בריינגט מיט זיך די טהייערע מתנה פון פריי אַטהעמונג און גייסטיגע פריידע, אָבער ניט רייכטהום אָדער לײדיג ארומגאַנג בריינגט אָט דיעזע שבת גייסטיגע פריידע, און ווען דער שבת געהט אַוועק פיהלט ווירקליך דער ריכטיגער איד, דאָס עטוואָס גוטעס איז פון איהם פערשוואונדען, דען די האַרץ זיינע בעקומט אונרוהיגקייט און זאָרג, זאָגאַר ניט וויסענדיג איבער וואָס ער איז אונרוהיג, אָבער ווען עס געפאַלט יום טוב אום מוצאי שבת קודש דאַרף ער ניט מאַכען „בורא מיני בשמים״ ווייל דער יום טוב אַליין בערוהיגט איהם אָהנע בשמים.

---

# סימן קה

**וואָרום ווייבער זיינען זיך נוהג ניט צו פערזוכען די וויין פון הבדלה?**

בעשטימט איז פון תלמוד, דאָס איבער אדם הראשונים זינד וואָס ער האָט געגעסען פון עץ הדעת, וועלכער איז געוועזען וויינטרויבען וואָס חוה האָט אויסגעדריקט און איהם געגעבען, וואָס צוליעב דעם איז צו די פרוי געקומען דם נדות. וועלכעס מאַכט אָבשיידען די פרוי פון איהר מאַן, און אַזוי ווי די

סבה איז געוועזן דער וויין, דארום טרינקען ניט די פרויען די וויין פון הבדלה (שליה בהלכות שבת), און די וועלכע טרינקט, איז גלייך ווי זי וואלט פערברע־ כען געגען איהר אב געהיטע צייט. מען דארף איבער צו גיעסען דעם בעכער פון הבדלה ביז עס גיעסט זיך אריבער אויף דער ערד, דאס איז גענומען פון בראשית רבה דאס די הויז וועלכע גיעסט ניט אריבער אום מוצש"ק איז אין איהר ניטא קיין סימן ברכה. דער בעשמירען די אויגען מיט הבדלה וויין איז ערמאנערט אין פרקי דר"א (פ"ב). די וועלכע מאכען הבדלה איבער מילך און זיינען זיך סומך אויף דעם מחבר אין אורח חיים (רצ"ו) וועלכער זאגט דאס אויף אלע משקאות מעג מען הבדלה מאכען אויסער וואסער, דענקען אנדערע אז אויף מילך מעג מען, האבען זיי א טעות, דען דער מחבר האט געמיינט דאס ווען עס גיעבט אזא לאנד וואס קיין משקאות גיעבט אויסער וואסער זאל ער איף וואסער ניט מאכען הבדלה, אבער מילך אלס א משקה האט דער מחבר גאר ניט געדענקט און געוויס טאהר מען ניט, אבער דער ערוך השלחן זאגט אז גאוני ישראל האבען געמאכט הבדלה אויף מילך און מען מעג. און מאכען קידוש אויף שנאפס טאר מען ניט (ידי משה שה"ש רבה פ"א). און איבערצייגט איז פון מדרש דאס אזוי ווי בוים איל איז שווימענד איבער אלע געטראנקען אזוי זיינען די ישראל די העכסטע איבער אלע נאציאנען, אבער גיעסט בוים איל אין שנאפס וועט דער בוים איל ארונטער פאלען און ניט שווימען פון אויבען, איז דאך א בעוויז אז דאס איז קיין משקה ניט, און אזוי ברייננט אויך דער שערי תשובה או"ח (סי' ער"ב). און אז וייבער מעגען טרינקען פון די וויין פון קידוש, ברייננט דער סידור רשב"ן דער רב פון קארצא"ג (אונגארען).

---

# סימן קו

וואָרום רופט זיך די סעודה פון שבת בעגלייטען מיט דעם נאָמען „דעם קעניג דוד'ס סעודה"?

איינענטליך איז דאך די סעודה געהער צום שבת, זי איז דאך די סעודה פון דעם בעגלייטען דעם שבת, אבער זי געהער ניט צו דוד המלך, נור די סעודה רופט זיך אויף דוד המלך'ס נאמען, ווייל אלס דוד האט זיך געבעטען ביי גאט ער זאל איהם זאגען ווען זיין ענדע לעבען וועט זיין, "הודיעני ה' קצי", און גאט האט איהם געזאגט אז שבת וועסט דו שטארבען, און אלס דוד האט איבערגעלעבט א שבת האט ער געמאכט א סעודה, און

אזוי יעדען מוצאי שבת, און געווײס האבען דאס פאלק אנטהײל גענומען אין זײן שמחה, און ווען יעדערער האט בײ זיך צו הויזע געגעסען די שבת בע־גלײטענדע סעודה, האט יעדערער גערופען דוד המלך׳ס סעודה, ווײל דוד האט זיך געפרעהט בײ דיזע סעודה, דארום רופט מען די סעודה עד היום מיט דעם נאמען „דא היא סעודתא דדוד מלכא״.

---

# סימן קז

### ווארום בײ קידוש אויף ווײן זאגען מיר „סברי מרנן״, און אויף אנדערע זאכען זאגען מיר „ברשות״ ?

דערווארט „סברי״ איז פון ווארט סברא וואס דאס בעדײטעט נעמען זיך אין אכטונג. און האבען דערבײ אריכטיגען געדאנקען (בעל התשבי), און דער רמ״א שרײבט (או״ח סי׳ קע״ד) איהר זאלט נעמען אין געדאנקען אויף דיזע ברכה יוצא צו זײן מיט איהר, און ענטפערן אמן (וכן כתב בעל המפ״ה). נור דער עיקר פון דיזען „סברי״ שרײבט דער שבלי לקט אין דעם נאמען פון רב האי גאון, דאס אז מען קומט עסען זאגט מען „ברשות״. ווײל עסען איז א רשות, וויל איך עסען עס איך, וויל איך ניט עס איך ניט, אבער קידוש און הבדלה איז דאך א פליכט אויף יעדערען צו מאכען קידוש אדער הבדלה, דארום זאגט מען „סברי״ אין אכט צו געבען דאס איך טוה א הײליגע פליכט און יעדערער דארף ענטפערען אמן. און ווען אין מיטען עסען קומט ווײן זאגט מען „סברי״, ווײל די מויל איז דאך ניט לײדיג און עסענדיג איז שלעכט צו ענטפערן, זאגט מען דארום „סברי״ אום יעדערער זאל זיך אב־האלטען פון עסען און ענטפערען אויף די ברכה „אמן״, דען אויף ווײן זאגאר אין מיטען עסען דארף מען מאכען א ברכה. און צו א חופה און א ברית זאגט מען גאר ניט „סברי״, דעם מײנונג דערויף זאגט דער מגן אברהם או״ח (סי׳ קע״ד). און דער מדרש תנחומא פ׳ פקודי שרײבט, דאס ווען דער חזן האט א כוס פון קידוש אדער פון הבדלה, און האט מורא פילײכט איז אין כוס פאראנען סם המות, זאגט ער „סברי מרנן״. און דאס קהל ענטפערען איהם לחיים, דאס מײנט מען אז דער כוס זאל זײן צו לעבען און ניט חלילה זיך צו פערגיפטען (פחד יצחק אות ס׳).

---

# סימן קח

וואָרום דער שמש קלאַפּט און רופט אין שוהל צו געהן?

דיעזער מנהג דער שמש זאָל רופען אין שוהל אַריין איז נאָך פון די אַלטע צייטען אויף צו וועקען דעם עולם געהן אין שוהל, און דאָס ברייננגט דער מרדכי אין מסכתא ביצה אין לעצטען פרק.

# סימן קט

וואָרום אין אַ תענית לייענט מען „ויחל" אין דער פריה און צו מנחה און מען לייענט ניט קיין „מפטיר" אין דער פריה נור צו מנחה, און תשעה באב לייענט מען מפטיר אין דער פריה אויך?

אַזוי ווי אין אַ געוועהנליכען תענית טאָג מען אַרבייטען איז אום ניט צו בעלעסטיגען די געמיינדע וועלכע דאַרפען געהן צו דער אַרבייט אָדער צו מסחר לייענט מען ניט קיין הפטרה אין דער פריה, ווייל עס איז ווייניג צייט, אָבער צו מנחה ווען דער טאָג איז אַרונטער און יעדערער קומט פון דער אַרבייט איז מען מפטיר צו מנחה, אבער תשעה באב וואָס אין דעם טאָג טאָר מען קיין אַרבייט ניט טאָן, האָט זיך דאָס פאָלק ניט וואָס צו איילען, דאַרום לייענט מען מפטיר אין דער פריה, און צו לייענען ויחל ברייננגט דער מסכת סופרים פ׳ י״ז הלכה ז׳.

נאָך אַ מיינונג גיעבט פאַר וואָס מען לייענט מפטיר אין תענית צבור צו מנחה און ניט צו שחרית? איך פאַר וואָס נור דעם „דרשו"? ווייל אין דעם קאַפּיטעל שטייהט דער פסוק: „שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבא וצדקתי להגלות" (ישעי׳ נ״ו), היטעט צו טאָהן רעכט און גוטעס, דען דאַדורך וועט מיין הילפע נאָהענט זיין צו קומען און מיין גליקליכע צייט זיך צו בעוויזען, (ואגרא דתעניתא צדקתא לעת ערב) הייסט עס דאָס אין אַ תענית טאָג פאַר נאַכט דאַרף מען געבען צדקה, דען דער וואָרט „תענית" מאַכט „תת עני״, און „צדק ומשפט מכון" די אָנפאַנג אותיות מאַכט „צום", איז דאָס געמיינט אַז אין אַ תענית טאָג פאַר נאַכט דאַרף מען געבען צדקה. דער פאַר לייענט מען צו מנחה די הפטרה „דרשו" אום צו עראינערען דאָס געמיינדע צו געבען צדקה (מ״מ).

# סימן ק׳

**וואָרום מיר פאַלען ניט קיין תחנון צו מנחה פאַר ראש חודש, און פאַר חנוכה און פאַר פורים, און ערב שבת, און ערב יום טוב ?**

ווייל מאַנכע זיינען פערטראָגען און זיי פערגעסען וואָס שפּעטער דאַרף קומען, דאַרום אַז ער קומט צו מנחה און זעהט אַז מען פאַלט ניט קיין תחנון, ערינערט ער זיך וואָס פאַר אַיין אָווינד עס וועט קומען צו ראש חודש, אָדער חנוכה, אָדער פורים, אָדער עס איז ערב שבת, אָדער ערב יום טוב, דען תחנון איז אַ פריייוויליגע געבעט אָבער ניט קיינע פערפליכטע (רשות ולא חובה) (עתים לבינה).

---

# סימן קא

**וואָרום מיר זאָגען „הלל״ ראש חודש און מיר היפּען איבער „לא לנו״ און „אהבתי״, און וואָרום אַיין אָבל זאָגט ניט הלל ?**

אַזוי ווי דוד המלך האָט געזונגען צוועלף הלולים אין דעם קאַפּיטל „הללו אל בקדשו״ און די צוועלף הלולים איז געגען די צוועלף חדשים פון יאָהר, דאַרום זאָגען מיר אַלע ראש חודש הלל, און מיר היפּען איבער „לא לנו״ און „אהבתי״, ווייל ראש חודש איז אַיין פערציייהונגס טאָג, אַזוי ווי ראש השנה און יום כפור דען מיר זאָגען אין מוסף ר״ח „זמן כפרה לכל תולדותם״.— און צו זאָגען הלל איז בלויז אַ מנהג (סדר היום). אויך היפּט מען איבער ראש חודש „לא לנו״ און „אהבתי״, ווייל ראש חודש איז ניט קיין פאָלקאָמער יום טוב אין איהם מעג מען אַרבייטען. און אין די טעג וועלכע מען פער־ענדיגט צו זאָגען גאַנץ הלל איז פאָלגענדע: גאַנץ סכות און די ערשטע צוויי טעג פסח (תוס׳ ערכין דף י׳ ושם בגמרא), צוויי טעג שבועות, די אַלע הייסען פאָלקאָמע ימים טובים צו זאָגען גאַנץ הלל. חנוכה זאָגט מען גאַנץ הלל איבער דעם גרויסען נס, פורים זאָגט מען גאָר קיין הלל, ווייל די היסטאָריע פון פורים איז געשעהען ניט אין ארץ ישראל און אויף די נסים פון חוצה לארץ זאָגען מיר ניט קיין הלל, שבת זאָגען מיר גאָר ניט קיין הלל, ווייל שבת רופט זיך ניט יום טוב (מועד). ראש השנה און יום כפור הייסען יאַ מועד, נור ווען פאַר גאָט זיינען אָפען די ביכער צו משפט׳ען לעבעדיגע

און טויטע ווי זא קען מען אין אזא צייט זינגען הלל? איין אבל זאגט ניט קיין הלל, נור ווען מען זאגט געהט ער ארויס, ווייל אין הלל גיעבט דער פסוק „זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו" דיזער טאג איז איין פריידע טאג, ווערענד ער איז איין אבל און ביי איהם איז עס ניט קיין פריידע טאג, (פתחי תשובה ליורה דעה). אויך גיעבט א מיינונג דאס דער אבל זאגט ניט הלל, ווייל עס שטעהט דארט דער פסוק „לא המתים יהללו יה" דאס טויטע לויבען שוין ניט גאט, און דיזע ווארטען ברייננגט דעם אבל צו מעהר צרויער (ט"ז או"ח סי׳ תכ"ב). מיר זאגען הלל שטעהענדיג ווייל עס גיעבט אין הלל דער פסוק „הללו עבדי ה׳ העומדים בבית ה׳". נאך א מיינונג איז, ווייל הלל איז אלויב פיר גאט, מיר לויבען גאט פאר אלע זיינע גוטעס, און מיר זאגען עדות דאס אלע נסים וואס אונזער פאלק איז געשעהן איז נור פון אים, און ביי עדות זאגען שטעהט „ועמדו שני האנשים" די עדים מוזען שטעהן ביי זייער זאגען עדות. פסח אווינד זאגען מיר הלל זיצענדיג, ווייל מיר טהיילען דעם הלל אויף איינגע טהייל, קען מען ניט מטריח זיין זיך אויף צו שטעלען איינינגע מאהל (ט"ז סימן תכ"ב), אויך גיעבט א מיינונג ווייל פסח׳דיגע נעכט זיינען מיר קעניגע און זיצען אנגעלעהענטערהייד קען מען ניט מטריח זיין זיך אויף צו הויבען.

---

# סימן קיב

וואָרום מיר זאָגען ניט „אל ארך אפים", און „למנצח יענך". ניט ראש חודש, ניט חנוכה, ניט פורים, ניט ערב פסח, און ניט ערב יום כפור, און ניט תשעה באב?

ראש חודש זאָגען מיר ניט „אל ארך אפים" און ניט „למנצח יענך" ווייל ראש חודש אבוואָהל מיר זאָגען ניט מעהר ווי האלב הלל דאך איז ער גלייך צו יום טוב (לבוש תי"ח), אויך חנוכה קוים זאָגען מיר חנוכה הלל איז דאס עבינזאָ יום טוב אין וועלכען עס ווירד ניט געזאָגט „אל ארך אפים" און „למנצח" (לבוש קל"א). פורים זאָגען מיר דיזע אויך ניט אויב עס געפאלט אין ערשטען אדר און אויך אין צווייטען אדר, ווייל די ביידע אדר׳ס הייסען „ימי משתה ושמחה" זיי זיינען ביידע פרעהליכע חדשים, דארפען מיר ניט זאָגען „אל ארך אפים" און „למנצח". ערב פסח זאָגען מיר אויך ניט, ווייל ערב פסח איז געוועזען דער טאג פון מקריב זיין דעם קרבן פסח און דאס וואר איין פריידע טאג, און יעצט ענטהאלט אויך דער ערב פסח פיעל פרייד ביי

אידען. ערב יום כפור זאָגען מיר ניט „למנצח" (דען „אל ארך אפים" צו זאָגען, קען קיין מאָהל ערב יום כפור ניט אויספאַלען כאָטשיג און דאַנקערשטיג), ווייל ערב יום כפור איז ווי איין פאָלקאָמער יום טוב, און ערב יום כפור טאָר מען ניט פאַסטען, ווייל ער איז יום טוב (ד"ם סי' תר"ד) דאַרום זאָגען מיר ניט אין איהם קיין „למנצח". תשעה באָב זאָגען מיר ניט „אל ארך אפים" און „למנצח", ווייל תשעה באָב האָט דער נביא ירמיה אָנגערופען (מועד) „קרא עלי מועד" (נועם מגדים ומביא טעם המנהגים).

# סימן קיג

וואָרום מיר דאָפּעלען אין הלל די פסוקים פון „אודך כי עניתני" ביז „הודו לה' כי טוב"?

אלם שמואל הנביא איז געקומען זאַלבען דוד'ען פאַר א קעניג איבער אידען, האָבען דאָס הויז געזינד פון ישי צוזאַמען מיט דוד און שמואל דיזע פסוקים געזאָגט (פסחים דף קי"ט) און פאָלגענדעס איז געווען זייער זאָגען: „אודך כי עניתני" האָט דוד געזאָגט, איך דאַנק דיר גאָט וואָס דו האָסט מיר געענטפערט. „אבן מאסו הבונים" דעם שטיין וואָס די בויער האָבען פעראַכטעט, האָט ישי געזאָגט, ווייל דוד איז געווען דער קלענסטער און א פאַסטוך איז אונגלויביג דאָס ער זאָל קעניג ווערען. „מאת ה' היתה זאת" פון גאָט איז אַזוי בעשטימט, האָבען די ברידער דוד'ס געזאָגט. „זה היום עשה ה'" דיזען טאָג האָט גאָט בעשטימט, האָט שמואל געזאָגט, דאָס דורך דעם דוד וועלען זיך אידען פרעהען, ווייל ער וועט זיי העלפען פון זייערע פיינדע. „אנא ה' הושיעה נא" האָבען די ברידער געזאָגט. „אנא ה' הצליחה נא", האָט דוד געזאָגט, דאָס גאָט זאָל איהם בעגליקען. „ברוך הבא" האָט ישי געזאָגט אַלעם דוד איז געקומען פון פיטערען די שאָף. „ברכנוכם מבית ה'" האָט שמואל געזאָגט אַלעם ער האָט זיי געלאַדען צום שלאַכט אָפּפער. „אל ה' ויאר לנו" גאָט דער מעכטיגער ער וועט אונז ערלויכטען, האָבען אַלע געזאָגט. „אסרו חג" בינדעט דעם אָפּפער, האָט שמואל געזאָגט. „אלי אתה" דו בינסט מיין גאָט, האָט דוד געזאָגט. „הודו לה'" האָבען אַלע געזאָגט. און צוליעב דעם רעספּעקט פון אַזעלכע גאָט-ליבער דאָפּלען מיר זייער לויב. און מיר האַקען איבער דעם פסוק פון „אנא ה' הושיעה נא" אָבוואָהל ער איז איין פסוק „הושיעה נא" און „הצליחה נא".

# סימן קיד

**ווארום מיר זאגען „מי שעשה נסים" בײַ ראש חודש בענטשין און מיר פערענדיגען „חברים כל ישראל" וואס דאס אלעס געהער נאר ניט צו ראש חודש בענטשין?**

דער גאנצער ראש חודש בענטשען איז א אנדענקען פון בית המקדש וואס דאנמאהל האט בית דין אין ירושלים מקדש געווען דעם חודש, דורך עדות וועלכע האבען דערזעהען די לבנה, און אזוי ווי שבת קומען צוזאמען אלע אידען אין שוהל צו דאווגען, איז מען מיט דעם ראש חודש בענטשען מודיע די געמיינדע דאס דיעזע וואך און יענער טאג איז ראש חודש. און אז מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות און קומען צוריק קיין ירושלים, וועלען מיר איבער דאס נייע מקדש זיין דעם חודש ווי אין די אלטע צייטען דורך עדות, נור דאן ווען מיר וועלען זיין אלע צוזאמען חברים כל ישראל אלע מיט איין מיינונג, אבער ניט ווי אין די צייטען פון צווייטען בית המקדש וואס די בבלישע אידען האבען אליין בעשטימט די חדשים אהנע די סנהדרין פון ירושלים. און אויך זאגט אונז אין דער „מי שעשה נסים" דאס די גאולה קען ניט קומען כל זמן אז אידען וועלען זיך ניט פעראייניגען צו ווערען „חברים כל ישראל". דען דער צווייטער בית המקדש וואלט ניט חרוב געווארען ווען ניט די שנאת חנם און ניט פעראייניגונג (שבלי הלקט). דער אורקוואל פון די ברכת החודש געפינט זיך אין ירושלמי אין פרק היו בודקין (הלכה ג׳) און עס ברייננט איהם הרה״ג דובער ליבשיטץ אין זיין באר חיים.

---

# סימן קטו

**ווארום אז מען פערגעסט אין ראש חודש בענטשין צו זאגען „יעלה ויבא" דארף מען ניט איבער זאגען, און אין שמונה עשרה דארף מען יא איבער זאגען?**

ווייל שמונה עשרה איז א פפליכט מוז מען איבער זאגען, אבער בענטשין קען ער דאך נאך דעם עסען געבען פרוכט אדער אנדערע זאכען עסען און זאגען „יעלה ויבא". וועגען פערענדיגונג פון „יעלה ויבא" מיט „אל חנון ורחום אתה" און ניט „מלך חנון ורחום" גיעבט דער מיינונג אין דעם „מנהגי ישרון" אין לשון קודש פון דעם זעלבען מחבר.

---

# סימן קטז

ווארום ווייבער טוהען ניט קיין ארבייט אום ראש חודש?

אלס די אידען האבען געמאכט דעם גאלדערנעם קאלב פאר א גאט, און די ווייבער האבען דער צו זייערע צירונג ניט געגעבען, דארום האט מען זיי ראש חודש פאר א יום טוב געגעבען (רש"י ותוס' ומרדכי במסכתא מגילה דף כ"ב ופרקי דר"א פ' מ"ד), און דער טור שרייבט וויל די ימים טובים זיינען נעגען די אבות, פסח נעגען אברהם וויל ער האט געבאקען מצות "לושי ועשי עוגות" עס וואר דאנמאהל פסח, און שבועות איז נעגען יצחק וויל דער שופר בלאזונג ביי מתן תורה איז געווען פון יצחק'ס באראן פון דער עקדה, און סכות איז נעגען יעקב'ן וויל ריזענדיג האט ער געמאכט ביידלעך "ולמקנהו עשה סכות", און די צוועלף חדשים ווערלכע רופען זיך אויך ימים טובים האבען געברויכט צו זיין נעגען די צוועלף שבטים, נור אלס זיי האבען געזינדיגט מיט דעם גאלדערנעם קאלב און די פרויען האבען אין דעם קאלבען גאט קיין אנטהייל גענומען, האט מען פון די מענער צו גענומען זייער יום טוב, און אב נעגעבען צו זייערע ווייבער. צום אנדענקען דאס זיי האבען ניט געזינדיגט אין דעם ענגל. מוצאי שבת קודש וואס די ווייבער טוהען אויך קיינע ארבייט, גיעבט דאס אין ירושלמי פסחים רפ"ד.

---

# סימן קיז

ווארום ברייגגען חדר-קינדער ראש-חודש געלד צו זייערע מלמדים אויסער שכר למוד?

אין פיעלע ערטער ווירד עראינערט אין ש"ס און אין פוסקים, דאס דעם מענשענס פרנסה איז בעשטימט פון די נעטליכע השגחה פון ראש השנה ביז ראש השנה (ב"ב דף י', ויקרא רבה פרשה ל', ביצה דף ט"ז, עטז"ק סי' רמ"ב) חוץ שבתים, ימים טובים, און ראשי חדשים, און די הוצאות פון רבי געלד פאר זיינע קינדער צו לעהרנען תורה, וואס דער מענש שפארט אב דערפון, שפארט איהם אויך אב גאט פון זיין פרנסה, און וואס ער מעהרט צו געבען מעהרט איהם אויך גאט צו געבען. אנדערע זאגען דאס מיינט מען אויך ראש חודש געלד וואס די קינדער ברייגגען צו זייער מלמד אויסער שכר למוד (א"ז בשם הירושלמי וכ"ב בפסיקתא) דער מהר"ן פון קראקא זאגט: א נוטריקון אויף דערויף פון תשרי ביז תשרי (ראש השנה איז דער אנפאנג

פון מאנאט תשרי) און ת'ש'ר'י' מאכט תלמוד תורה, שבתים, ראש חודש, יום טוב. און אזוי בעשטעטיגט דער טור אין דעם נאמען פון די פסיקתא דאס אויך דאס געלד וואס די קינדער ברענגען צו זייער מלמד, און דער ב"ח זאגט דאס עס מיינט ניט שכר למוד, נור ראש חודש געלד צו ברענגען צום מלמד, און ער הייסט ניט אב צו רייסען פון מלמד דיזע ראש חודש געלד.

# סימן קיח

וואָרום די בענטשונג פון די לבנה הייסט מיט דעם נאמען „קידוש לבנה"?

געגרינדעט אויף דעם מדרש שמות רבה (פ' ט"ו) אייף דעם פסוק „החודש הזה הוא לכם ראש חדשים". אין וועלכען דער מדרש גיעבט א משל צו איין מאן וועלכער האט זיך פערקנס'ט מיט א פרוי ער האט איהר דאן געגעבען א קליינע מתנה, אבער נאך דער האלצייט האט ער איהר פיעל מתנות געגעבען, צום פערגלייך דאס אויף דער וועלט אלם גאט האט זיך פערקנס'ט מיט זיין פאלק האט ער געגעבען בלויז די לבנה פאר א מתנה, אבער אין דער צוקינפטיגער וועלט (עולם הבא) ווען דעם מענשענם אונ-שטערבליכער גייסט וועט קומען צוריק אין די גייסטער וועלט צום אלהי הרוחות, וועט ער אויך שיינען צו זאמען מיט די הימעל ערשיינונגען, און דאס זאגען די פסוקים „וארשתיך לי לעולם" (הושע ב') איך וועל דיר פערקנס'ען אויף אייביג, און נאכהער „כי בועליך עושיך", דיין מאן ווירד זיין דיין בעשע-פער, (ישעי' נ"ד), און צום ענדע „והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע" (דניאל י"ב) דאס די נעלעהרטע וועלען שיינען ווי די הימעל ערשיינונג, און אזוי ווי דער משל איז די הייראטה פון א חתן מיט א כלה וועלכער איז איהר מקדש, איז ביי דעם ערשטען פריזענט ביי די לבנה געבען, רופט זיך אויך קידוש לבנה; דער נאמען לבנה איז דער טייטש וויים, דארף מען איהר מקדש ווען זי פאנגט אן ווים צו ווערען, און דארום זאגען מיר „וללבנה אמר" וויל דאס איבערצייגט איהר מקדש זיין ווען זי איז וויים „ולא לירח אמר". און ווען איהר מקדש צו זיין גיעבט א פלוגתא אויב אויף איהר פוהל ווערען אין דעם דריטען טאג, אדער אין פוהלע זיבען טעג (אור"ח ולבוש סי' תכ"ו) ווי אויך אין תולדות מנחם. די לבנה דארף מען מקדש זיין שטעהענדיג (מגן אברהם תי"ז). פאר תשעה באב איז מען ניט מקדש די לבנה נור נאך תשעה באב, וויל מוצאי תשעה באב איז געבארען געווארען בן דוד. און דער גאנצער ברכת הלבנה זאגט דער מנורת המאור (נר ג' כלל ד' ח"א) דאס מיר זאלען בעשטעטיגען זיך דאס

אַלעס האָט גאָט בעשאַפען דורך זיין וואָרט, אום דער מענש זאָל ניט דענקען דאָס איין בעשאַפענער קאָן איין בעשעפער ווערען און אויף טהאָן וואָס אויף דער וועלט, גוטעס אָדער שלעכטעס אָהנע דעם ווילען דעם בעשעפערס.

---

# סימן קיט

**וואָרום מיר זאָגען ביי קידוש לבנה „דוד מלך ישראל חי וקים", און וואָרום שפרינגען מיר געגען די לבנה?**

רבי האָט געזאָגט צו ר' חייא'ן גיה קוק גוט איין אין די לבנה און שיק מיר אַ סימן „דוד מלך ישראל חי וקים" (פ"ב דר"ה). די ערקלערונג וועגען דעם זאָגט דער מהרש"א (סנהדרין פ"ד), אין דעם נאָמען פון מדרשים אויף דעם פסוק „כירח יכון לעולם" זאָ ווי די לבנה איז אויף אייביג געשטעלט, דאָס אַזוי ווי די לבנה נאָך די פופצעהן טעג וואָס זי ווערט פוהל אין גאַנצען, פאַנגט זי דאָך נאָכהער אָן צו פעהלען, אַזוי איז דוד'ס רעגירונג געווען, דאָס נאָך די פופצעהן קעניגע פון זיינע קינדער איז די אידישע רעגירונג אונטערגעגאַנגען אין צדקיהו'ס צייטען. נאָר אַזוי ווי די לבנה נאָך איהרע פופצעהן טעג וועלכע זי פעהלט אונז געהט זי דאָך ווידער אויף און ערשיינט צו אונז, דען זי ווערט דאָך נור בעהאַלטען אָבער ניט פערניכטעט, זאָ וועט זיך אויך אומקעהרען די רעגירונג פון די מלכי בית דוד. און אויך אויף דעם זעלבען מיינונג שרייבט דער רמב"ן (בפ' וישב) אין דעם נאָמען פון רבי נחוניא בן הקנה, דאָס אַזוי ווי די לבנה פערשווינדעט און געהט אויף, אַזוי איז די אידישע פאָלק מיט דוד'ס קעניגרייך, ביז די צייט וועט קומען דאָס זי וועט געבויט ווערען אויף אייביג, דאַרום זאָגען מיר „דוד מלך ישראל חי וקים" דוד'ס רעגירונג לעבט און וועט נאָך געבויט זיין צום עוויגטהום, ווי דער פסוק זאָגט „ובניתי לדור ודור כסאך סלה". און דער שפרינגען געגען די לבנה איז ווייל מיר קענען איהר ניט אָנריהרען, דאַרום ווינשען מיר דאָס די פיינדע זאָלען אונז אויך ניט אָנריהרען צו בעזעס טוהן. דורך אַ משל וואָס מיר האָט געזאָגט הרב הגדול רבי אלכסנדר משה לפידות דער רב פון ראַססיין וועלען מיר דאָס בעסער פערשטעהן. קריסטען האָבען געמאַכט אַ בלוט-בלבול (עלילות דם) אויף אידען אין וואָלינער גובערניע און אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר איז געווען אַ שונא ישראל האָט ער פערזעצט אין טורמע (פריזען) די שעהנסטע בעלי בתים פון שטאָדט, צו פעראורטהיילען זיי אין קאַטאָרגע? דאָ האָט איין גביר זיך איינגעשטעלט און איז געפאָהרען צום קייזער

קיין פעטערבורג, און מיט גרויס מיהע איז ער צו איהם צו געקומען, און איז פאַר איהם געפאַלען און מיט יאָמערליכע טרערען האָט ער אויסגעווירקט ביי דעם קייזער פריי צו לאָזען די געפאַנגענע, און דער קייזער האָט איהם דעם גביר געגעבען אַ בריף צום גובערנאַטאָר ער זאָל אַרויסלאָזען די געפאַנגענע פריי. דאָ האָט דער גביר ניט געשפּאָרט קיין געזונד און קיין געלד און האָט געבעטען די בעסטע פּאָסט פערד, און זיי געטריבען איבער נאַטירליך האַסטיג אום וואָס שנעלער צו קומען צו בעפרייען די אונגליקליכע, און אַלס ער האָט איבערגעטראָגען די געפעהרליכע שווערע רייזע מיט סכנות נפשות, און איז געקומען אַ היים און האָט בעפרייט די אונגליקליכע, איז ער מיט די גאַנצע שטאָדט אידען געגאַנגען אין שוהל צו דאַנקען גאָט, דאָ האָט זיך דער גביר געשטעלט אויף די בימה און געזאָגט, גאָט מיין גאָט דורך אַ מענשען האָסט דו דיין גענאַדע בעוויזען, און דורך מיר האָסט דו בעפרייט די געפאַנגענע, ווען איך זאָל דער פאַר בעטען אַז דו זאָלסט מיר געבען לאַנגע יאָהר וועט דאָס זיין פון מיינער זייטע איין דומהייט, דאָס איבער דעם לעבענס-פערגעניגען זאָל איך פאַרקויפען עולם הבא, דאָס טוהט דאָך נאָר אַ עשו פאַר לינדזען צו פאַרקויפען די בכורה, דען איין שטונדע עולם הבא איז טהייערער פאַר די גאַנצע דיזע וועלט, אויך וואָס איך האָב מיין לעבען געשטעלט אין סכנות צו פליהען דורך פאָסט איבער נאַטירליך, און פאַר מיין גרויסע סומע געלד וואָס איך האָב פון דיזער געשיכטע פערלאָרען, וועל איך די מצוה אויך פאַר געלד ניט פאַרקויפען, נור פאַר מיין אויף הייבען זיך פון אָרט אום צו לייפען אַהער און אַ הין און פאַר מיין שטענדיגען פאַרבערייטען זיך וואו צו געהן איז פאַר דעם אויפהייבען זיך וואָס דאָס איז איין דומהייט דער פאַר זאָלסט דו גאָט מיר בצאָלען אויף דער וועלט, אָבער ניט פאַר די מצוה אַליין, פון גרויס התפעלות אויף צו נעהמען דעם אָבינו שבשמים איין מאָהל אין חודש שפרינגען מיר פון פריידע צום הימעל, און וויל דאָס איז אַ דומהייט, דען מיר קענען דאָך דיך ניט אָנריהרען, איז דער פאַר בעטען מיר אונז צו בצאָהלען אויף דער וועלט דאָס אונזערע פיינדע זאָלען אונז ניט אָנריהרען צו בעזעס טוהן, און דאָס זאָגט די גמרא אין סוכה (ל"ח) דאָס די קלייניגקייטען פון אַ מצוה האַלטען אָב אונגליק.

און דאָס וואָס אידען צעהלען נאָך די לבנה און ניט נאָך די זון איז, וויל די חז"ל זאָגען אונז דאָס ביי דער אָנפאַנג וועלט בעשאַפונג איז די לבנה געוועזען גרויס עבענזאָ ווי די זון, האָט זיך די לבנה בעקלאָגט פאַר גאָט, איז דאָס מעגליך האָט זי געזאָגט דאָס צוויי קעניגע זאָלען האָבען איין קריין? דאָ האָט איהר גאָט געענטפערט, געה דער פאַר און מאַך זיך קלענער, און דאָס איז אַ מאָראַלישע לעהרע פאַר אַ מענשען צו מאַכען זיך קלענער אין

יעדע זאך און צו זיין געלאסען אין דעם ניט פערלאנגען צו פיעל, אום ניט צו װעלען קריכען אויף דעם לייטער פון גליק, דער װאס וויל געניסען הימעלשעס לעבען נאך דעם טויט, זאל ער נעמען די לבנה פאר א ביישפיעל צו האלטען זיך קליין, און ניט מתרעם זיין װען גאט גיעבט איהם ניט אלעס װאס איז איהם נייטיג, נור זיך בענוגנען װי עס איז, דען אז מען קריכט צו הויך איז גאלהער דער אראבפאלען צו ניעדריג און צו געפעהרליך.

נאך א מיינונג גיעבט פאר װאס מען זאגט ביי קדוש לבנה „דוד מלך מלך ישראל חי וקים" שרייבט דער סדור „הגיון לב" פאלגענדעס: די װערטער „דוד מלך ישראל חי וקים" איז איין אלטער מנהג ביי אידען איהם צו זאגען, ביי פיעלע געגען־שטאנדע. אויך די אנוסים פון שפאניא די בלוטשולדיגע לאנד, װען איין איד האט געדארפט רײדען מיט צווייטען, און אום פורכט, פיליייכט רעדעט ער מיט איינעם פון די פערפלוכטע טיראנען די אינקוויזיטארען, האבען זיי. די אידען געמאכט צווישען זיך א סימן, אלס אנפאנג ריידען איינער מיט דעם צווייטען צו זאגען די װערטער: „דוד מלך ישראל חי וקים" דאן װעלען זיי שוין זיין זיכער אז זיי זיינען געװיס אידען און זיי קענען ריידען װאס זיי האבען נייטיג.

---

# סימן קב

**װארום מיר זאגען שלום עליכם דריי מאל ביי קידוש לבנה?**

װייל מיר בעטען אין קידוש לבנה דאס אויף די שונאי ישראל זאלען פאלען שרעק און ציטערניסע דאס זיי זאלען אונז קיין בעזעס ניט טאן, זאגען מיר איינע צו די אנדערע דאס צו אונז אבער איז שלום, דאס הייסט איינער דעם צווייטען װינשט שלום און דער צווייטער ענטפערט איהם אויך עליכם שלום (טור סי' תכ"ו וברמ"א גם במג"א שם סקי"א) און דאס װאס מיר זאגען „עלינו לשבח" נאך קידוש לבנה, איז װייל די גמרא זאגט (ב"ב ע"ה) אז יהושע'ס געזיכט האט געשיינט װי די לבנה, און דער מחבר פון עלינו איז געװען יהושע װען ער האט איינגענומען די שטאדט יריחו, און אזוי װי זיין געזיכט איז װי די לבנה, זאגען מיר זיין „עלינו", דאס זיין זכות זאל אונז ביי שטעהן (א"ר קל"ב וס' חרדים).

א מיינונג גיעבט פאר װאס דער ערשטער גיריסט זיין חבר און ער זאגט „שלום עליכם", און דער צווייטער, ענטפערט איהם, און זאגט „עליכם שלום" און ניט „שלום עליכם" װי דער ערשטער? איז דאס װייל דער װארט „שלום"

איז פון די נעמען פון השי"ת, און מיר געפינען ביי אבשיידען א קרבן, טאר מען ניט זאגען "לה' קרבן", נור "קרבן להי"', וויל פיליכט טרעפט איהם בעהיטע גאט איין בעזעס און ער וועט ניט קענען נאכהער אויסריידען דעם ווארט "קרבן" האט ער דאך דערוויילע דערמאנט גאטעס נאמען לבטלה (נדרים דף י'). און די גמרא זאגט אין קדושין (ס"ב ע"א) אז רב חסדא האט זיך נוהג געווען צו מקדים זיין שלום אפילו צו די כותים, ווי אין פרקי אבות (פ"ד) שטייהט "הוי מקדים בשלום כל אדם", זעהט מען דער פון אז עס איז א מצוה צו גריסען איינער דעם צווייטען מיט דעם ווארט "שלום", אין דער ערשטער טוהט דאך א מצוה, קען ער זאגען "שלום עליכם" ווארום איהם וועט געוויס ניט טרעפען קיין אונגליק, ווי עס שטייהט אין פסוק (קהלת ח') "שומר מצוה לא ידע דבר רע" דער וואס היט צו טאן א מצוה, איז ביי די מצוה זעלבסט וועט איהם ניט טרעפען קיינע בעזעס, אבער דער צווייטער דער וואס ענטפערט איהם, ענטפערט ער איהם דאך ניט מעהר ווי פון כבוד וועגען, יעמאנד גריסט איהם, גריסט ער איהם אויך, דער פאר מוז ער שוין זאגען "עליכם שלום", פארהער "עליכם" און נאכהער "שלום" (ס' שב"ר).

---

# סימן קכא

וואָרום ווייבער דערוואַטערען זיך ווען די מענער זיינען מקדש די לבנה?

די פרויען דערוואטערען זיך פון צו שטעהן דא וואו מען איז מקדש די לבנה, וויל די זינדע פון די ערשטע פרוי חוה האט געבראכט די לבנה צו א פגם, און צו ליעב שאנדע דערוואטערען זיי זיך (של"ה שער האותיות), און אויך דעריבער זיינען פרויען ניט מקדש די לבנה, אבוואהל א מצות עשה וואס די צייט איז גורם ווי שופר און לולב זיינען די ווייבער מקיים, און זיי בעטען גאט אזוי ווי מענער, אבער ניט מקדש זיין די לבנה. די וועלכע זיינען מקדש די לבנה, בשעת ברכה דארפען ניט קוקען אין די לבנה, נור איידער מען מאכט די ברכה זאל מען זעהען אין די לבנה און מקדש זיין, דאס האט דעם זעלבען דין, ווי מען קוקט אויף כהנים ווען זיי האבען געדוכנ'ט אין די צייט פון בית המקדש (רבינו מאיר הלוי בס' שושן עדות).

---

# סימן קכב

האָרום ערב פּורים פאַסטען מיר ניט דריי טעג אַזוי ווי אסתר, נור מיר פאַסטען איין טאָג?

דעם טאָג אסתר תענית איז ניט מעהר ווי אין נאָמען, דען ווען עס וואלט זיך ווירקליך געהאַנדעלט וועגען אסתר'ס תענית, וואָלטען מיר דאַרפען פאַסטען דריי טעג מיט דריי נעכט ווי אסתר האָט געטהאָן, און לויט דעם רעכענונג האָט גאָר אסתר געפאַסט אום פסח (מגילה ט"ו) און המן'ען האָט מען אויף געהאַנגען זעכצעהען טעג אין ניסן, נור מיר פאַסטען דעם דרייצעהנטען טאָג אין אדר, ווייל די אידען האָבען זיך פערזאַמעלט אין שושן הבירה אין דעם דרייצעהנטען טאָג אין אדר „נקהלו היהודים אשר בשושן בשלשה עשר בו" (המנהיג ה' מגילה כ"א).

---

# סימן קכג

וואָרום מיר זיינען זיך נוהג צו געבען פּורים פאַר די מגילה לייענען „מחצית השקל". און וואָרום איז דער מחצית השקל דריי מטבעות?

דאָס איז דעריבער ווייל אין פ' כי תשא איז געשריבען דריי מאָהל „מחצית השקל" (הגהת מרדכי פ"ק דמגילה סי' תשע"ז והרמ"א סי' תרצ"ד) דאַרום ווייל עס איז געשריבען דריי מאָהל דאַרף מען געבען דריי מחצית השקל, און ווען מען האָט פון די מטבעות פון יענע צייט צום אָנדענקען, וואָס אין מאָנאַט אדר האָט מען גענעבען די שקלים (באחד באדר משמיעין על השקלים) איז געוויס גוט. אויך איז דאָ אַ מיינונג דאָס גאָט גרייט אָן די רפואה פאַר די מכה, אַזוי ווי המן האָט צו אחשורוש געוואָלט אָבוועגען צעהען טויזענד ככר זילבער אום צו פערניכטען אַלע אידען (אחשורוש דער קעניג פון פרס האָט רעגיערט פון יאָהר 354 ביז 368 פאַר קריסטליכען רעכענונג) און דאַנמאָל האָט אויך עקזיסטירט די מטבע שקל, האָט גאָט שוין געהייסען משה רבינו דאָס אידען זאָלען זיך אויסלייזען דורך דעם מחצית השקל, ווייל אין די תורה איז געשריבען „לכפר על נפשותיכם" צו פערצייהען פאַר אייערע נפשות, און אַזוי ווי איבער המן איז אונזער פרעהליכער פורים, דאַרום האָט מען בעשטימט דאָס פורים זאָל מען געבען די מחצית השקל. און וואָרום גראָדע אַ האַלבען שקל און ניט קיין גאַנצען אָדער אַ פערטעל טהייל פון אַ שקל, וועט דער לעזער געפינען אין דעם העברעאישען

אָרגינאַל פון מיין „מנהגי ישרון" מיט נאָך שעהנע ערקלערונגען וועגען דעם מחצית השקל.

# סימן קכד

**וואָרום מען שלאָגט המן'ען ביי דער מגילה לייענען, און וואָרום מאַסקירט מען זיך אין פורים?**

ווייל עס גיעבט אַ פסוק „שם רשעים ירקב" (משלי ז') דער נאָמען פון אַ רשע זאָל צופוילט בלייבען, און אַזוי ווי מיר געפינען ביי רב אָדער אבא אריכא ווען מען האָט געלייענט די מגילה און ווען עס איז געקומען צו דעם וואָרט „המן" האָט ער געזאָגט „אָרור המן וארורים בניו" (ירושלמי מגילה וב"ר מ"ט) און אַזוי ווי קינדער קענען דאָס ניט זאָגען, דאַרום האָט מען אומגעביטען צו שלאָגען המן'ען, און דער מהרי"ל ווינקט אָן אויף דעם שלאָגען המן'ען אויף אַ פסוק, והיה אם בן הכות הרשע" (דברים כ"ה). און דער פערמאַסקירען דעם פנים אום פורים האָט מען גענומען דעם מנהג פון דעם נאָמען „אסתר", ווייל אסתר, איז דער טייטש פערבאָרגען, און די גמרא פרעגט אויך וואו ווייס איך דאָס, דאָס דער נאָמען אסתר איז אויך בע־שטימט פון די תורה אַזוי ווי אַלעס גיעבט אין די תורה? דריקט זיך אוים די גמרא פון אַ פסוק „ואנכי הסתיר אסתיר פני" (די גמרא דערפון איז אין חולין קל"ט), און אָבוואָהל דער פסוק איז געזאָגט געוואָרען אויף שלעכטעס, נור אַזוי ווי פורים האָט דאָך גאָט אומגעקעהרט פון שלעכטעס אויף גוטעס, שאַדעט ניט דער מנהג וואָס מען פערמאַסקירט דעם פנים אום פורים אום זיך אויך אַנדערע פרעהליך צו מאַכען. שיקען „שלח מנות" איז בעשטימט פון דער מגילה „ומשלח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים". „שלח מנות" דאַרף דער גרעסע־רער שיקען צו דעם קלענערען און אַנערקענען איהם אַלס פריינד פון זיין גלייכען (גופי הלכות קי"ז ע"ב), איין אָבל דאַרף אויך מקיים זיין די מצוה און שיקען „שלח מנות" אָבער ניט קיין זיסע זאַכען נור געלד אָדער פליייש, דאָך אַנדערע שיקען גאַר ניט. צו פערקליידען זיך מענער פאַר ווייבער אָדער ווייבער פאַר מענער אין טאָג פורים אָבוואָהל מן התורה איז דאָס ניט ערלויבט דאָס הייסט אַ לא תעשה, דאָך איז מען זיך סומך אויף די תשובה פון ר"י מינץ (סי' ט"ז) וואָס ער זאָגט אַז פורים מעג מען.

# סימן קכה

וואָרום זאָגען מיר אין דער הויך, בײַ לייענען די מגילה די פיער פסוקים „איש יהודי" „ומרדכי", „ליהודים", און „כי מרדכי היהודי" ?

מיר זאָגען איבער די פסוקים אין דער הויך, אום יעמאַנד זאָל ניט איינדרעמלען ווערענד אלע זײַנען פערפליכטעט צו הערען קריאת המגילה, און גראַדע האָט מען אויסגעקליבען די פיער פסוקים וועלכע זײַנען גערעדט אַרום מרדכי אום צו רעספּיקטירען זײַן עהרע וואָס דער נס איז געוועזען צוליעב איהם (אבודרהם בשם בעל משמרת המועדות). דער מטה משה שרייבט אַז דאָס איז ניט קיין פפליכט, און ניט קיין מנהג נור אום פרעהליך צו מאַכען די קינדער, די קליינע, שרייט מען אויס די פיער פסוקים אום זיי זאָלען פרעגען די עלטערען וועלכע וועלען זיי דערציילען גאַטעס וואונדער, און די קינדער וועלען מורא האָבען פאַר גאָט.

# סימן קכו

וואָרום די כהנים טוהען אויס די שיך ווען זיי געהען צו דוכענען ?

דען פיליכט וועט זיך בײַ א כהן אָברייסען אַ בענדעל פון א שוך אין די צײַט ווען די איבעריגע כהנים וועלען זאָגען די ברכה, און אוים שאַנדע וועלען זיי איהם רופען אַז ער איז אַ בן גרושה אָדער אַ בן חלוצה (סוטה מ') און זאָגאַר שיך וועלכע האָבען ניט שנירליך איז אויך אסור, דען קוים האָט מען גע'אסר'ת אויף סתם שיך איז קיין אונטערשייד וועלכע, און אין אונזערע צייטען איז דאָס אַ אַנדענקען פון בית המקדש וואָס דאָרט זײַנען די כהנים געגאַנגען באָרפוס (עיין ר"ן שבת קי"ד).

# סימן קכז

וואָרום געהען כהנים דוכענען יום טוב ?

ווײַל דער ירושלמי זאָגט דאָס עס גיעבט ניט קיין איין טאָג אין וועלכען עס זאָל ניט זײַן קיין קללה, און דער פסוק זאָגט „ואל זועם בכל יום" גאָט

צאָרענט יעדען טאָג, און די גמרא זאָגט, דאָס ברכת כהנים קענען די קללות מבטל זיין, און יום טוב איז אויף זיי דער יום הדין, דען אין די פּיער צייטען ווערט די וועלט גע'משפט „בארבעה פרקים העולם נידון" און די כהנים קעהרען אום די קללות צו ברכות (ישמח משה). און זעכציג אותיות איז פאַרהאַנען אין ברכת כהנים, זאָגט דער מדרש רבה (במדבר י"ח) דאָס זיינען די זעכציג העלדען וועלכע שטאַרקען די ישראל, ווייל ביי יעדען וואָרט איז צוגעגעבען גאָטעס נאָמען נעמליך „יברכך ה', יאר ה', ישא ה'" יעדער אות איז אַ שווערד געגען אַלע פורעניות וועלכע גיעבען אין די תורה „ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל כלם אחוזי חרב מלמדי מלחמה" און דאַרום זאָגט די גמרא דאָס ווען יעמאַנד זעהט אַ שלעכטען חלום זאָל ער (זיך שטעלען געגען די כהנים ווען זיי דוכנ'ען און ענדיגען מיט זיי צו גלייך, ווייל ברכת כהנים איז אַ הילף געגען אונגליקען. ווען איין כהן דוכנ'ט דאַרף דער חזן ניט אויסרופען „כהנים" (מהר"ם טראני ח"א ס"ד והש"ע או"ח סי' קכ"ח ופחד יצחק אות ב'), נור אויב צוויי כהנים דוכנ'ען דאַרף ער יאַ זאָגען „כהנים" אין דער הויך (סוטה ל"ח), „ברכת כהנים" איז פאַר די תפלה פון „שים שלום" ווייל ברכת כהנים ענדיגט זיך מיט דעם וואָרט שלום, און גלייך זאָגט מען „שים שלום" וועלכער ענדיגט זיך מיט די ברכה „המברך את עמו ישראל בשלום". איין אָבל דאַרף די צוועלף מאָנאַטען ניט געהן צום דוכן. נור אַרויסגעהן פון שוהל בשעת עבודה, דען דער כהן דאַרף זיין אין אַ גוטע לוינע ווען ער געהט בענטשען דאָס פאָלק.

---

# סימן קכה

וואָרום כה.ים ווען זיי געהען צום דוכ'ן לאָזען זיך וואַשען די הענד דורך אַ לוי?

געגומען איז דאָס פון זוהר (פ' נשא דף קמ"ו) וועלכער זאָגט, דאָס ווען אַ כהן געהט צום דוכן דאַרף ער צוגעבען הייליגטהום אויף זיין אייגענע הייליגקייט, ער דאַרף היילינען זיינע הענד מיט וואַסער דורך אַ לוי וועלכער איז אויך געהייליגט, גענומען פון פסוק „וקדשת את הלוים". זאָלסט הייליגען די לויים, און נאָך פסוקים איבערצייגען דאָס די לויים זיינען הייליג און פון זייער הייליגטהום דאַרפען זיי צו געבען צום כהן, דאַרום טאָהר זיך דער כהן ניט לאָזען וואַשען די הענד דורך אַ פרעמדען. אויך דער לוי אַליין דאַרף וואַשען זיינע הענד איידער ער געהט וואַשען דעם כהן, דער רמ"א זאָגט

(באו"ח סי' קכ"ח) דאָס דער לוי דאַרף ניט וואַשען די הענד אויב ער איז ניט געוועזען אין אַ שמוטציגען אָרט.

---

## סימן קכט

**וואָרום מיר קוקען ניט אויף די כהנים ווען זיי שטעהען און דוכנ'ען?**

ניט צו קוקען אויף כהנים אַלס זיי דוכנ'ען ווייל עס שאַדעט צו די אויגען זאָגט דאָס דער תלמוד (חגיגה דף ט"ז), דאָס איז אָבער אַלס גערעדט אויף די צייטען פון בית המקדש ווען די כהנים האָבען געבענטשט דאָס פאָלק מיט דעם „שם המפורש" וואָס אין אונזער צייט איז ניט ערלויבט צו בענוטצען זיך מיט דעם „שם המפורש", אַלזאָ איז דער איסור פון ניט צוקוקען אויף די כהנים, ניט מעהר דאָס מען זאָל ניט אָבּרייסען דעם געדאַנקען פון דאַוונען ווען ער פאַרקוקט זיך, און די כהנים דעקען זיך איבער מיט די טליתים אויך דעריבער, דאָס זיי זאָלען ניט קוקען אויף דאָס פאָלק, און זיך ניט פאַרטראַכטען אויף עפּיס אַנדערס ווען ער מאַכט די הייליגע ברכה, און דאָס אויך, דאָס אין דעם בית המקדש צייטען האָט מען ניט געטאָהרט זיך גוט צוקוקען אויף די כהנים, אָבער גלאַט אַ קוק טאָן האָט מען געמאָגט, אַיין איבערצייגונג אויף דעם איז פון ירושלמי מגילה וואָס ער זאָגט ווען די הענד פון אַ כהן זיינען אין פאַרב זאָל ער ניט דוכנען, ווייל דאָס פאָלק קוקט דאָך אויף איהם, און עס איז אַ שאַנדע, און עס גיעבּט אַמיינונג אין זעלבען ירושלמי אַז צו ליבּ אָבּרייסען דעם געדאַנקען פון דאַוונען איז אויך איבּריג, און אַזוי זאָגט דער רמב"ם (ה' תפלה פי"ד ה"ז).

אויך גיעבּט אַ מיינונג פאַר וואָס די כהנים פערדעקען זייערע געזיכטער בּיי די „ברכת כהנים", ווייל פילייכט געפינען זיך אין שוהל איינינע פיינדע פונעם כהן, אום עס זאָל איהם ניט שטערען דעם געדאַנק, ער זאָל ניט דיינקען דאָס איהם מיינט ער ניט מיט די ברכה, דען די „ברכת כהנים" איז געזאָגט פיר יעדען אידען אָהנע אויסנאַהמע.

---

## סימן קל

**וואָרום פאַר דעם דאַוונען יום טוב איז כען גולל די ספר תורה בּיז דעם אָרט וואָס מען דאַרף לייענען, און ניט בּיי דעם לייענען?**

דיעזער מנהג וויזט אוים אַז ער איז פון גאַנץ אַלטע צייטען, אין דער

מסכתא סופרים (פי״א הלכה ג׳) ווערט דערציהלט אז ר״י האט געהייסען עולא דעם חזן פון שוהל, דאס ווען ער וועט לייענען זאל די תורה זיין איין אויסגעזוכטע דעם ארט וואו ער דארף לייענען, איבערצייגט אז דאס איז א אלטער מנהג.

נאך א מיינונג גיעבט, ניט צובלעסטיגען די געמיינדע אום צו ווארטען ביז מען וועט אויף זוכען דעם ארט וואס מען דארף לייענען, ווערענד מען קען עם פארבערייטען פאר דעם דאווגען.

# סימן קלא

ווארום מען זאגט ניט דעם „רבונו של עולם״ צום דוכנ׳ען שבת ווען עס געפאלט אום יום טוב?

וויל דער רבונו של עולם איז א תחינה עבענזא ווי „אבינו מלכנו״ וועלכען מיר זאגען ניט אום עשרת ימי תשובה ווען עס געפאלט א שבת אין די תשובה טעג, וויל תחינות איז ניט ערלויבט צו זאגען שבת (מגן אברהם סימן קכ״ט ס״ק ע׳).

# סימן קלב

ווארום נור פסח זאגט מען „טל״ און ניט קיין אנדערע ימים טובים?

וויל דער פרקי דר׳ אליעזר זאגט (פרק ל״ב) דאס אלס עס איז געקומען דער ערשטער טאג פסח האט געזאגט יצחק צו זיין עשו. מיין זאהן, דיעזע נאכט עפענען זיך די אוצרות פון טהוי. מאך פאר מיר שפייזע שמאק-האפטע אום איך זאל דיך בענטשין. און דער זוהר (פ׳ תולדות) זאגט, דאס עס וואר ערב פסח און ער האט איהם געהייסען ברייגגען צוויי ציקעלעך איינעם פאר א קרבן פסח, און דעם צווייטען פאר שמאקהאפטע שפייזען. (כ״כ רש״י בפ׳ תולדות בשם פרקי דר׳ אליעזר).

## סימן קלג

**ווארום מען רופט דעם יום טוב פון „חג המצות" מיט דעם נאמען „פסח"?**

געגרינדעט אויף דעם פסוק „אני לדודי ודודי לי" איך געהער צו מיין געליבטען גאט און מיין געליבטער געהערט צו מיר, דאס הייסט מיר אידען דערצעהלען דעם שבח פון גאט, און גאט דערצעהלט אונזערע שבחים, ווען מיר לייגען תפילין איז אין זיי געשריבען גאטעס שבחים און גאט לייגט אויך גייסטיגע תפילין געצייכענט מיט אונזערע שבחים (ברכות ו'), דאס זעלבע איז דיעזער יום טוב, גאט רופט איהם אין די תורה „חג המצות" פאר אונז צום עסען, און היילינגען איהם, און מיר רופען דעם יום טוב „פסח" „זבח פסח הוא לה' אשר פסח" דאס איז פסח ווייל גאט האט מיט אונז וואונדער געטאהן ער האט ביי מכות בכורות די מצרים געשלאגען און די אידישע הייזער האט ער איבער געהיפט (קדושת לוי פ' בא).

## סימן קלד

**ווארום דער חזן טראגט א קיטל ווען ער זאגט פסח „טל" און שמיני עצרת „גשם", און אויך ראש השנה און יום כפור?**

דאס איז ניט מעהר ווי צו ברעכען דעם חזן'ס אייגענע הארץ ער זאל גוט אכטונג געבען אז זיינע געבעט זאל זיין מיט א ריכטיגען הארצען, ווייל ראש השנה און יום כפור בעט ער פאר אונז אויף לעבען, און „טל" און „גשם" אויף ברויט צום עסען, דען דער לעבען איז אפהייננגליך אין מיטעלם לעבען, אין עסען.

## סימן קלה

**ווארום מען צו טהיילט דעם דאווגען „שחרית" און „מוסף" אויף צוויי בעזונדערע חזנים?**

צו צוטהיילען די תפלות אויף צוויי חזנים האט מען זיך נאך נוהג געווען אין די צייטען פון די חכמי המשנה, נור אין די ערשטע משנה פון

תענית רופט ער דעם ערשטען חזן „ראשון" און דעם צווייטען „שני" זאגט דארט דער תוס' אז דאס מיינט מען. דער ערשטער דער „בעל שחרית" און דער צווייטער דער „בעל מוסף" (עיין ב"י אור"ח סי' קי"ד). און זייער מנהג איז געווען דאס דער „בעל שחרית" האט ניט געדאווינט מוסף נור א אנדערער, און ראש השנה האט דער צווייטער חזן וועלכער האט געדאווענט מוסף אויך געבלאזען שופר און ניט דער ערשטער דאס הייסט דער „בעל שחרית" (ראש השנה דף ל"ב עיין שם רש"י והבית יוסף בסי' תקפ"ה). רייכערען טאבאק אום יום טוב זאגט דער מגן אברהם אז מען טאהר ניט צו ליעב פערלעשונג און פערניכטונג (מג"א תקי"ד). און דער תשובת דרבי נועם (סי' ט') שרייבט אז מען מעג רייכערען אום יום טוב טאבאק, בפרט אין אונזער צייט וואס דאס רייכענען איז דאס זעלבע ווי עסען.

---

# סימן קלו

**ווארום מיר פארענדיגען שבת „מקדש השבת" און ניט „מקדש ישראל והשבת", און יום טוב פערענדיגען מיר די תפלות „מקדש ישראל והזמנים"?**

ווייל שבת איז בעשטעטיגט פאר א הייליגטהום פון גאט אליין נאך פון וועלט בעשאפונג, דארום זאגען מיר „מקדש השבת", ווייל שבת איז פון גאט זעלבסט געהייליגט, ניט גלייך איז אבער יום טוב, ווייל יום טוב איז בעשטעטיגט פון בית דין „אשר תקראו אותם" איהר זעלבסט דארפט זיי בעשטעטיגען, דארום זאגען מיר „מקדש ישראל והזמנים" אים יום טוב, (ביצה י"ז ומסכת סופרים פי"ג הלכה י"ד).

---

# סימן קלז

**ווען מיר זאגען פורים קרובץ ביי יעדער ברכה פון שמונה עשרה, ווארום זאגען מיר ניט קיין קרובץ ביי די ברכה „את צמח דוד"?**

דאס איז ווייל פורים דערצעהלען מיר די גרויסקייט פון מרדכי וועלכער איז געווען פון די פאמיליע שאול דער קעניג איבער ישראל, און ביי „את צמח דוד" בעטען מיר דאס דוד'ס רעגירונג זאל אב לעבען, און שאול המלך מיט דוד המלך זיינען געווען שונאים, אבוואהל זיי זיינען ביידע געווען גרויסע צדיקים, און עס איז ניט אנשטענדיג צוזאמען מישען ביידען אין איין תפלה, (ספר אור צפון).

---

# סימן קלח

וואָרום שבת חול המועד פסח ענדיגט דער מפטיר „מקדש השבת" אליין, און שבת חול המועד סוכות פערענדיגט דער מפטיר זיין לעצטע ברכה „מקדש השבת וישראל והזמנים" ?

ווייל שבת חוה"מ סוכות נעמט מען ארוים צוויי ספרי תורות, אָבער די איבריגע טעג חוה"מ סוכות נעמט מען ארוים ניט מעהר ווי איין ספר תורה, אָבער פסח חול המועד נעמט מען זאָ ווי זאָ אַלע טאָג צוויי ספרי תורות, דארום רעספעקטירט מען דעם שבת חול המיעד סוכות מיט יום טוב'דיגע מפטיר ברכה מיט „מקדש ישראל והזמנים" (מהרי"ל בשם מה"ר גרשון ז"ל). אויך זאָגט דער מהרי"ל אויף דעם אַ אַנדער מיינונג, ווייל סוכות איז אַ אונ-טערשייד אין די טעגליכע קרבנות מוסף, דעם קרבן וואָס מען האָט מקריב געווען דעם טאָג האָט מען דעם זעלבען ניט מקריב געווען מאָרגען, דארום זאָגען מיר טאָקע סוכות גאַנץ הלל, אָבער ניט פסח, ווייל פסח האָט קיין אונטערשייד פון חול המועד אָן אין די קרבנות, דארום זאָגען מיר ניט פסח גאַנץ הלל נור די ערשטע צוויי טעג (עיין מסכתא ערכין דף י׳), און דאָס זעלבע זאָגען מיר חנוכה גאַנץ הלל ווייל יעדען טאָג קומט צו אַ נייעס, נעמליך אַ נייע ליכטעל צו חנוכה ליכט (אבודרהם).

# סימן קלט

וואָרום מען רופט ניט אויף צו די ארבע פרשיות אַ אינגעל צו מפטיר?

דען דאָס איז אַ כלל דער וואָס איז פערפליכטעט צו אַ מצוה איז ער אויך מוציא אַלעמען וועלכע זיינען דער ביי, מיט די זעלבע מצוה, און דער וועלכער איז ניט פערפליכטעט צו טאָהן אליין די מצוה, קען ער ניט מוציא זיין דאָס מעהרערע (דעם צבור), און אַ אינגעל איז ניט מחויב צו זיין מפטיר.

# סימן קמ

וואָרום שבת חול המועד פסח לייענען מיר „שיר השירים" פאר דער גאַנצער געמיינדע?

דאָס דער זוהר פ' תרומה (דף קמ"ג) זאָגט, ווייל „שיר השירים" איז כולל אלס פון די תורה, איז אויך כולל די געטליכע געהיימניסע, איז אויך כולל

דעם גלות מצרים, און איז אויך כולל דעם לאנגען אידישען גלות צווישען פרעמדע פעלקער, און אויך די אידישע ערלייזונג פון גלות, און איז אויך כולל תחית המתים, און שבת חול המועד פסח איז פאסענד פאר „שיר השירים" לויט די היסטאריע פון פסח און לויט די הפטרה פון דעם שבת וועלכע איז אויך כולל תחית המתים (מג"א או"ח סי' ת"צ).

נאך א מיינונג גיעבט פאר וואס מען לייענט „שיר השירים" חוה"מ פסח, איז, דאס מיר געפינען אין מכילתא (פ' בשלח) דאס צוליב דעם וואס די אידען האבען געגלויבט אין גאט, ווי עס שטייט אין פסוק (שמות ד') „ויאמן העם", אויך „ויאמינו בה'" דער פאר זיינען זיי אויסגעלייזט געווארען, און אזוי וועלען די אידען אויסגעלייזט ווערען פון יעצטיגען גלות נור צוליב די אמונה, ווי עס שטייט אין שיר השירים (ד') „תשורי מראש אמנה".

# סימן קמא

**וואָרום מיר לייגען צעהן שטיקליך ברויט ביי בדיקת חמץ די נאכט פון ערב פסח?**

דען אז יעמאנד וועט בודק חמץ זיין און וועט דער ביי ניט געפינען קיין חמץ וועט ער זיך אין גאנצען אבזאגען פון בודק חמץ צו זיין ווייסענדיג אז ער וועט גארניט געפינען. (או"ח סי' תל"ב והחק יעקב), און דער בית אהרן שרייבט: דאס אזוי ווי דרייצעהן טעג אין ניסן האט המן הרשע געלאזט שרייבען בריף אין אלע לענדער פון פרס ומדי צו פערניכטען אלע אידען, און די שרייבער זיינען געווען די צעהען המן'ס זין, דארום לייגען מיר די צעהען שטיקלעך ברויט ענדע פון דעם דרייצעהענטען טאג פון ניסן, צום אנדיינקען איבער דעם נס פורים. דער סדר היום שרייבט גאנץ אנדערס, דען אזוי ווי פסח בעטען מיר אום פון דעם ברויט אויף מצות, אבער דער הויפט לעבענס מיטעל פון א גאנץ יאהר איז דאך די ברויט, און אננעהמען א מצוה און פערוואַרפען מיט גאר נישט אזאך פון וואס מיר האבען געלעבט אגאנץ יאהר איז געווים א אונרעכט. דארום בעגלייטען מיר דעם ברויט ביי בדיקת חמץ, אום איהם ניט צו פערשעהמען, מיט דעם וואס מיר קלייבען איינינגע שטיקלעך צו זאמען און מיר מאכען א ברכה „על בדיקת חמץ". מיר זאגען ביי בדיקת חמץ „כל חמירא" אויף תרגום לשון, ווייל אין בבל איז דאס געווען זייער שפראך, אום יעדערער זאל פארשטיין, און דאס וואס אונזערע חכמים האבען בעשטעטיגט וועלען מיר ניט איבער אנדערשען.

# סימן קמב

וואָרום זאָגען רבנים דרשות „שבת הגדול" און „שבת תשובה"?

ווייל דאָס מעהרערע ישוב לייט וועלכע וואָהנען אין די דערפער און זיי ווערען פערגרעבט, ווייל זיי הערען קיין מאל נים קיין איידעלען אידישען וואָרט אָדער אַ דין, און אַזוי ווי אויף די ביידע שבתים קומען די ישובניקעס אין שטאָדט אַריין און מעהרערע האַלטען יום טוב מיט זייערע ברידער די שטאָדט לייטע דעם גאַנצען יום טוב, דרש'ת פאַר זיי דער רב די דרשות וועלכע זיינען נייטיג צו די צייט דאָס זיי זאָלען וויסען ווי זיך נוהג צו זיין, (מחצית השקל סי' תכ"ט). נאָכהער האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו האַלטען אַ דרשה יעדען שבת, דער מנהג צו דרשה'ענען איז נאָך פון חכמי התלמוד, דען מיר געפינען אין תלמוד אַז די גרעסטע תלמידי חכמים האָבען געדרשעט שבת און יום טוב *).

---

# סימן קמג

וואָרום צו די סדר-נעכט פון פסח טוהען מיר אָן אַ ווייסען קיטל?

דיעזער מנהג בעציהט זיך אויף דעם דרש פון די גמרא אויף דעם פסוק „ויהי שם לגוי" דאָס אידען זיינען געווען אין מצרים אַ בעזונדערעס פאָלק, און זיי האָבען זיך אונטערשיידען פון די עגיפטער דער מיט, וואָס זייערע קליידער זיינען געווען איינס און דאָס זעלבע, און די גמרא זאָגט (שבת קמ"ה) דאָס די געלעהרטע פון בבל האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע ווייסע קליידער, ווייל רבנן רופען זיך מלאכי השרת (נדרים כ׳) און ביי די מלאכים שטעהט געשריבען לבוש הבדים, די אָנגעצייגענע אין ווייסען, איז צו דיעזען אַנדענקען טראָגען מיר פסח'דיגע נעכט צום סדר אַ קיטעל (בהגדה בעה"מ עמודי אור). איך דענק דאָס גראַדע דער אָנציהען זיך אין ווייסען איז דאָס גאָר צוליעב שמחה, דען לויט די גמרא (יומא דף ל"ט) דאָס דער כהן גדול שמעון הצדיק האָט געזאָגט צו די חכמים דאָס אין דעם יאָהר וועט ער שטאַרבען. ווייל ער האָט יום כפור געזעהען ווען ער איז אַריין אין קדשי קדשים

---

*) און אין אַמעריקאַ דרש'עט מען אַלע ווייל, ניט גראַדע רבנים, מגידים, דרשנים, עס איז רעכט אַ תינוק בן יומו אַז ער וואָלט גערעט (געשפּיצט).

אַ מלאך אָנגעצויגען אין שוואַרצען, וואָס אימער האָט ער יום כפור געזעהען דעם מלאך אין ווייסען אָן געטוהן, און אין תענית (דף כ"ו) זאָגט דאָרט די גמרא דאָס פֿופֿצעהען טעג אין אָב און יום הכפורים איז געווען די גרעסטע פֿרייד בײַ אידען וואָס אידישע טעכטער האָבען זיך אָנגעצויגען אין ווײַסע קליידער און האָבען דאַנמאָהל שדוכים געשלאָסען, אַלזאָ דאָס איז איבערצײַגט דאָס ווײַסע קליידער איז גאָר אַ פֿריידע צייכען, דאַרום קען זײַן אַז דער קיטעל פֿון די סדרים נעכט איז דער צייכען פֿון פֿרעהליכקײַט.

---

# סימן קמד

וואָרום מיר לייגען דרײַ מצות פסח צום סדר?

דאָס איז צום אַנדענקען פֿון אברהם'ען וועלכער האָט פֿאַר זײַנע דרײַ אורחים געלאָזט מאַכען פֿון דרײַ מאָס מעהל מצות, (דאַנמאָהל איז געווען פסח), אַ צווייטער מיינונג איז, ווײַל די מיטעלשטע מצה צוברעכט ער דאָך פֿאַר אײַן „אפיקומן" מוז בלײַבען צוויי מצות לחם משנה, אַזוי ווי אַלע שבת און יום טוב (או"ח מג"א סי' תע"ח, ועיין תוס' פסחים קט"ז).

---

# סימן קמה

וואָרום די ערשטע צוויי נעכט פֿון פסח, אויף די הגדה זאָגען, הייסען דאָס אָבריכטען סדר?

ווײַל אַלע ימים טובים, און די גרינדע פֿון די מִצְוֹת זײַנען אַלע אָבהענגיג פֿון די נסים אין מצרים, ווײַל אימער ערמאַנערט די תורה „אשר הוצאתיך מארץ מצרים" איך גאָט וועלכער האָב דיר פֿרײַ געמאַכט פֿון מצרים, און אַלע אָנצײַגע פֿון די ימים טובים בעשטעהען אויף די בעפֿרײַאונג פֿון אַ פֿער־שקלאַפֿטע פֿאָלק, דאַרום הייסט דער זאָגען די הגדה מיט דעם נאָמען „סדר" וואָס דאָס בעדײַדעט אָרדנונג, ווײַל עס איז אויסגעאָרדעט גאָר די מִצְוֹת וועלכע זײַנען אָבהענגיג אָן די צײַט. און איך זאָג דאָס עס רופֿט זיך „סדר" ווײַל די פֿיער כוסות טרינקען צווישען די הגדה זאָגען, זײַנען מיט דעם אָרד־נונג ווי דער תלמוד האָט אונז געבאָטען, דען ווען ער טרינקט זיי אָהנע אָרד־

נונג איז ער ניט יוצא, דארום הייסט דאס „סדר" צו צייגען דאס מען מוז טריגקען מיט ארדנונג ווי דער תלמוד האט געהייסען. און פיליכט הייסט דאס „סדר" ווייל אזוי ווי די בייידע נעכט מאכען מיר א מאהלצייט ווי פירסטען אדער קעניגע, און ביי קעניגע איז דער מנהג דאס יעדע שפייז איז אויסגערעכענט מיט דעם ארדנונג וואס דער קעניגליכער פערוואלטער בעשטימט, און דאס הייסט איינע שפייז קארטע. און געוויסע געזאנגע אדער רעדעס וועלכע עס ווערט געהאלטען אין מיטען דעם עסען. אונזער שפייז קארטע צו די סדרים ווי אויך די פערברייננגונג פון די סדר נעכט הייסט „קדש ורחץ" און זא ווייטער.

# סימן קמו

וואורום מיר טונקען איין גרינסען אין זאלץ-וואסער אדער אין עסיג אין די סדרים-נעכט?

ווייל די עגיפטישע פריסטער (כהנים) איז פערבאטען געוועזען צו עסען זאלץ, און אזוי ווי מיר זיינען בעפרייט געווארען פון זיי, טוהען מיר געגען זייערע געזעטצע, און די חז"ל האבען אונז געהייסען איינצוטונקען אין זאלץ-וואסער די גרינסען (רי"ב בילקוט). און אויך דאס עסען די אייער אין די סדר נעכט זיינען אויך צוליעב דעם, ווייל די עגיפטישע געזעטצע איז געוועזען פערבאטען צו עסען אייער און פלייש (אבן עזרא פ' וארא), אבער דאס איז ניט וועגען אבילות וועלכע געהער ניט צום פסח, און דער הגר"א אין (שערי רחמים) זאגט דארט דייטליך דאס בעהיטע גאט צו ערינירען אבילות פון תשעה באב אום פסח, און ניט גאר א אנדער טעם.

# סימן קמז

וואורום מיר גיסען אב פון די כוסות ביי די צעהן מכות אין דצ"ך עד"ש באח"ב?

דער אבגיעסען איז ניט מעהר, ווייל פון יעדע מכה האט דאך וואס געפעהלט ביי די מצריים, דארום מאכען מיר דעם אנדענקען צו מאכען עטוואס ווייניגער פון אונזערע כוסות (מנהגים).

# סימן קמח

**ווארום מיר בעהאלטען דעם אפיקומן אונטער די קישענס?**

מיר בעהאלטען דעם אפיקומן ווי איינע זאך וואס דארף געהיט זיין, אי־בער דעם וואס דער פסוק זאגט ושמרתם את המצות די מצות דארפען געהיט זיין, און צו דעקען מיט א קישען הייסט געהיט (ברכות דף כ״ד) בשם בעל המחבר עמודי אור. נאך א מיינונג, צום אנדענקען, ווייל עס שטייט „משארותם צרורות בשמלותם״.

# סימן קמט

**ווארום האט ר׳ יהודה ביי די צעהן מכות געגעבען סימנים?**

רבי יהודה האט דא ניט בעוויזען קיין גרויסע קונסט אין די ראשי תיבות פון די צעהען מכות וואס ער האט זיי פאר איין סימן געמאכט, נור ווייל אין תהלים גיעבט דארט אויך א קאפיטל אין וועלכען ער רעכענט דארט די צעהען מכות, אבער ניט איינע נאך די אנדערע ווי אין תורה איז געשריבען, דארום האט רבי יהודה געגעבען סימנים לויט די צעהען מכות ווי עס איז אויסגערעכענט אין תורה, אבער ניט ווי אין תהלים (שבלי הלקט רי״ח).

# סימן קנ

**ווארום מען לערנט די קינדער צו־גנב׳ענען דעם אפיקומן, און געבען זיי א מתנה ביי דעם צוריק אב געבען?**

ווייל דער פסוק האט אונז אנגעזאגט דאס די געשיכטע פון „יציאת מצרים״ מוזען מיר אונזערע קינדער דערצעהלען, אבער ווען אונזערע קליינע קינדער ווערען איינגעשלאפען, און מיר האבען ניט וועמען איבער צו געבען אט דיזע הייליגע ערצעהלונגען, האט אונז דער תלמוד געראטהען צו חאפען מצות אום צו פערענטערעסירען די קליינע קינדער דאס זיי זאלען ניט שלאפען, ווי אויך צו צוטהיילען זיי ניס און אנדערע נאשעראיי אלעס צו ליעב דעם דאס די קינדער זאלען ניט איינשלאפען ביז צום ענדע סדר (פסחים קי״ט). אבער די לעצטע דורות האבען אויסגעפונען א בעסערען מיטעל אוועק צו רויבען

פון די קינדער זייער שלאף, און נעמליך צו לעהרנען די קינדער צו גנב'ענען דעם אפיקומן, און נאכהער ביי זיי דאס ארויס בעקומען צוריק פאר א געוויסען פרעזענט, מתנה, וואס דער פאטער גיעבט. און די קינדער זיינען וואך ביז מען עסט דעם אפיקומן וואס דאס איז בענאהע די ענדע פון סדר (ס' ליקוטי צבי). און דעם צוטהיילען דעם הלל אויף צוויי טהייל ביי די סדר נעכט איז אויך איבער דאס זעלבע צו פעראינטערעסירען די קינדער זיי זאלען פרעגען איבער די ענדערונג פון דיזע נעכט.

# סימן קנא

וואָרום מען רופט דעם פינפטען כוס פון די סדר-נעכט ,,דער כוס פון אליהו הנביא"?

ווייל עס גיעבט א פלוגתא אין תלמוד אויב עס איז נויטיג פינף כוסות אין די סדר נעכט, אדער עס איז גענוג פיער כוסות. און די פלוגתא איז געבליבען ניט קיין געאורטהיילטע, און יעדע זאך אין תלמוד וואס עס בלייבט ניט קיין פעראייניגטע בעשטימונג פון די חז"ל, לאזט מען דאס איבער פאר אליהו הנביא צו די גאולה דאס ער זאל בעשטימען אויף ריכטיג ווער עס האט רעכט, דארום טרינקען מיר נור פיער כוסות און מיר גיעסען אן איין פינפטען כוס און אויף דעם כוס דארף אורטהיילען אליהו הנביא אויב ער געהער אויך צו טרינקען אדער ניט, און דארום רופט זיך דער כוס „אליהו הנביא'ס כוס" (הגר"א). אויך גיעבט א מיינונג ווייל די פיער כוסות בעדייטען אויף פיער גאולות, זאל קומען אליהו הנביא און אונז אנזאגען די לעצטע גאולה (ברכת אליהו בשם הר"ם חגיז).

# סימן קנב

וואָרום מיר עפענען די טיר אין די סדר נעכט ווען מען זאגט „שפוך חמתך"?

פערצייטענס האט מען די טהירען געהאלטען אפען די גאנצע סדר נאכט איבער געוויסע אורזאכען, ערשטענ'ס ווייל יעדער איד זאגט כל דכפין יתי ויאכל. הונגעריגע זאלען קומען עסען. און פערשליסען די טהירען און רופען עסען איז דאס לעכערליך, ביי די צייט איז דאס ניט נייטיג ווייל מען בעזארגט יעדערען מיט פסח עסען. צווייטענס ווייל פסח איז א ליל שמורים

א נאכט וואס גאט היטעט אונז אליין און מיר מעגען פריי האלטען אפען די טיהרען און אליהו הנביא זאל קומען און זעהן אונזער שטארקע אמונה אין גאט ברוך הוא (המנהיג). נור ווי דער מנהג איז געווען פערצייטינס אויב זיי האבען געהאלטען אפען די טהירען אדער צוגעמאכט, גיעבט פערשיעדענע מיינונגען (ראה בספר לקוטי צבי), נור איינס איז זיכער דאס אין די מיטעל־אלטער צייט, ווען אידען זיינען פערפאלגט געווען איבער זייער גלויבען, בפרט די אנוסים פון שפאניען און פארטוגאל, ווען מען איז ניט געווען זיכער מיט דעם לעבען, און מען האט זיך בעהאלטען אין קעלערען צו אבריכטען סדר, האט מען געוויס פערשלאסען געהאלטען די טיהרען, און בפרט ווען מען האט אונז פערפאלגט מיט דעם אויסטראכטען דעם שרעקליכען בלבול עלילת דם, דאס מיר קנעטען איין אין די מצות קריסטליכע בלוט, עפענען מיר דאריבער די טיהר. אם ערשטען איז דאס א אנדענקען פון פערצייטינס פון די ליל שמורים דאס גאט היט אונז, און מיר ווינשען אליהו הנביא זאל קומען און אנזאגען אונז די צוקינפטיגע גאולה, און צווייטענס, דאס די קריסטליכע וועלט זאלען זעהען דאס דער בלוט־בלבול איז א פאלשער. און פון די צרות וואס מיר האבען איבערגעטראגען אין די מיטעלע צייט וואס מעהרערע מאהל האבען זיך די יודענפיינדע איינגעבראכען אין די הייזער אין די צייט פון סדר נאכט ספעציעל ביי די צייט פון דעם אפיקומן עסען, גלויבענדיג אז אט אין דעם אפיקומן איז איינגעקנאטען די כריסטען בלוט, איז פון גרוים וויטאגען אין די שרעקליכע ליידען גיעסען מיר אוים מיט טרערען א פלוך אויף די אידישע פיינדע וועלכע פערפאלגען און מארדען אונז פאר אומזאנסט, און מיר זאגען מיט איין פערביטערטע הארץ די קללה וואס דער נביא האט געזאגט „שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך", גיסטע אוים דיין צארען אויף די פעלקער וועלכע ווילען דיך ניט קענען. אויך האט מיר געזאגט הרב ר' מנחם מענדעל רב פון היידוטישקי שווינצאנער אויעזד, דאס מיר עפינען די טיהר ניט גראדע אוים ליל שמורים אדער שרעקונג פאר די פיינדע, נור גראדע פערקעהרט, מיר עפענען די טיהר, וויל מיר פערזיכערען זיך אויף גאט און מיר האבען קיין מורא פאר אונזערע פיינדע. נאך גיעבט איבער דעם מיינונגען אין מיין אריגינעלען העבראישען ספר „מנהגי ישרון".

---

# סימן קנג

וואָרום ווען עס געפֿאַלט פּסח אום מוצש"ק זאָגען מיר פֿאַרקעהרט „מן הפּסחים ומן הזבחים"?

מיר זאָגען פֿערקעהרט „מן הפּסחים ומן הזבחים" פּסח אום מוצש"ק. ווייל שבת האָט מען ניט מקריב געווען קיין קרבן חגיגה (ט"ז וא"ר או"ח סי' תע"ג).

# סימן קנד

וואָרום האָט די תורה געהייסען צעהלען ספירה פֿון פּסח ביז שבועות?

דען אַזוי ווי ארץ ישראל האָט געהאַלטען אין זמן המקדש פֿיער הונדערט אויף פֿיער הונדערט מייל, די מיילען וועלכע זיינען גערעכענט געוועזען אין ארץ ישראל מיט דעם נאָמען פרסה, און דער בית המקדש איז געוועזען אין מיטען פֿון די פֿיער הונדערט מייל, און די יעניגע וועלכע האָבען געוואָהנט אין ענדע ארץ ישראל, און האָבען געברויכט צו געהן אין בית המקדש אויף יעדען יום טוב וועלכע האָבען זיך גערופֿען „עולי הרגל", און אַ געוואָהנליכער מענש קען איינגעהן צעהען מייל (פּרסאות) אַטאָג, און ווען ער האָט צו געהן פֿון בית המקדש אהיים גאַנצע צוויי הונדערט מייל, נעהמט דער גאַנג ביי איהם ביז אַ היים צוואַנציג טעג, און נאָכהער געהן פֿון דער היים צוריק אויף שבועות קיין ירושלים נעהמט ווידער צוואַנציג טעג, אַלזאָ איז פֿערציג טעג, און זיעבען שבתים וואָס דער געהער מוז רוהען שבת, איז צוזאַמען זיעבען און פֿערציג טעג, דאַרום הייסט די תורה צעהלען ספירה. ער זאָל וויסען, דאָס ער קען ניט פֿערווייַלען אין דער היים ניט מעהר ווי צוויי טעג, ווייל צוזאַמען איז מעהר ניטאָ אין ספירה ווי ניין און פֿערציג טעג (מנהגים בשם ר"ר שמואל).

און פֿאַר וואָס מאַכט מען ניט קיין „שהחינו" אויף ספירת העומר? ווייל די מצוה פֿון „ספירת העומר" איז דאָך גאַנצע זיעבען וואָכען ווי אין פּסוק שטעהט „שבע שבתות תמימות", איז דאָך דער זמן ניין און פֿערציג טעג, און פֿילייכט פֿערגעסט ער איין טאָג, האָט ער דאָך געמאַכט אַברכה לבטלה (מהר"ם מי"ץ).

# סימן קנה

ווארום די שבתים ווען מען בענטשט ראש חודש, אָדער אויב אין שוהל איז דאָ א ברית מילה זאָגען מיר ניט „אב הרחמים", און אויך איז מען ניט „מזכיר נשמות", און אין ספירה אָבוואָהל מיר זיינען ניט „מזכיר נשמות" אין דעם שבת וואָס מען בענטשט ראש חודש אָדער א ברית מילה, דאָך זאָגען מיר „אב הרחמים" אין די ביידע פעלע?

לויט דעם תלמוד (יבמות ס"ב) אָדער (ב"ר ס"א) זיינען אין די ספירה טעג געשטאָרבען פיעל פון די תלמידים פון דעם גרויסען געלעהרטען רבי עקיבא, ווייל זיי האָבען זיך ניט רעספעקטירט איינער דעם צווייטען, יענע צייט האָט זיך גערופען דער חרבן פון די תלמידי חכמים, אַזוי ווייט אַז רבי עקיבא'ן איז אויסגעקומען צו זאַמען נעמען אַנדערע נייע תלמידים אום צו בעפעסטיגען די תורה דורך איהרע פאַנען טרעגער. און אויך אין די טעג פון ספירה האָט געטראָפען די שרעקליכע גזרת תתנ"ו אָדער ווי יענע גזרות האָבען זיך גערו-פען די קרייצפאַהרער פון יאָהר 1096 ביז 1099 וואָס די יודענפרעסער האָבען געניוטה די אידען פון פיעלע לענדער דאָס זיי זאָלען אָננעהמען דעם כריסטען גלויבען, און הונדערטע טויזענדער אידען יונג און אַלט מענער ווי פרויען האָבען בעסער די העלזער אויס געצויגען צום שלאַכט-מעסער פון די מערדער און האָבען זיך אויף קידוש השם געלאָזען שעכטען אַזוי ווי שאָף, איידער צו לייקענען אין דעם גאָט פון ישראל, און גאַנצע הייליגע קהלות זיינען אויסגעשאָכטען געוואָרען פאַר אומזאָנסט, און אָבגעווישט געוואָרען פון דער וועלט און ניט שטעלענדיג קיינע מצבות נאָך אָט די הונדערטע טויזענדע הייליגע, און ניט וויסענדיג זייערע קברים וועלכע דאָס מעהרערע זיינען צו טויזענדער אין איין גרוב אַריינגעוואָרפען געוואָרען; און אַזוי ווי דיעזע בלוטיגע דראַמע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ספירה טעג צו זאַמען מיט דעם גרויסען חורבן פון די הייליגע תלמידים פון רבי עקיבא, האָבען אידען אויף זיך גענומען צו מאַכען א אַלגעמיינעם „הזכרת נשמות" וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט די האַרצרייסענדע תפלה „אב הרחמים" צום איביגען טרויערדיגען אַנדענקען פון די אונצאָהליגע הייליגע מאַרטירער, וואָס זאָגאַר ראש חודש בענטשען אָדער א „ברית מילה" קען ניט אָבהאַלטען דיעזען הייליגען הזכרת נשמות, און זאָגאַר ווען א חתונה און א ברית מילה אין שבת פון ראש חודש בענטשען האַלט ניט אָב פון צו זאָגען „אב הרחמים", אָבער ווען ראש חודש איר געפאַהלט אום שבת זאָגט מען ניט קיין „אב הרחמים" ווי אויך ניט שבת ווען ער געפאַהלט ערב שבועות (מג"א סי' רפ"ד ס"ק ח' ופרמ"ג).

# סימן קנו

**וואָרום נאָך זאָגנען אונטער גאַנג ביז נאָך ספירה טוהען ניט פרויען קיין ארבייט?**

ווייל דער עומר איז געגעבען געוואָרען פון גערשטען איין צעהנטייל מאָס וועלכע האָט זיך גערופען „איפה". און איינע בעליידיגטע פרוי א סוטה אז דער מאַן האָט פערדעכטיגט, האָט אויך די וועלבע מאָס גערארפט ברייננען אין בית המקדש, און אויך פון גערשטען מעהל, דאָרום טוהען די ווייבער קיינע ארבייט אין די שטונדע פון ספירה צעהלען צום עווינען אנדענקען, אויך זיינען פאַר נאַכט מקובר געוואָרען ר' עקיבא'ס תלמידים (ט"ז ושבלי הלקט). און דאָס וואָס מיר זאָגען נאָך ספירה צעהלען „יהי רצון שיבנה בית המקדש" ווייל פערצייטענס איז געוועזען די ספירה צעהלען פון די תורה אליין, און דאָס האָט בעלאַנגט צום עומר וועלכען מען האָט געבראַכט אין בית המקדש, אָבער יעצט איז ספירה צעהלען ניט מעהר ווי פון די רבנן, דאָרום בעטען מיר „יהי רצון" אז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערען און אונזער פפליכט זאָל זיין ווי גאָט האָט אליין געהייסען צעהלען ספירה. אויך זאָגען מיר נאָך ספירה דעם קאַפּיטל „אלהים יחננו", ווייל ער ענטהאַלט אין זיך ניין און פערציג ווערטער געגען די ניין און פערציג ספירה טעג (מג"א).

---

# סימן קנז

**וואָרום מען פאַסט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג נאָך פסח און נאָך סוכות, ווי הייסען בה"ב?**

ווייל אין די צייטען ענדערט זיך די לופט, איבער דעם ווייל די צייטען פון יאָהר ענדערען זיך, און דאָס איז בעוואוסט אז נאָך פסח און נאָך סוכות ליידען מענשען פערשידענע קראַנקהייטען איבער די לופט ענדערונג, דאָרום פאַסט מען בה"ב מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, אום גאָט זאָל רחמנות האָבען אויף די קראַנקע ליידענדע מענשען פון דיזע צייטען. דער מגן אברהם (סי' תצ"ב) שרייבט: ווייל יום טוב'דיגע טעג זיינען די מענשען פון גרויס שמחה פון יום טוב און פין דעם אַרום געהן ליידיג וואָס דאָס אַלס ברייננגט מענשען צו פערברעכען זינד, דאָרום פאַסטען בה"ב דאָס גאָט זאָל מוחל זיין די זינד, עבענזאָ איז געוועזען ביי איוב'ן דאָס נאָך יעדען באַל (שמחה) וואָס איוב'ס קינדער האָבען געמאַכט, האָט זייער פאָטער געגעבען קרבנות,

זאגענדיג פילייכט האבען מיינע קינדער געזינדיגט „אולי חטאו בני". און רבי שמעון פון קאירא אין הלכות גדולות זאגט: דאס דער פאסטען בה"ב איז איבער דעם חורבן בית המקדש און אויף אידישע צרות. און פראפעסער גרעטץ בעשטעטיגט לויט היסטאריע וואס ער האט געפונען פון א אלטען גריכישען שרייבער, דאס די יודען פאסטען מאנטאג און דאנערשטאג איבער דעם חורבן פוןביידע בתי מקדש.

# סימן קנח

וואָרום אין א תענית זאָגט מען „מפטיר" צו מנחה און ניט צום שחרית'דיגען דאווגען?

דעם מיינונג פאר וואס מען לייענט מפטיר צו מנחה פון איין תענית צבור, און נור די הפטרה „דרשו ה' בהמצאו". איז צו געפינען אין סימן ק"ט זייטע 103.

# סימן קנט

וואָרום אין א תענית זאָגט דער חזן „עננו" צווישען די ברכה „גואל ישראל" און „רופא חולי עמו ישראל" אבער א יחיד זאָגט ניט אזוי?

ווייל דער פסוק זאגט א פריהער „ה' צורי וגואלי" און נאכהער ווירד געזאגט „יענך ה' ביום צרה" רעכענט זיך פארהער די גאולה און נאכהער די געבעט אויף שלעכטעס, דארום זאגט דער חזן צווישען דיעזע ביידע געבעטע אין שמונה עשרה „עננו", אבער א יחיד קען פאר זיך זעלבסט אליין ניט בעשטימען קיין ברכה (ב"י סי' תקס"ו).

# סימן קם

### וואס פאר א יום טוב, און וואס פאר איין שמחה איז ל״ג בעומר?

בעשטימט איז, דאס אין די אלע טעג וואס מיר זאגען ניט קיין תחנון, איז וויל אין די טעג זיינען ניט געשטארבען רבי עקיבא׳ס תלמידים, נעמליך: זיעבען טעג פסח, צווייא טעג ראש חודש אייר, און איין טאג ראש חודש סיון און זיעבען שבתים, זיינען פערבליעבען צוויי און דרייסיג טעג וואס רבי עקיבא׳ס תלמידים זיינען געשטארבען, דארום איז ל״ג דער דריי און דרייסיגסטער טאג אין ספירה איין שמחה (מהרי״ל).

# סימן קסא

### וואָרום מען רופט דעם יום טוב שבועות מיט דעם נאמען „עצרת״?

וויל יעדער יום טוב האט א טהאט (א מצוה) פון זיין טאג, צב״ש: פסח האט מצות צו עסען, סוכות האט א סוכה א לולב, ראש השנה האט שופר צו בלאזען, אבער שבועות האט ניט מעהר וואס קיין ארבייט איז ניט ערלויבט צו טאהן, דארום הייסט ער דער אבגעהאלטענער יום טוב „עצרת״, דאס זעלבע איז אויך דער יום טוב שמיני עצרת, און אזוי בעשטעטיגט דער תרגום אונקלוס בשבועותיכם בעצרתיכון (הרמב״ן עי׳ שם).

אויך גיעבט א מיינונג פאר וואס מען רופט דעם יום טוב „שבועות״, וויל ביז איהם, דעם יום טוב, ענדיגען זיך די זיעבען וואכען פון ספירה ציילען. אויך רופט מען דעם יום טוב „הבכורים״ ווי עס שטעהט אין פסוק „וביום הבכורים בהקריבכם מנחה חדשה לה׳ בשבועותיכם״, וויל דאן אין ארץ ישראל איז געווען די צייט וויצען־שניט, און די מנחה חדשה האט מען ניט געטארט מקריב זיין בעפאר מען האט מקריב גיוועזן די „שתי הלחם״, און די „שתי הלחם״ בעווייזען אויף תורה שבכתב און תורה שבעל פה (מ״מ).

# סימן קסב

**ווארום מיר שטעלען שבועות ביימער ארום הויז, און גרינסען אין די באלקענס פון הויז?**

ווייל שבועות האט מען געגעבען די תורה אויף דעם בארג סיני, וועלכער איז געווען בעקליידעט מיט ביימער גראז און בלומען, טוהען מיר דאס צום אנדענקען פון מתן תורה (לבוש סי׳ תצ״ד). דער מגן אברהם (או״ח סי׳ תצ״ר) שרייבט: ווייל שבועות איז דער אנפאנג בליהען פון פריכט ביימער און מיר בעטען אפרוכטבארען יאהר. און דער געלעהרטער רבי מרדכי וויסמאן האט מיר איבערציינגט פון ברכי יוסף להי״ג אזולאי דאס המן האט געמסר׳ט צו אחשורוש אז די אידען שפרייטען אוים זייערע הייזער אום שבועות מיט גראזען, ועהט מען אז דאס איז א אלטער מנהג.

---

# סימן קסג

**ווארום מען איז וואך שבועות׳דיגע נאכט און מען שלאפט ניט די גאנצע נאכט?**

געגרינדעט אויף דעם מדרש חזית וועלכער זאגט דאס די נאכט פאר מתן תורה האבען די אידען געשלאפען זעהר געשמאק, זא ווייט דאס משה רבינו איז געקומען זיי וועקען מיט די קולות וברקים, דארום ווייזען מיר דאס מיר רעספעקטירען די נאכט פאר מתן תורה און מיר שלאפען ניט די גאנצע נאכט (לקוטי צבי, מג״א או״ח סי׳ תצ״ד).

---

# סימן קסד

**ווארום מיר זאגען ניט שבועות „יום מתן תורתנו״ נור „זמן מתן תורתנו״ און ניט יום?**

ווייל ניט אין איין טאג איז די תורה געגעבען געווארען, זאנדערען משה איז שוין מיט דריי טעג אפריהער געווען אויף דעם בארג, און איז איינינע מאהל אין איינינע טעג ארונטערגעגאנגען צום פאלק און ארויף געגאנגען צוריק, דארום מוזען מיר זאגען „זמן מתן תורתנו״ די צייט פון אונז געבען די

תורה אָבער נִיט קיין בעשטימטען טאָג, נור מיר דערמאָנען שוין דעם טאָג מתן תורה, ווייל אין דעם טאָג האָט מען אויך די תורה געגעבען, און דאַרום רופט די תורה דיזען יום טוב בלויז „חג השבועות״ און ניט חג מתן התורה, (אבן שועב על התורה דף נ״ט).

# סימן קסה

**וואָרום מיר עסען שבועות קרעפּלעך דריי קאַנטיגע ?**

גענגרינדעט אויף דעם תלמוד שבת (פ״ח), דאָס דעם טאָג פון מתן תורה איז אַלעס געווען געדריטעלט, און צום אַנדענקען דאָס די תורה איז געגעבען געוואָרען אין דריטען מאָנאַט נאָך דעם אַרויס געהן פון מצרים. אין דעם אַנדענקען פון די דריי אבות וועלכע האָבען מקיים געווען די תורה נאָך פאַר מתן תורה.

# סימן קסו

**וואָרום מיר לייענען שבועות די „עשרת הדברות״ מיט די אויבערשטע טראָפּ, און אין פ׳ יתרו און פ׳ ואתחנן לייענען מיר מיט די אונטערשטע טראָפּ, און יעצט לייענען מיר אומעדום מיט די אויבערשטע טראָפּ, אויסער דער וואָס לייענט פאַר זיך לייענט ער מיט די אונטערשטע טראָפּ ?**

ווייל שבועות האָט גאָט געגעבען די תורה, און דער לייענען די צעהן געבאָט (עשרת הדברות) איז דער פערגלייך צו געבונג די תורה, און פערציי־טענס האָט מען אויך פערטייצט די עשרת הדברות אויף די שפּראַך וואָס דאָס פאָלק האָט פערשטאַנען, אום עס זאָל די עהנליכקייט האָבען ווי מתן תורה זעלבסט, דאַרום צו טהיילען מיר שבועות יעדען אויסשפּרוך (דבור) פאַר איין בעזונדערען פסוק, צב״ש: „לא תרצח״ איין פסוק, „לא תנאף״ איין פסוק, א. ז. וו. אויסער די פסוקים „אנכי ה׳״ ווי אויך „לא יהיה לך״ פאַר איין פסוק, ווייל דיזע ביידע זיינען די גלייכסטע אָדער די העכסטע פון די גאַנצע צעהן געבאָט. און קיום צו טהיילען מיר יעדען דבור פאַר איין פסוק, קענען די טראָפּ די אונטערשטע ניט אויסהאַלטען די רעגעלען פון לייענען מיט טראָפּ, און עס איז גענייטיגט צו מאַכען גאַנץ אַנדערע טראָפּ וועלכע רופען זיך טעם העליון, אום יעדען אויסשפּרוך זאָל ענטהאַלטען אַ גאַנצער פסוק, אָבער

ווען מיר לייענען די וואך סדרה, פון יתרו און ואתחנן וואס דאנמאהל צו טהיילען מיר ניט די עשרת הדברות אויף יעדער דבור זאל זיין א פסיק בעזונ־ דער, אויסער וואס מיר מאכען א פאויזע (אבהאקונג) פון איין אויסשפרוך צום צווייטען, איז גענוג די געיועהנליכע טראפ (טעם התחתון). און יעצט איז מען זיך נוהג אויך אין די וואך סדרות פון יתרו און ואתחנן צו לייענען מיט די אייבערשטע טראפ, וויל אימער זיינען די צעהען געבאט דער פערגלייך צו מתן תורה, אויסער א יחיד ווען ער לייענט פאר זיך אליין זאל ער לייענען מיט די אונטערשטע טראפ (מג״א סי׳ תצ״ב בשם החזקוני ועיין שם במחצית השקל). און ווען דער חזן רופט זיך אליין אויף צו די עשרת הדברות דארף ער שטעלען לעבען זיך נאך איינעם, וויל די תורה איז געגעבען געווארען דורך א פערמיטלער (או״ח סי׳ קמ״א סעיף ד׳ והוא מהירושלמי).

---

# סימן קסז

**וארום מיר לייענען „רות" שבועות, און וארום לייענען מיר „רות" גור אין דעם צווייטען טאג שבועות?**

ערשטענס וויל אין די געשיכטע פון רות איז געשריבען דאס די רות־ געשיכטע האט פאסירט אין די צייט פון גערשטען שניט, און שבועות איז אין ארץ ישראל אויך די צייט פון שניידען גערשטען. צווייטענס אזוי ווי צו מתן תורה האבען זיך דאך דאנמאהל אלע אידען מגייר געוועזען מיט מילה און טבילה, און רות האט זיך דאך אויך אין די זעלבע צייט מגייר געוועזען פון א מואביה אויף א אידענע, דארום לייענט מען רות אום שבועות (אבן הירחי בהלכות סוכה סי׳ נ״ח). און מיר לייענען רות דעם צווייטען טאג שבועות, וויל אויף מארגען נאך מתן תורה איז געוועזען די פאלקאמע בע־ שטעטיגונג דאס די אידען האבען אנגענומען די תורה (כריתות ברית) און זיינען ארונטער אונטער די פליגלען דער גאטהייט, און רות דאס גלייכען איז ארונטער אונטער די פליגלען דער גאטהייט, דארום קומט צו לייענען רות דעם צווייטען טאג שבועות (אבן עזרא והרמב״ן). אויך גיעבט אמיינונג פון דעם לייענען רות אום שבועות, וויל דוד המלך איז געשטארבען אום שבועות (תוס׳ חגיגה י״ז). און אויך גיעבט א מיינונג אז דוד איז אויך שבועות געבארען געווארען (קידושין דף ל״ח), און שמואל הנביא וועלכער האט געשריבען די היסטאריע פון רות האט אויך געשריבען די היסטאריע פון דוד המלך, און אזוי ווי פון רות איז ארויסגעקומען דוד המלך, דארום לייענען מיר רות אין

דעם טאָג וואָס איהר אייניקעל איז געבאָרען און געשטאָרבען (בכור שור דף קכ"א ומביאו השערי תשובה באו"ח תצ"ד). און דער מגן אברהם (או"ח סי' ת"צ בשם ילקוט רות) שרייבט: דאָס אַזוי ווי די תורה איז געגעבען געוואָרען דורך יסורים, אָרימקייט, און רות האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען אויך דורך אָרימקייט און עלענד, דאַרום לייענען מיר רות אום שבועות.

נאָך אַ מיינונג גיעבט פאַר וואָס מען לייענט „רות" אום שבועות, ווייל ביז „מתן תורה" האָבען זיך אידען גערופען מיט דעם נאָמען „בני נח", זיינען זיי שוין געווען פערפליכטעט (מחויב) אין זיעבען מצות, גאָר פון פערציטען אָן, און יעצט ביי „מתן תורה" איז זיי צוגעקומען זעקס הונדערט זעקס מצות. ווי דער צאָהל „רות" טרעפט אָן, און צוזאַמען טרעפט דאָס אָן זעקס הונדערט דריי צעהן מצות (תרי"ג) (ברכי יוסף).

---

# סימן קסח

וואָרום מיר זאָגען „מקדש ישראל והזמנים" (די ציטען) און ניט „והמועדים" (די ימים טובים)?

ווייל אַלע ימים טובים וועלכע די תורה האָט אונז געהייסען היטען זיינען אָבשטאַמונג און אָבהענגיג פון די ציט: פסח — פריהלינג, שבועות — שניט ציט, סכות — די איינזאַמלונג פון די פעלדער אין שאייער אַריין, דאַרום זאָגען מיר מקדש ישראל והזמנים (און די ציטען) און ניט מקדש ישראל והמועדים (און די ימים טובים), ווייל די ימים טובים זיינען געגעבען געוואָרען לויט פאַר די ציטען. און וואָרום מיר זאָגען ראש חודש מקדש ישראל וראשי חדשים און יום כפור ויום הכפורים, קען דער לעזער געפינען אין דעם העברעאישען „מנהגי ישרון" אין דעם מאַנוסקריפט וועלכער איז נאָך ניט געדרוקט.

---

# סימן קסט

וואָרום מיר עסען שבועות מילכיגע שפייזען?

ווייל פאַרציטענס האָבען זיך די אָבגעזאָנדערטע געלעהרטע מענשען זעהר אָבגעהיט פון צו עסען פליישען און גוטע שפייזע און האָבען זיך צו געוואָהנט צו אָרעמע עסענס און זיך בעניגענט מיט די נאָטהווענדיגסטע

ווייל די תורה ערטראגט ניט קיינע אבגעפרעסענע און פערגעניגענד זוכענדע מענשען, און שלמה המלך האט געזאגט אין משלי (ל) „ודי חלב עזים ללחמך ללחם ביתך וחיים לנערותיך", געגוג איז פאר דיר און דיין הויז געזונד ציגענע מילך דאס וועט דיינע יונגען לעבען געבען. און דער תלמוד (חולין פ"ד ל"ח) זאגט אויף דעם פסוק אויך דאס זעלבע, און רש"י דארט זאגט עס בלויז די מילך פון דיינע שאף אבער שעכט זיי ניט. זאגאר די גריכישע פילאזאפען האבען אויך ניט מעהר ווי מילך געגעסען, דארום עסען מיר שבועות אין דעם טאג פון מתן תורה צום אנדענקען מילכיגע שפייזע, צו איבערצייגען דאס מיר קענען לעבען מיט די בענוגענדליכע עסענס, וואס נור אונטער די בענוגענדע געלעהרטע האלט אוים די תורה, אבער ניט אונטער פרעססער. ווי אין אבות ווירד געזאגט „כך היא דרכה של תורה". דאס פאדערט פון דיר די תורה: ברויט מיט זאלץ, וואסער מיט א מאס, שלאפען אויף דער ערד און מיהען זיך צו לערנען תורה, דען גוט עסען ווי פלייש און שמאק־האפטע שפייזען מוז מען ארבייטען פיעל אויף דעם דאס אלעם צו בעזארגען און דאס רויבט פון דעם מענשען די היילינע געדאנקען און רייסט איהם אב פון לערנען. און דער אנדענקען פון מילך־עסען אום שבועות אין דעם טאג פון מתן תורה איז געווים איין מאראלישער אנדענקען. (איין אנדער מיינונג זאגט קריצבורגער רב (מחבר זכרון בספר) דאס אזוי ווי שבת איז געגעבען געווארען די תורה, איז דאך די פלייש וועלכע עס איז געוועזען פאר מתן תורה, איז זי דאך געוועזען נבלה און טריפה, ניט א איד האט געשאכטען. און שבת דעם טאג פון מתן תורה האט מען דאך ניט געטאהרט שעכטען אום שבת, און זיי האבען קיין אנדערע עסענס ניט געקענט האבען אויסער מילכיגע, איז צו דיעזען אנדעקען עסען מיר שבועות מילכיגעס). און די תורה אליין גיעבט א ווינקונג אויף דיעזען מנהג, ווייל דעם פסוק מנחה חדשה לה' בשבועותיכם וואס דאס שטעלט צוזאמען מ'ח'ל'ב פון מילכיגעס. „חנוכה" עסען מיר קעז, ווייל „יהודית" האט הליפורנוס'ן דעם משנה המלך נבוכדנאצרס אנגעגעסען מיט קעז און נאכהער איהם אבגעהאקט זיין קאפ און בעפרייט די אידען פון זייער פיינד (כלבו והר"ן מביאם הרמ"א בסי' תע"ר).

# סימן קע

וואָרום מען ציהט ניט אָן דעם שבת'דיגען פרוכת אין דעם שבת וואָס געפאַלט תשעה באב און מען לייגט איהם אָב אויף זונטאָג, און אין אַ וואָכענדיגען טאָג תשעה באב נעהמט מען אַרונטער דעם פרוכת אין גאַנצען?

וועגען דעם שבת'דיגען פרוכת ברענגט אין די הגהות שו"ע או"ח (סי' תקנ"א), און אין גאַנצען אַרונטער צו נעמען תשעה באב דעם פרוכת, איז איבער דעם אַנדענקען וואָס דער בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרען און מעהר קיינע אָפּפער זיינען געבראַכט געוואָרען, און די נבואה מיט דעם רוח הקודש האָבען אויפגעהערט, און די אידישע נאַציאָן זיינען פערטריבען געוואָרען, און פעראורטהיילט געוואָרען צו פעסט און שווערד, גערויבט און געפאַנגען צו ווערען, און ביז היינטיגען טאָג זיינען מיר צווישען פרעמדע נאַציאָנען צו פעראַכטונג און שאַנדע, און אַלס טיטוס הרשע האָט מיט זיין שווערד צו שניטען דעם פרוכת פון דעם קדשי הקדשים און האָט אויף איהם געפונען בלוט, און האָט זיך בעריהמט פאַר די היידען דאָס ער האָט ער־מאָרדעט דעם אידישען גאָט, און האָט איבערצייגט מיט די בלוט פון דעם יום כפור'דיגען שעיר (ויקרא רבה פ' כ"ב יומא דף נ"ז והשל"ה תענית ריש פרק תורה אור) וואָס דער כהן גדול האָט געשפריצט אַכט שפריצונגען און פיעל מאָהל האָבען די בלוט דער גרייכט אין פרוכת און זיינען דאָרט פערשלונגען געוואָרען, דאָך איז דער חילול השם פאַר פעלקער געוועזען אונ־געהייער גרויס, וויל זיי האָבען געדענקט דאָס טיטוס האָט ווירקליך געטייטעט דעם אידישען גאָט, און צוליעב דיעזען אַנדענקען נעמען מיר תשעה באב אַרונטער דעם פרוכת פון דעם ארון הקודש. ווען אַ מת געבט אום תשעה באב זאָגט מען ניט קיין צדוק הדין ווי עס שטעהט קרא עלי מועד.

---

# סימן קעא

וואָרום מיר זאָגען ניט תשעה באב די תפלה „נחם" ניט צו מעריב ניט צו שחרית נור צו מנחה?

דען זאָ ווי אַ מת וועלכער ליעגט פאַר זיינע אבלים טאָהר מען זיי ניט טרייסטען ביז מען איז מקבר דעם מת, אַזוי קען מען ניט זאָגען נחם וועלכע איז אַ טרייסט געבעט דעם גאַנצען תשעה באב נור צו מנחה, וויל עס

ענדיגט זיך שוין דער טאג. אין דאס ענבענזאַ ווי מען איז שוין מקבר דעם מת (המנהיג). און ווארום מען זאגט „ואתה קדוש" נאך איכה גיעבט אין דעם לשון קודש'דיגען „מנהגי ישרון".

## סימן קעב

ווארום מיר זאגען דעם גאנצען חודש אלול דעם קאפיטל „לדוד ה' אורי וישעי" ?

דאס איז גענומען פון מדרש שוחר טוב, וועלכער זאגט דאס דער ווארט „אורי" ווייזט אויף ראש השנה און דער ווארט „וישעי" אויף יום כפור און די ווערטער „ממי אירא" ווייזט אויף הושענה רבה, און „כי יצפנני בסוכו" איז פאר סוכות, אויך גיעבט אין דיזען קאפיטעל דער ווארט „לולא" האמנתי און דאס איז דאס זעלבע ווי „אלול".

נאך א מיינונג גיעבט, וויל עס שטייהט אין פסוק (שה"ש) „אני לדודי ודודי לי" די אנפאנגס אותיות איז אלול. עס איז דער מיט געמיינט, ווען די אידען זיך קערען צו גאט מיט איין ריכטיגע תשובה, דאן קערט זיך גאט צו זיי און נעמט זיי אן פריינדליך און ענטפערט זיי, און דער וואס בעטעט „רחמים" ביי גאט אין דיזע טעג געפינט ער עס, ווי אין פסוק שטייט „בחדשה ימצאונה" (מ"מ).

## סימן קעג

ווארום מיר שטעהען אויף צו זאגען סליחות די גאנצע וואך וואס פאר ראש השנה?

וויל דער מדרש ערקלעהרט דאס ביי אלע אפפער (קרבנות) זאגט די תורה „והקרבתם" דאס הייסט איהר זאלט אפפערען, און ראש השנה איז גע- שריבען „ועשיתם" איהר זאלט מאכען, דאס הייסט איהר זעלבסט זאלט אפפערען און אזוי ווי קרבנות האט מען איינינע טעג נאך געזוכט דאס זיי זאלען קיינע פעהלער האבען, אזוי ברויכט זיך דער איד זיך זעלבסט נאך זוכען זיינע מעשים ער זאל קיינע פעהלער האבען, ווען ער טרעט צו ראש השנה און יום כפור צום יום הדין (עטז"ק סי' תקפ"א). און דער רמ"א און דער לבוש זאגען דאס אזוי ווי די וואך פאר ראש השנה לייענען מיר „אתם נצבים היום" וואס די ווערטער ענטהאלטען דעם זעלבען צאהל „לעמוד לסליחות". און ווארום דער

חזן צו סליחות וויקעלט זיך איין אין א טלית ווערענד ביי דער נאכט איז ער ניט מחויב צו טראגען ציצית. איז גענומען פון ראש השנה (דף י"ז) דאס גאט האט זיך איינגעוויקעלט אין א טלית ווי א חזן און בעוויזען צו משה רבינו די דרייצעהן מדות פון רחמים, און אזוי ווי מיר זאגען אין סליחות די זעלבע דרייצעהן מדות, וויקעלט זיך איין דארום דער חזן אין א טלית. (לבוש או"ח תקפ"א ומגן דוד שם סק"ב).

די קוועלע אום צו זאגען סליחות נאך די דעה פון דעם תנא דבי אליהו זוטא (סוף פ' כ"ג) איז, וויל דוד האט זיך פיל מצער געווען וועגען די אידען אונד האט געזאגט: מיט וואס וועלען זיי געפינען איין פערציהונג אויף זייערע זינדע, האט איהם גאט געזאגט: דאס ווען פילע צרות קומען אויף אידען פיר זייערע זינדע. זאלען זיי זיך פעראייניגען צו זאמען און שטעהן פאר מיר און זיך מתודה זיין אויף זייערע זינדע און זאגען סליחות, און איך וועל זיי ענטפערען. און מיט וואס האט זיי דאס גאט בעוויזען אז די זאכע איז ריכטיג? זאגט ר' יוחנן, גאט האט זיי בעוויזען פון דעם פסוק „ויעבור ה' על פניו ויקרא וגו'" „שירד הקב"ה כשליח צבור" וכו', גאט האט זיך דאן אויסגעוויזען פאר משה ווי איין שליח צבור, און האט איהם ערקלעהרט דעם סדר פון סליחות. די סליחות פון ראש השנה רופט זיך „זכור ברית", צו ליעב די פיעלע סליחות, די סליחות עקסיסטירט נאך פון די חכמי התלמוד (עי' מחזור הוצאת היירענהיים ליוה"כ קודם נעילה), און די סליחות פון מאנטאג און דאנערשטאג נאך שמונה עשרה, זיינען פעראָרדנעט געווארען אין די צייט פון די גאונים. סליחות זאגען די וואך וואס פאר ראש השנה, מוז מען אויף שטיין גאנץ פריה.

---

## סימן קעד

וואָרום די ווייבער באקען רונדע חלה פון ראש השנה אן ביז נאך הושענא רבה?

צו בעוויזען דער מיט אויף די איניגונג פון דער גאטהייט וועלכער האט קיין אנפאנג און קיין ענדע, און ער איז דער מלך איבער דער רונדער וועלט, און אזוי ווי ראש השנה מאכען מיר קעניגען גאט איבער אונז און מיר זאגען „מלכיות" און ביי יעדע תפלה ענדיגט זיך „מלך", מאכען מיר אויך איין צייכען אין דעם רונדען ברויט וועלכען מיר עסען.

---

# סימן קעה

וואָרום מיר טאָהרען ניט בייטען דעם ניגון פון ראש השנה און יום כפור אויך פון אנדערע ימים טובים, און אין אלע לענדער וואו נור אידען געפינען זיך האלטען מיר זיך אן דעם זעלבען ניגון?

דיזע אלע נגונים איז זייער אבשטאמונג פון די צייטען פון שפאנישע אינקוויזיציאן, אלס מען האט געצוואונגען די אידען זיך צו טויפען, און גע־טויפטערהייט האבען זיי געהיט דעם אידישען גלויבען, און האבען זיך בע־האלטען אין וועלדער און אין טיפע טהאלען ווי אויך אין קעלערען צו דינען גאט פון ישראל, די ימים נוראים און ימים טובים, און אין די נגונים איז געוועזען דער צילען זייערער, אויב עס האט זיך ניט פער'גנב'עט אפרעמדער אדער א שפיאן פון די אינקוויזיטארען, אויב ער האט ניט נאך געהאלטען אט דעם ניגון, האבען זיי געוואוסט דאס ער איז ניט קיין איד, אויך האבען די הארצרייסענדע נגונים צוזאמען געקניפט אלע אידען ווי איינעם מיט איבער־געגעבענהייט צו גאט און צו זיין אמונה (לקוטי פרדם).

---

# סימן קעו

וואָרום זאגט דער חזן „המלך" מיט א וויינענדיגען ניגון?

איבער דעם וואס אלס ר' יוחנן בן זכאי איז אין די צייט פון די בעלאגערונג ירושלים געקומען צו אספסיאנוס, וועלכער האט בעלאגערט ירושלים און איז ניט מעהר געוועזען דענמאהל ווי איין קאמאנדיר פון די רוימישע רעגירונג, און דיזער ר' יוחנן האט איהם אנגערופען „קעניג", האט איהם אספסיאנוס געזאגט דאס דו האסט צוויי מאהל זיך זעלבסט פאר אור־טהיילט צום טויט, ערשטענס בין איך ניט קיין קעניג, און אויב יא א קעניג וואָרום ביסט דו ביז יעצט ניט געקומען צו מיר, איז צו ליעב דיזען טרוי־ערינגען אנדענקען זינגט דער חזן „המלך" צו גאט דעם עוויגען קעניג מיט א טרויער ניגון.

---

# סימן קעז

וואָרום מען קלאַפּט זיך אין הארצען ווען מען זאָגט ווידוי?

גענומען פֿון מדרש קהלת (ז׳) אויף דעם פסוק „והחי יתן אל לבו״ דער לעבעדיגער מענש דאַרף זיך זעלבסט צו זיין הארץ אָב געבען, ווייל אַלעס קומט פֿון הארצען און זי דיי הארץ איז די ערשטע סיבה צו יעדען פֿערברעך און זינדע וואָס מענשען טוהען, קלאַפּט מען אין הארצען צו ווייזען אַז זי איז שולדיג אין די זינד.

---

# סימן קעח

וואָרום דער חזן זאָגט ניט דעם צווייטען טאָג ראש השנה „מסוד חכמים ונבונים״?

ווייל די געבעט „מסוד חכמים ונבונים״ הייסט אַ רשות איין ערלויבניס צו זאָגען פיוטים, און קוים זאָגט מען ניט קיינע פיוטים דעם צווייטען טאָג ראש השנה צו מוסף דאַרף דער חזן קיין ערלויבניס ניט נעמען, און דאַרף ניט זאָגען „מסוד חכמים ונבונים״. (עט״ז סי׳ תר״א).

---

# סימן קעט

וואָרום ראש השנה און יום כפור צו חזרת הש״ץ זאָגען דאָס פֿאָלק איבער „וחתום לחיים״, און „בספר חיים״, אָבער „זכרנו לחיים״, און „מי כמוך״ זאָגען זיי ניט איבער?

דיזער מנהג שטאַמט אויך אָב פֿון די שפּאַניער אַנוסים, נור „זכרנו לחיים״ און „מי כמוך״ זיינען נעגרינדעט אויף דעם צוקונפֿטיגען לעבען וואָס נאָך דעם טויט, און „וכתוב לחיים טובים״ מיט „בספר חיים״ זיינען געבעטע פֿאַר דעם לעבען וואָס אויף דער וועלט איז, און אָבוואָהל דעם צוקונפֿטיגען לעבען ווען דעם יאָהר זאָל גאָט אָנשרייבען צו גוטען איז אויך געווים פֿאַר דעם מענשענס טובה צו האָבען גוטעס און עולם הבא, און דאָך לווינט ניט פֿאַר דעם עולם אוים צושרייען אין דער הויך נאָך דעם חזן ווייל עס

איז בעסער איין שטונדע לעבען אויף דער וועלט אום צו דינען גאָט, פֿאַר
די גאַנצע עולם הבא וואָס דאַנמאָהל איז דער מענש פֿריי פֿון מצות און קען
שוין גאָר ניט טאָהן, ווערענד לעבעדיגערהייט קען מען אויפֿטהאָן פֿיעל פֿאַר
די גאָטהייט און מענשהייט, דאַריבער בעטען מיר די געבעטע פֿון לעבען
און מיר זאָגען איהר איבער גאַנצע דריי מאָהל, איין מאָל פֿאַר זיך ווען מיר
זאָגען שמונה עשרה, דעם צווייטען מאָהל דער חזן, וועלכער איז מוציא דעם
עולם מיט זיין תפלה, און אַ דריטען מאָהל וואָס מיר זאָגען איבער צו חזרת
הש"ץ פֿאַר דעם חזן, און יעדע זאַך וואָס איז געפֿלאָכטען אין דרייען ווערט
ניט שנעל צוריסען, און אַזוי גיעבען מעהרערע תפלות וואָס מיר זאָגען צו
דריי מאָהל אויך איבער דעם זעלבען מיינונג.

# סימן קפ

וואָרום מיר זאָגען זיעבען מאָהל דעם קאַפּיטל „למנצח" פֿאַר בלאָזען שופר?

דאָס איז געגען די זיעבען הימלען וואָס די מיטעלאָגישע לעהרע זאָגט, דאָס יעדער הימעל איז אונטער אַ שוץ פֿון אַ אַנדער גאָט, זאָגען מיר דעם „למנצח" זיעבען מאָהל. און מיר זאָגען איהם צו אונזער אייגציגען גאָט וועלכער איז דער הערשער איבער אַלע זיעבען הימלען ווי איבער אַלעס וואָס אויף דער וועלט איז (תקנות ותפלות). דער בעסטער מיינונג איז אויף דעם צו זאָגען, ווייל יהושע אַלס ער האָט געדאַרפֿט בעזיעגען די שטאָדט יריחו, איז ער אַרום איהר אַרום געגאַנגען מיט דעם ארון קודש זיעבען מאָהל, און צום זיעבעטען מאָל האָבען די כהנים געבלאָזען שופר איז איינגעפֿאַלען די וואַנד, דאָס הייסט די פֿעסטונג פֿון יריחו. און מיר, וואָס דער שטן, דאָס הייסט אונזערע אייגענע שלעכטעס שטייהט ווי אַ וואַנד צווישען אונז און גאָט, דאַרום זאָגען מיר פֿאַר שופר בלאָזען מיט אונזער גאַנצען הארצען זיעבען מאָהל דעם קאַפּיטל „למנצח" וועלכער ענטהאַלט די ביטע צו דער לעבען דעם עוויגענם שופר צוהערען און בעפֿרייט צו ווערען פֿון אונזער אייגענעם שטן, פֿון אונזערע אייגענע שלעכטעס, און דער לעבען דעם שופר של משיח.

די מצוה פֿון תקיעת שופר, אָבוואָהל מיר זיינען געבאָטען פֿון אונזערע הייליגע תורה, דאָך אָבער גיעבט אַ מיינונג אויך דער צו, ווייל די חכמים ז"ל זאָגען: דאָס ראש השנה ריכטעט גאָט אַלע קאָמענדע פֿון דער וועלט, און בעשטימט זיי צו נוטעם אָדער צו שלעכטעס ח"ו, דאַרום אום צו עראינערען דאָס פֿאָלק אַז דער טאָג איז אַ יום הדין, בלאָזט מען דעריבער שופר, אום

אויף וואָלטען דער מיט דעם זינדיגען מענשען וועלכער האט פיעלע פערברעכען גימאַהן דעם פאָריגען יאָהר, דאָס ער זאָל זיך שוין פאָן היינטע אָן בעסערען.

## סימן קפא

וואָרום מיר זאָגען ראש השנה „לאל עורך דין" דעם ערשטען טאָג צו שחרית, און דעם צווייטען טאָג צו מוסף?

אַזוי ווי עס גיעבט מיינונגען אין תלמוד (ע"ז) אויב גאָט משפט די וועלט אין די ערשטע דריי שטונדען פון טאָג אָדער אין די צווייטע דריי שטונדען. און אום צופריעדען צו שטעלען ביידע מיינונגען האט דער פייטן צו טהילט דעם „לאל עורך דין" צו דעם ערשטען טאָג צו שחרית אין די צייט פון די ערשטע דריי שטונדען. און דעם צווייטען טאָג צו מוסף אין די אנדערע דריי שטונדען.

## סימן קפב

וואָרום ענדיגען מיר אין מלכיות דעם פסוק „ובתורתך כתוב לאמר: שמע ישראל" און אין זכרונות און שופרות האָבען ניט צום ענדע אַ צוגעגעבענם פסוק?

ווייל מלכיות האט צעהען פסוקים וועלכע ענטהאַלטען דעם נאָמען „מלך" און צווישען די צעהען פסוקים געהער אויך דער פסוק „ויהי בישרון מלך". און אַזוי ווי עס גיעבט מיינונגען דאָס דיזער „ויהי בישרון מלך" מיינט מען דאָס אויף משה רבינו אָבער ניט אויף גאָט (ויקרא רבה ומדרש תנחומא פ' תשא) דאַרום פערענדיגט מען צו ליעב דיזען מיינונג מיט דעם פסוק „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד" דאָס גאָט איז איינער איבער אַלעם, און דיזער פסוק ערפילט דעם צאָהל אויך פון ספק וועגען (מהרש"ש). און מיר עראינערען ניט ראש השנה קיין „ראש חודש" זוערענד ראש השנה איז אימער „ראש חודש", דאָס איז ווייל מיר זאָגען דאָך זכרונות, און ראש חודש הייסט דאָך אויך זכרון „זכרון לכולם יהיו". און אויך זאָגען מיר „בכסא ליום חגנו" אין דעם צוגעדעקטען יום טוב, דאָס הייסט ווען די לבנה איז פאַרדעקט און דאַנמאָהל איז ראש חודש.

# סימן קפג

הארום מיר גיהען ראש השנה צו תשליך און שאקלען אב די קליידער?

ווייל די אידען קומענדיג פון בבל צוריק נאך ארץ ישראל האבען אב געטראטען פון גאטעס וועג און האבען מחלל געווען דעם שבת און געהייראטה פרויען פון פרעמדע נאציאנען, האט זיי עזרא הסופר געפיהרט צום וואסער „ויביאם עזרא אל רחוב אשר לפני שער המים" (נחמיה ח׳) און צום וואסער האט ער זיי געפיהרט ווייל אלע קעניגע האבען זיך געלאזט קריינען ביי דעם וואסער, און עזרא האט אויך געמאכט קעניגען גאט ביי דעם וואסער, און דאס איז „מלכיות" וואס מיר זאגען ראש השנה, ווייל ראש השנה האט ער זיי געפיהרט צום וואסער, און ער האט זיי פארגעלעזען די תורה ביי דעם וואסער און ערקלעהרט זיי די היסטאריע ביז זיי האבען געוויינט מיט טרערען און דאס איז „זכרונות", ווי אויך „שופרות" דער סימבאל פון פרייהייט, און נחמיה האט דאן אבגעשאקעלט זיין ברעג קלייד און געזאגט: ווען אידען וועלען ניט בעשטעטיגען די תורה זאלען זיי אויסגעטרייסעלט ווערען פון אלעס און בלייבען ארעם און ליידיג פון אלעס, און עס איז דער העכסטער אידעאל צו געהן ראש השנה צום וואסער צום הייליגען אנדענקען פון די היסטאריע, און אזוי ווי זיי האבען דאנמאהל געשווארען זיך צו פערבעסערען אויף ווייטער, און חרטה אויף די פאהריגע שלעכטעס, וואס דארום איז פון יענער צייט אן פערבליבען ראש השנה ביי אידען פאר א יום הדין דארפען מיר אויך חרטה האבען אויף דעם פאהריגען יאהריגע זינדע און זיך אויסבעסערען אויף דער צוקונפט. נאך מיינונגען וועט דער לעזער געפינען אין דעם העברעאישען „מנהגי ישרון" סימן קמ״ו פון זעלבען מחבר.

נאך א מיינונג גיעבט פאר וואס מיר געהן צום טייך און מיר בעטען דארט, ווייל דעם טאג מאכען מיר גאט קעניגען מיר זאגען „המלך הקדוש" געהן מיר צום טייך און מיר בעטען דארט, דאס זיין קעניגרייך זאל זא פיעל ציהען אויף אונז זא ווי דער טייך, אזוי ווי מיר געפינען ביי שלמה המלך ווען מען האט איהם געדארפט קעניגען האט מען איהם אוועק געפיהרט צום טייך דאס זיין מלוכה זאל זיך ציהען ווי דער טייך (מ״א ב׳).

# סימן קפד

וואָרום מיר פֿערענדיגען אין די הפטרה פֿון שבת תשובה „ופושעים יכשלו בם״ די פסוקים פֿון יואל „תקעו בחדש שופר״, ווי אויך די פסוקים פֿון מיכה „מי אל כמוך״ וגו׳ ?

דער אורקוואַל פֿון דעם צולייגען די פסוקים איז אין תוס׳ מגילה (ל״א) דאָס מען זאָל צו לייגען די פסוקים פֿון יואל, נור פֿאַר וואָס מען זאָל צו לייגען די פסוקים, שרייבט דער מהרי״ל און דער מטה משה, ווייל די הפטורה פֿון שבת שובה האָט ניט געווג פסוקים לויט דעם דין ווי פֿיעל אַ הפטורה דאַרף האָבען (ש״ע או״ח סי׳ רפ״ד), ווייל מיר דאַרפֿען האָבען זיעבען מאָהל דריי פסוקים געגען די שבעה קרואים וועלכע מ׳רופֿט אויף צו די תורה, דאַרום האָט מען דערלייגט די פסוקים פֿון יואל און מיכה, דאָס ערשטען ווייל די הפטורה שובה ענדיגט זיך ניט מיט קיין גוטע ענדע צב״ש „ופושעים יכשלו בם״, און צווייטענס ענטהאַלטען די פסוקים פֿון יואל און מיכה אויך ענינים פֿון תשובה, און ענדיגען זיך מיט אַ גוטע ענדע ווי צב״ש „ולא יבושו עמי לעולם״ אין יואל, און „תתן אמת ליעקב״ פֿון מיכה, און אַבוואָהל ער דין גיעבט אַז עס איז ניט ערלויבט צוזאַמען מישען אַ הפטורה פֿון פֿערשיי־דענע נביאים, אָבער תרי עשר רעכענט זיך פֿאַר איינעם (שו״ע או״ח סי׳ קמ״ד)

---

# סימן קפה

וואָרום מיר עסען ראש השנה אַ קאָפּ פֿון אַ שאָף און עסען זיסע זאַכען, און שלאָגען ערב יום כפור „כפרות״ מיט העגער און היהנער, און זאָגען פֿאַר דעם כפרות שלאָגען די פסוקים פֿון „יושבי חשך וצלמות״ ?

אַלס דער תלמוד האָט זיך געשלאָסען און די צווייטע עפּאָכאָ האָט זיך אָנגעפֿאַנגען וועלכע האָבען געהייסען דור הגאונים, האָבען זיי זיך נאָך דאַנמאָהל אַזוי געפֿיהרט ראש השנה און יום כפור (מרדכי יומא בשם תשובות הגאונים). צו עסען אַ קאָפּ איז צו מאַכען אַ פֿאַנטאַסטישע טהאַט דאָס עס איז בעסער צו זיין אַ קאָפּ איידער אַ עק, און פֿיעל פֿאַנטאַסטישע טהאַטען האָט גאָט געהייסען טאָהן צו די הייליגע נביאים, זאָ ווי עס ערקלערט דער רמב״ן אין פּ׳ לך לך. צו עסען האָניג איז ווייל עזרא האָט אונז ראש השנה געהייסען עסען זיסע זאַכען „אכלו משמנים ושתו ממתקים״.

און צו שלאָגען כפרות מיט עופות איז ניט דער מיינונג דאָס דער האָן איז די אומבאַטונג פאַר אונזערע זינדע, דאָס איז אויך ניט מעהר ווי אַ פועל הדמיון אַפאַנטאַסטישע טהאַט, אָבער דאָס האָט גרויסע נוטצען, דען די־זע עופות האָט מען געמוזט אָבגעבען צו אָרעמע וועלכע פאַרמאָגען ניט צו האָבען אַ לייכטען עסען צו פערפאַסטען און אָב צו פאַסטען, און ווען מיר עסען אַליין די־זע עופות, מוזען מיר בעצאָהלען מיט געלד פון זייער ווערטה (פדיון כפרות) צו די אָרעמע שוואַכע קראַנקע, אַלטע און יתומים מיט אלמנות. און דער תשובות הגאונים שרייבט דאָס פאַר יעדען פון הויז געזינד זאָל מען געבען אַ עוף צו כפרות, און פאַר כפרות צו זאָגען די פסוקים פון „יושבי חושך", ווייל אַלס דער בית המקדש איז געשטאַנען האָבען די וועלכע זיינען געזעסען אין געפיינגעניס און זיינען פריי אַרויס, און די וועלכע זיינען איבער געפאָהרען אַ ים, און די וועלכע האָבען געבלאָנדזעט אין אַ וויסטע, און געקומען בשלום, און די וועלכע זיינען קראַנק געוועזען און געזונד געוואָרען, די אַלע האָבען געבראַכט אַ קרבן תודה אַ דאַנק־אָפּפער אין בית המקדש, אָבער נאָך דעם חורבן בית המקדש וואו קיין קרבנות איז געוועזען מקריב צו זיין, און עס איז אויף געשטאַנען שלעכטע קעניגע און האָבען געדריקט אידען אין גלויבען וועלכע האָבען זיך גערופען גזרת השמד, און אַלע האָבען געברויכט צו אַ קרבן תודה, ווייל אַלע זיינען געשטאַנען אין געפאַהר פערניכטעט צו ווערען, האָט מען די־זע קרבן תודות פערניצט פאַר אָרימע לייט אַלטע און שוואַכע, און ערב יום כפור איז געוועזען דער טאָג וואָס מען האָט זיי גע־געטהיילט זייער הספקה, און די־זע כפרות שלאָגען די העהנער מיט די היהנער זיינען געוועזען אָנשטאָדט דעם קרבן תודה צו געבען די צדקה אָדער די עופות פאַר אָרימע, און דאַרום זאָגען מיר די פסוקים „יושבי חושך וצלמות" וועלכע ענטהאַלט די פיער סכנות'ען וואָס מען ברויכט צו געבען אַקרבן תודה. און דער זאָגען „זה חליפתי" איז ניט מעהר ווי אַ פועל הדמיון. אַ וויסען האָהן אויף כפרות שלאָגען, זאָגען די גאונים אַז דאָס איז אַ פיהרונג פון גוים, דרכי אמורי (הרשב"א והרמב"ן).

---

# סימן קפו

וואָרום מיר רופען שבת „שובה" מיט אַ צוגעלייגטען תיו שבת „תשובה"?

צו בעווייזען אַז דער מענש זאָל ניט שטאָלצירען און זאָגען אַז ער האָט געלערנט גאַנץ תורה פון אַלף ביז תיו, דען ער האָט נאָך ניט אָנגע־

פאַנגען זאָגאַר פון אלף און ער מוז צוריק אָנפאַנגען לערנען, און אַזוי ווי דער שבת איז דער תקון פון די גאַנצע וואָך, אַזוי איז דער לעצטער שבת דער תקון פון די אַלע שבתים, דאָס הייסט דער „תיו" ענדע פון אַלע שבתים, ווען ער דענקען אַז ער האָט מתקן געווען דעם גאַנצען יאָהר, דאַרום האָט מען געשטעלט דעם „תיו" צו שבת שובה, און נערופען איהם שבת „תשובה" צו איבערצייגען דאָס ער מוז צוריק אָנפאַנגען פון אלף און מוז מתקן זיין דעם ערשטען שבת, דען נאָך „תיו" קומט אַיין „א" (ברית אברהם).

---

# סימן קפז

**וואָרום מיר שפרייטען אוים היי אויף דעם באָדען „יום כפור" אין די שוהלען?**

פיעלע דענקען דאָס די היי אונטער די פים יום כפור אין שוהל האָט מ'שפרייהט אוים איז נור אום עם זאָל לייכטער זיין צו שטעהן, אָדער ניט צו פאַרקעלטען די פים ווערלכע זיינען כמעט באָרפוס אָהנע שיך, עס איז אָבער ליידער א טעות, אָבוואָהל דער מרדכי זאָגט (מרדכי יומא סי' תשכ"ו) דאָס זאָגאַר בעט-געוואַנט מעג מען ברייננגען אין שוהל צו שטעהן אויף זיי אום זיך ניט צו פערקיהלען, און רבה בר רב הונא פלעגט יום כפור אונטער די פים אוועקלייגען בגדים (יומא דף ע"ח), אָבער דאָס אַלעס איז ניט צו ליעב פערקעלטערונג, נור דאָס קומט פון חז"ל (מגילה דף כ"ב) דאָס רב איז ניט געפאַלען כורעים יום כפור, ווייל דער פסוק זאָגט (ויקרא כ"ו) דאָס קיינע שטיינער זאָלט איהר אין אייער לאַנד געבען צו בוקען זיך צו זיי, און דאָס מעהרערע שוהלען האָבען שטיינערנע באָדענס, און ווען זאָגאַר די פליאָר איז פון האָלץ, קען אונז ניעמאַנד גאַראַנטירען דאָס אונטער די ברעטער פון באָדען זאָלען ניט זיין קיין שטיינער, דאַרום שפרעהט מען אוים מיט היי אום דאָס ווען מיר פאַלען כורעים זאָל ניט זיין אויף דעם באָדען נור אויף די היי, און ראש השנה דאַרף מען ניט קיין היי ווייל ראש השנה קניהען מיר זיך און בוקען אָבער מיר פאַלען ניט אויף דעם פנים אַזוי ווי יום כפור (השל"ה עמוד העבודה דף רכ"ח, ועטרת זקנים סי' תרכ"א).

---

# סימן קפח

**וואָרום מיר רופען די פיוטים פון ראש השנה, יום כפור און שלש רגלים מיט דעם נאָמען „מחזור" ?**

די אַלע אויפגעזאַמעלטע פיוטים פון דעם גאַנצען יאָהר האָבען די לעצטע אַ נאָמען געגעבען „מחזור". ווייל די ווידערהוילונג פון די יאָהרען רופט זיך אויך „מחזור", נאָך די בעשטימטע תקופות, און דער וואָרט „מחזור" בעדייטעט צו ווידערקעהרען זיך אויף צוריק אויף דאָס זעלבע וואָס ס'האָט אָנגעפאַנגען (הרוו"ה בבאורו על המחזור וכן דעת בעל הערוך השלם).

# סימן קפט

**וואָרום מיר זאָגען „כל נדרי" מיט אַ טרויעריגען ניגון ?**

מיר זאָגען „כל נדרי" מיט אַ טרויעריגען ניגון וועלכער צו ברענגט די האַרץ, ווערענד אין די ערקלעהרונג פון „כל נדרי" איז נאָר ניטאָ אויף וואָס צו טרויערען, נאָר דיעזער טרויעריגער ניגון קומט פון די שפּאַנישע פער־פאָלגטע אידען וועלכע זיינען געוועזען געטויפט, און אין געהיים פלעגען זיי זיך פערזאַמלען יום כפור אין הייליגען אָדער טיעפע געהיימע טאָהלין צו דאוונען, און אַזוי ווי זייענדיג געצוואונגען קריסטען האָבען זיי אָנגענומען שבועות, און חרמות און נדרים אונטער דעם קריסטליכען גלויבען, ווערענד זייער האַרץ איז נאָר צו דעם אידישען גלויבען, האָבען זיי בעפאָהר די תפלות פון יום כפור פאַר דעם גאַנצען קהל מבטל געוועזען זייערע פאַלשע שבועות, חרמות און נדרים, און אַזוי ווי זייערע הערצער זיינען געוועזען פערביטערטע איז בעשאַ־פען געוואָרען דיעזער טרויעריגער ניגון וועלכען אידען האָבען אָנגענומען אויף אייביג דיעזען ניגון ניט אום צו בייטען, אָבער אין אונזערע לענדער וואו מיר האָבען רעליגיאָנס־פרייהייט, און מיר האָבען דאָס רעכט צו שווערען אַ שבועה אין אונזער גלויבען, זיינען מיר מעהר ניט מבטל אונזערע שבועות און נדרים וועלכע ניט פאָרזיכטיגערהייט שווערען מיר און זאָגען צו אָהנע אַ פאַרוואָס (לקוטי צבי).

דער „כל נדרי" איז בעשטימט געוואָרען צו זאָגען גאָר אַלאַנגע צייט נאָך חתימת התלמוד, און ער איז געגרינדעט אויף די ווערטען פון דער גמרא (נדרים כ"ג) דער וואָס וויל דאָס זיינע נדרים זאָל קיינע ווערטה האָבען, זאָל

י׳ - זאָגען ערב ראש השנה די ווערטען: „יעדען נדר וועלכע איך וועדע אַרויס־שפּרעכען פון היינט אָן, זאָל ער קיינע ווערטה האָבען”. און אין די צייט פון רב נטרואי גאון וואָס ער האָט געלעבט אין דריי הונדערט יאָהר נאָך חתימת התלמוד, איז נאָך אין זיין צייט ניט בעשטימט געוואָרען צו זאָגען דעם „כל נדרי” אומעדום (וועגען דעם איזט פילע גערעדט אין פתיחה לכל נדרי להרוזה״ה בספר קרובות).

און וואָס מיר זאָגען דריי מאָל „כל נדרי” שרייבט דער ר״ת, וויל דאָס מעהרערע ווערטען פון די חכמים איזט געדריטעלט ווי צב״ש: מגל זו, מגל זו, מגל זו; קופה זו, קופה זו, קופה זו״ (מנחות ס״ה) און אַזוי ווי: מותר לך, מותר לך, מותר לך, און אַזוי ברייננט דער מחצית השקל (או״ח סי׳ תרי״ט). און פאַר וואָס דער חזן זאָגט דאָס בקול רם, איזט עס אום צו ערויינערען דעם צבור אויף די נדרים, און פיליכט האָט ווער עס ניט בעמערקט, זאָגט דער חזן דעם צווייטען מאָל העכער, און פיליכט גיעבט עס דאָס איינער האָט דאָך ניט בעמערקט, זאָגט ער צום דריטען מאָל פיל מאָל העכער, אום אַלע וועלכע געפינען זיך אין שוהלע, זאָלען זיין אויפמערקזאַם אויף די נדרים אום זיי מבטל זיין (לבוש או״ח תרי״ט). דאָך אָבער ווען יעמאַנד טוהט זיך אַ נדר אין יאָהר צייט, קען ער זיך ניט פערלאָזען אויף דעם „כל נדרי” און מוז האָבען התרת נדרים פון אַ רב אָדער פון דריי אידען.

---

## סימן קצ

ווארום ראש השנה און יום כפור עפענען מיר דעם אָרון קודש צו „עלינו לשבח”?

וויל „עלינו לשבח” איז איינע ערהאַבענע תפלה וועלכע יהושע בן נון האָט פערפאַסט ביי דעם בעזיעגען די שטאָדט יריחו, און דיעזע תפלה ענטהאַלט דעם קאָנטראַסט פון אונזער הייליגע אמונה געגען די מיטעלאַניש נעמער. און אַזוי ווי דער עפענען דעם ארון קודש איז דער עבענבילד פון דעם כהן גדול וועלכער פלעגט אַריין אין קדשי קדשים ניט מעהר ווי איין מאָהל אין יאָהר, און דאָס איז געוועזען די פערגעטערטהייט אין דעם אַלהעכסטען הייליגטהום, האָבען מיר אויסגעקליבען דאָס צו די ערהאַבענדע הייליגע און אידעאַלישע תפלה „עלינו לשבח” צו עפענען דעם ארון קודש צום אַנדענקען פון כהן גדול אין קדשי קדשים, אויך זאָל דאָס פאָלק זיך פיהלען דאָס אָבוואָהל מיר זאָגען „עלינו לשבח” צו דריי מאָהל טעגליך, זאָל דאָס פאָלק דיעזע תפלה ניט האַלטען פאַר ביליג און אַוועק מאַכען אונטער דעם האַנד, בעצייכנט מען

דאָס פֿאָלק ראש השנה און יום כפור ווי הייליג דיזע געבעט איז, ווערט ניעמאַנד ביליג שוין מאַכען די תפלת „עלינו" אויך דעם גאַנצען יאָהר, (לבוש או"ח קל"ג).

# סימן קצא

ווארום זאָגען מיר צו נעילה זיעבען מאָל „ה' הוא האלהים"?

דאָס איז איבער די אנערקענונג די גאָטהייט וועלכע איז העכער פֿאַר די זיעבען הימלען. אויך אליהו הנביא האָט געזאָגט צוויי מאָהל „ה' הוא האלהים", און דער זאָגען „שמע ישראל" ניט מעהר ווי איין מאָהל, און ניט איינינע מאָהל, ווייל „ה' אחד" גאָט איז איינער, און אז מיר וועל זאָגען צוויי אָדער דריי מאָהל די וועלבע, ווערט אויסזעהען ווי מיר בעטען צו איינינע געטער (ברכות ל"ג ושם בתוס' ל"ד), און מיר זאָגען דריי מאָהל „ברוך שם כבוד מלכותו" איז געגען די עווינקייט און אונענדליכקייט פֿון גאָט „ברוך הוא" וועלכע ענטהאַלט אין דעם פסוק „ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד" (הלבוש סימן תרכ"ג).

# סימן קצב

ווארום מיר בלאָזען איין תקיעה נאָך דעם ענדיגען דעם לעצטען נעילה-קדיש?

דער טור (סי' תרכ"ד) שרייבט דאָס דער בלאָזען שופר ענדע נעילה איז צום אנדענקען פֿון יובל וועלכעס פֿלעגט אימער זיין דעם פֿונפֿציגען יאָהרינען יום כפור, נור דער הגהות מיימון שרייבט אז דאָס איז א טעות, דען זאָנסט האָט מען געבראוכט צו בלאָזען שופר יום כפור'דיגען טאָג און ניט צום ענדע, און אייך ניט מעהר ווי אין א יובל יאָהר, אבער ניט אלע יאָהר, נור דיזער בלאָזען שופר קומט פֿון א מדרש, דאָס מוצאי יום כפור שרייט אוים א בת קול: געהט עסט מיט שמחה אייער ברויט „לך אכל בשמחה לחמך וגו'" איז דער בלאָזען שופר צום ענדע נעילה, ניט מעהר ווי א סיגנאַל צו געהן א היים פֿאַרברייטען דעם עסען פֿאַר די קינדער און פֿאַר זיך, און אז עס איז שוין נאַכט (תוס' מס' שבת קי"ד וכן אמר ר"ם). דער רוקח שרייבט: דאָס דיזער בלאָזען שופר איז צו איבערציינען דאָס

מיר האבען בעוויזען דעם שטן. דער כלבו שרייבט: דאס מיר פערטומלען דעם שטן וועלכער וויל אנפאנגען כוצאי יום כפור ווידער אונז צו בעהערשען.

# סימן קצג

**וואָרום מיר לייענען „קהלת" אין דעם שבת פון חול המועד סוכות?**

אזוי ווי עס גיעבט א געבאט פון גאט (דברים ל"א) דאס אין דעם יום טוב סוכות ווען אלע אידען קומען צו זאמען אין בית המקדש זאל מען פערזאמלען דאס פאלק און ערקלעהרען זיי די געטליכע לעהרע, זאגאר די פרויען און קליינע קינדער, און ווירקליך געפינען מיר אז דאס פאלק האבען זיך פערזאמעלט סוכות צו דעם קעניג שלמה (מלכים א' ח') אום צו פריידיגען פאר זיי די מאראלישע לעהרע (אבודרהם בשם אבן הירחי), און אזוי ווי דיעזער יום טוב איז דער פרעהליכסטער יום טוב, ווען די קעלטערען און די שאייערען זיינען פולל מיט וויין און קארען און פרוכט, און לויט חז"ל וועלכע האבען געווארענט דאס פאלק דאס די פריידע פון שמחת בית השואבה וועלכע איז אין די צייטען פון בית המקדש געוועזען די העכסטע פריידע, זאל אבער דאס פאלק ניט איבערהאפען די מאס און פארגעסען דאס דיעזע אלע פריידע זיינען נור געטליך איהם צו דאנקען, דארום האט מען בעשטעטיגט צו לייענען „קהלת" וועלכע פריידיגט מאראל, און „סוף דבר את אלהים ירא". פאר גאט האב רעספעקט, ולשמחה מה עושה, און מיר מאכען סוכות דיעזען יום טוב דוקא אין מאנאט תשרי און לויט דעם אנדענקען וואס אידען זיינען ארויס פון מצרים און געזעסען אין סוכות „כי בסכות הושבתי את בני ישראל בצאתם ממצרים" האט דאך געקאנט זיין סוכות אין א אנדער מאנאט? נור דעם אבן עזרא זאגט, ווייל דער וואלקען האט געדיענט פאר די אויס וואנדערער פון מצרים אום די זון זאל ניט זיי שאדען „כי ענן ה' היה על המחנה יומם והשמש לא יכם", אבער תשרי דיעזער מאנאט ווערט שוין קאלט און די זון שלאגט ניט מיט זיינע שטראהלען די רייזענדע, און זיי האבען זיך גענייטיגט אויף צו שטעלען סוכות צו בעשיטצען זיך פון קעלט „וזה גם לדעת ר' אליעזר האומר סכות ממש" (סוכה ז').

און פאר וואס מיר לייענען ניט אין צוויי ספרי תורות חול המועד סוכות אזוי ווי חול המועד פסח? ווייל פסח גיעבט אייניגע פרשיות אין די תורה גערעדט וועגען פסח, אבער וועגען סוכות איזט נור גערעדט אין דער תורה נור אין איין ארט, נור די קרבנות זיינען פערשיידען פון יעדען טאג, דער פאר לייענען

מיר דעם גאַנצען חול המועד נור מער ניט ווי אין איין תורה, אויסער שבת חול המועד (אבודרהם).

---

# סימן קצד

**וואָרום רופט זיך „הושענא רבה"? און וואָרום איז דיעזער טאָג א „יום הדין"? און וואָרום זאָגט מען ניט אין איהם „נשמת" עס איז דאָך יום טוב, און וואָרום שטעלט מען א ברענענדע ליכט אין ארון קודש ווען מען נעמט ארויס די ספרי תורות צו הקפות. און וואָרום שוואַנגערע ווייבער בייסען אָב דעם „פטום" פון אתרוג אום הושענא רבה?**

פערצייטענס איז מען סוכות יעדען טאָג אַרום געגאַנגען אַרום מזבח און געזאָגט „אנא ה' הושיעה נא" און דעם זיעבטען טאָג איז מען אַרומגע־גאַנגען זיעבען מאָהל האָט מען אין איהם געזאָגט „הושיעה נא". און מיר צום אָנדענקען געהען מיר אַרום מיט אונזערע אתרונים אַלע טאָג אויך צו איין מאָהל. און הושענא רבה צו זיעבען מאָהל. און אַז הושענא רבה איז אַ יום הדין איז גענומען פון מדרשים אַז גאָט האָט געזאָגט צו אברהם איך בין דער איינציגער גאָט און דו ביסט דער איינציגער ערפינדער די גאָטהייט, דאַרום וויל איך פאַר דיינע קינדער געבען אַ איינציגען טאָג צום פערצייהען זייערע זינדע וועלכער וועט הייסען הושענא רבה, און אַזוי קענען מיר דאָס דענקען איך בין דער איינציגער גאָט מיט דעם נאָמען „אהיה" וועלכער בעטרעפט איין און צוואַנציג, און דו אברהם ביזט דער איינאינצוואַנציגסטער דור פון אדם הראשון. און הושענא רבה איז דער איינאונצוואַנציגסטער טאָג פון מאָנאַט תשרי, און ווען דיינע קינדער וועלען קיין פערצייהונג האָבען ראש השנה און אויך ניט יום כפור, זאָלען זיי פערצייהעט ווערען הושענא רבה מיט די פעראייניגונג פון אונז דריי איך, דו און דער טאָג (בהגהת מנהגים).

און דאַרום איז ריכטיג דאָס דעם טאָג זאָל מען האַלטען ענהגליך צו יום כפור מיט פיעל ליכט, און געהן טבילה, און אָבוואָהל אין דעם תלמוד איז קיין מקור דאָ אַז הושענא רבה איז אַ יום הדין, ווי אויך ניט דער ווילנער גאון האָט אַ מקור געוויזען, נור הרב הגאון ר' דובער באמפי האָט יאַ געפונען מיינונגען אין ירושלמי (מס' ר"ה פ"ד הלכה ט') דאָס רבי יונה האָט געזאָגט אויף דעם פסוק „ואותי יום יום ידרשון" אַז דאָס איז ראש השנה און הושענא רבה עבענזאָ ווי יום כפור. און דעם ניט זאָגען „נשמת" גיעבט אַ מיינונג

דער שערי תשובה (באו"ח סי' תרס"ד), און צו אריינשטעלען א ברענענדע ליכט ווען מען נעמט ארויס אלע ספרי תורות צו הקפות, איז ניט מעהר וויל אימער שטעהען מעהרערע ספרי תורות, און מען בענוצט זיי ניט מען עפענט אוויילע דעם ארון קודש און מען נעמט ארויס איין ספר תורה און אמאהל צוויי, און זאגאר ווען עס קומט אויס צו לייענען אין דריי ספרי תורות אבער מעהרערע בלייבען אין ארון קודש שטעהען, און די גרויסע בתי מדרשים וועלכע האבען ביי צעהען ספרי תורות אין ארון קודש, און מאנכעס מאל קען דענקען יעמאנד אז וואס עס איז ניט קיין היליגעס ווירד בעהאלטען אין ארון קודש, און מען בעווייזט דאס ניט פאר דעם פאלק. דארום שטעלט מען אריין א ליכט אין דעם ליידיגען ארון קודש גראדע א ברענענדע ליכט צו צייגען אז קיינע בעהעלטעניסע בעזאנדערס גיעבט אין ארון קודש (שר העדלמי).

דער אב בייסען דעם פטום וואס פרויען שוואנגערע בייסען איהם אב צו הושענא רבה, איז וויל דער עץ הדעת וואס חוה האט געגעסען איז געווען א אהרוג, און חוה האט פון דיעזע פרוכט געגעסען וועלכע האט א טעם און א ריח, איבערצייגט די פרוי דאס נור דעם פטום בייסט זי אב וועלכער האט ניט קיין טעם און ניט קיין ריח. און זי וויל ניט טאן ווי חוה, און זי גיעבט צדקה און בעט דורך דעם זכות דאס איהר קינד וואס וועט געבארען ווערען זאל זיין געזונד און געהן אין א אידישען וועג. צו זיין וואך און לערנען הושענא רבה נאכט, ברייננט דער זוהר פ' אמור און דער סדר היום דאס איז צו פערפערטיגען זיך מארגענדען טאג צום ענדע יום הדין.

---

# סימן קצה

**וואָרום מען טרייסעלט דעם לולב אין „אנא ה' הושיעה נא" און ניט אין „אנא ה' הצליחה נא"?**

וויל ביידע זיינען איין פסוק, און צוויי מאהל אויף איין פסוק טרייסעלט מען ניט (חדושי רב"ש), און דער אבודרהם זאגט: דאס דער טרייסלען דעם לולב אין אלע פיער זייטען איז אבצוהאלטען די שלעכטע גייסטער מיט זייער שטן, דארום ביי „הושיעה נא" פאסט דער טרייסלען דעם לולב אבער ניט ביי „הצליחה נא".

---

# סימן קצו

ווארום דער חזן שטעהט מיט א תורה „הושענא רבה" אויף די בימה און דאס פאלק רינגעלט איהם ארום ?

ווי מיר האבען פריהער געשריבען איז מען אין דעם בית המקדש יעדען טאג סוכות ארום געגאנגען איין מאהל ארום דעם מזבח און הושענא רבה זיעבען מאהל, קליינע ווי גרויסע האבען די לולבים געהאלטען אין די רעכטע האנד און די אתרוגים אין די לינקע, און זיינען אזוי ארומגעגאנגען דעם מזבח זיעבען מאהל צום אנדענקען וואס יהושע איז ארום געגאנגען ארום יריחו אלע טאג צו איין מאהל און דעם זיעבעטען טאג זיעבען מאהל. און ווען עס איז ניט קיין מזבח, שטעהט דער חזן מיט א תורה אין מיטען צום אנדענקען פון דעם ארון הקודש וואס די כהנים האבען געהאט מיט ביי דעם ארום געהן יריחו און דאס פאלק האבען איהם ארומגעדינגעלט (ילקוט תהלים סי' תש"ג). איין אבל דארף ניט ארומרינגלען מיט דעם לולב, און זאגאר די גאנצע צוועלף מאנאטען אויב ער איז איין אבל אויף פאטער אדער מוטער, ווען אבער דער אבל איז איינער פון די ווילכטיגסטע פון שטאדט מוז ער ארום געהן מיט זיין לולב.

---

# סימן קצז

נאך ענדע הושענות ווארום רופט אוים דער חזן „למען דעת כל עמי הארץ" וגו' מיט א הויכע שטימע ?

וויל סוכות האט מען מקריב געווען זיעבעציג שטירען (אקסען) פאר דעם יום טוב געגען די זיעבעציג נאציאנען וועלכע האבען זיך געציידהלט אין יענע צייט, דארום רופט איים דער חזן „למען דעת כל עמי הארץ" דאס אלע נאציאנען דארפען וויסען דאס גאט איז איינער און ווינשט דעם פריעדען פון דער גאנצער וועלט (הרה"ג רב דשאקי אמר לי), דעם רעכענונג ווי און ווארום מיר בייטען אום די פיוטים פון די הושענות קען דער לעזער געפינען אין מיין העברעאישען „מנהגי ישרון" (סימן קס"א).

---

# סימן קצח

וואָרום מיר שלאָגען אָב די הושענות „הושענא רבה" פינף מאָל און דוקא אָן דער ערד (באָדען) ?

ווי מיר ווייסען איז דאָס אַ מנהג נביאים, נאָר מיין מיינונג איז צו ציינען, אונזער פאָלק דאָס מיר זיינען דער סימבאָל פון דער ערבה, וועלכע וואַקסט ניעדעריג, אַזוי זיינען מיר אויך צווישען די נאַציאָנען פון דער וועלט וועלכע האלם אונז נידעריג און פעראַכטעט אין אונזער גאַנצען גלות לעבען, וועלכען מיר האָבען אליין פאַרדינט איבער אונזערע זינד, און דאָך האָט אונז גאָט פערשפּראָכען אַז מיר וועלען נים אונטערגעהן פון דער וועלט אַזוי ווי אַנדערע נאַציאָנען זיינען מיט דעם שטראָם פון דער ציים אונטערגעגאַנגען און זיינען ניר געבליבען אַלס היסטאָרישער דענקמאַהל, נור אידען גיעבט ער צווישען די נאַציאָנען זיי נור צו קלאַפּען און שלאָגען אָבער נים צו פער- ניכטען, און אַזוי ווי שלאָגענדיג די הושענא אָן דעם ערד באָדען, אַזוי מאַכט מען אונז ניעדעריג ביז צו דער ערד, נור אַזוי ווי שלאָגענדיג די הושענא קען נור איינינע בלעטער אַרונטערפאַלען און די איבעריגע בלייבען, אַזוי ווי פיעל מען שלאָגט אידען דאָך עקזיסטירען מיר אויף אייביג, און דוקא צווישען אַלע נאַציאָנען. און דער צייכען פון פינף מאָל צו קלאַפּען די הושענא, בעצייכענט די פינף גלות'ן וועלכע אידען זיינען דורך געגאַנגען, גלות מצרים, גלות בבל, מדי, גריכען, און רוים. וואָס דיעזער איז דער לעצטער גלות, און מיר האָפען צו גאָט דאָס דאָך צום ענדע וועט ער אונז ברייננען אין אונזער אַלטע היים מיט אַ גאולה שלמה. נאָך מיינונגען איבער דעם שלאָגען די הושענות און איבער דעם איבער זאָגען „קול מבשר ואומר" איינינע מאָהל געפינט זיך אין דעם לשון קודש'דיגען „מנהגי ישרון" מיינונגען פון געוויסע חכמים, און פון חכמי התלמוד.

---

# סימן קצט

וואָרום מיר רינגלען אַרום שמחת תורה די בימה זיעבען מאָל אונטער דעם נאָמען „הקפות"?

דער אַרומגעהן אַרום די בימה זיעבען מאָהל איז אויך דאָס זעלבע ווי מיט דעם לולב און אתרוג, אויך צום אַנדענקען פון די שטאָדט יריחו, נור-

שמחת תורה נעהען מיר אַרום מיט די ספרי תורות צו צייגען דאָס פאָלק דאָס זאָ ווי מיר האָבען געענדיגט די תורה אַזוי מוזען מיר איהר אָנפאַנגען צוריק, און אַזוי ווי מיר געהען איצט מיט איהר אַרום, זאָלען אין אַכט נעמען אונזערע קינדער אַז אייביג געהען מיר אַרום מיט איהר און מען קען ניט אַוועקרייבען פון אונז דעם הייליגען אוצר, און אויף אייביג וועלען מיר מיט איהר גייהן, און אום צו פערזינטערעסירען אונזערע קינדער גיבען מיר זיי פאָנעס מיט איין אָנגעצונדענע ליכט וועלכע זיינען אויך דער סימבאָל פון די תורה „כי נר מצוה ותורה אור" און זיי געהען אויך מיט אונז אַרום, זיי צו איבערציינען אונזער עוויגקייט, וואָס מיר האָבען נור צו פערדאַנקען אונזער הייליגע תורה, און מיר מוזען איהר היטען מיט אונזער גאַנצען לעבען, וויל נור די תורה קען אונז בעשיטצען פון פרעמדע פיינדע און פון אייגענע אַסימילאַנטען. און אַזוי ווי די קליינע קינדער טראָגען די ליכט און זיי לייכטען, אַזוי וועט אייביג בלייבען די תורה אונזער בעלייכטונג.

---

# סימן ר

וואָרום מיר שרייען אויס „ויהי ערב ויהי בקר" שמחת תורה אַלס מ'רופט אויף דעם חתן בראשית, און אויך וואָרום רופען מיר איהם אויף דריי מאָל „עמוד, עמוד, עמוד" מיט זיין נאָמען?

וויל עס האָבען געגעבען מעהרערע אַפיקורסים וועלכע האָבען געגלויבט דאָס עס גיעבען צוויי געטער, איינער וועלכער האָט די ליכטיגקייט בעשאַפען, און איינער וועלכער האָט די פינסטערניס בעשאַפען, מיט איינעם וואָרט איין גאָט אַ גוטער דער צווייטער אַ שלעכטער, זאָ ווי איין אַבלייקענער האָט געפרעגט דעם רבן גמליאל דאָס דער גאָט וועלכער בעשאַפט בערג בעשאַפט ער ניט דעם ווינד (סנהדרין ל"ז) און ווי קען ער בעשאַפען פינסטערניס ווערענד דאָס פינסטערניס איז דאָך דער קאָנטראַסט פון ליכטיגקייט, פרעגען זיי ווי קומט דער פסוק „יוצר אור ובורא חושך" דאָס גאָט האָט ביידען בעשאַפען ווי איז דאָס מעגליך, גענוג איז דאָס ליכט בעשאַפונג, דען ווען ניט ליכט איז דאָך במילא פינסטער, נור אונזערע געלעהרטע (חגיגה י"ב, חדושי אגדות מהרש"א בגמ' דהמיד. אדרת אליהו מהגר"א רד"ק, ר' משה מרעסוי על הפסוק הזה ועוד) גיעבען איבערציינגען די ריכטיגע ערקלעהרונגען, דאַרום ביי דעם אָנפאַנג לייענען בראשית, שרייען מיר אויס ויהי ערב ויהי בקר, צו בעפעסטיגען דעם גלויבען דאָס נאַכט און טאָג איז פון איין גאָט בעשאַפען און ביז

נאך יום הששי צו איבערצייגען אויף די בעניאונג פון די וועלט און אויף די היילינגקייט פון שבת. און מיר רופען אויף דעם חתן בראשית מיט דריי מאהל „עמוד", וויל דער יודענטהום בעשטעהט אויף די דריי זאכען: תורה, און עבודה און גמילות חסדים, און אזוי ווי דער חתן תורה דארף אויף זיך נעמען צו אונטערשטיצען די דריי פונדאמענטען, רופט מען איהם אויף הויך מיט זיין נאמען אום דער קהל זאל וויסען ווער עס נעהמט אויף זיך די גרינד־ליכע פליכטען אויף וואס דער יודענטהום בעשטעהט.

# סימן רא

### ווארום רופט מען „חנוכה"?

חנוכה הייסט מיט דעם נאמען בעניאונג, וויל אין די צייט האט מען בעניט דעם בית המקדש, און דאס איז אויך מרמז אויף די בעניאונג פון דער גאנצער וועלט, וויל די וועלט איז נאר בעשאפען צוליעב די נוצבארקייט פון אונזער היילינגע און אלערהעכסטוויסענשאפטליכע תורה מיט איהרע אידעאלנע געבאט (בשביל התורה והמצוה), און די גריכען האבען געוואלט פערניכטען פון אידען זייער תורה מיט די מצות און אלס די חשמונאים האבען זיך געשטארקט און האבען בעזיגט די גריכען, האט זיך אויך געשטארקט די תורה מיט איהרע געבאט, און ממילא האט זיך די אידישע וועלט זיך שטארק בעפעסטיגט, און אזוי ווי די וועלט איז בעשאפען געווארען פינף און צוואנציג טעג אין אלול, אזוי איז חנוכה פינף און צוואנציג טעג אין מאנאט, און אזוי ווי די ערשטע אויסרוף נאטעס איז געווען „יהי אור" עס זאל ליכטיג זיין, צינדען מיר אויך חנוכה אן ליכט. און אזוי ווי די ערשטע ליכט איז געווארען בעהאלטען, אזוי בענוצט מען זיך אויך ניט מיט די חנוכה ליכט, און דערווארט „יהי" אור בעטרעפט אויך פינף און צוואנציג (השל"ה דרוש צאן יוסף). דער טור שרייבט (סי' תע"ר) דאס מען רופט חנו־כה די אידען האבען אנגעפאנגען רוהען אין דעם פינף און צוואנציגסטען טאג אין כסליו, 165 יאהר פאר קריסטליכען רעכענונג, וואס דאנמאהל האבען די חשמונאים בעזיגט די גריכען, און מען צינדעט אן חנוכה ליכט מיט איין עקסטרא ליכט וועלכע הייסט „שמש" איין בעדינענדע ליכט פאר אנדערע ליכט צו געבענדיג יעדען טאג א ליכט איז צו זאמען זעקס און דרייסיג ליכט דער צאהל איז ויזרח „לו" השמש, און עס האט בעשיינט זעקס און דרייסיג ליכט דער שמש.

און דאָס וואָס די חז"ל האָט בעשטעטיגט דעם חנוכה צו פייערען נור אויף דעם נס פון פך השמן און ניט אויף דעם נס וואָס די חשמונאים האָבען געזיגט די מלחמה, איז עס נור אום ניט צו ערוועקען די קנאה פון די פעלקער אויף אונז, דאָס די פעלקער זאָלען ניט זאָגען, מיר פייערען אויף זייער אומגליק. אויך ווידער צו פערשענערען דעם פייערטאָג (חנוכה) מיט דעם הייליגקייט (מיט דעם אָנצינדען חנוכה ליכט). און דאָס וואָס די פרויען זיינען זיך נוהג, ניט צו טאָן קיין מלאכה ווען די חנוכה ליכט ברענען, אום צו איבערצייגען, דאָס מען טאָר זיך ניט בענוטצען מיט די שיין פון די חנוכה ליכט, און די פרויען האָבען אויף זיך גענומען צו היטען דאָס אַלס, ווייל די הילפע איז עס געקומען נור דורך אַ פרוי (מ"מ סי' תתקצ"ד, ועי' רש"י שבת כ"א). אין שוהל בענשט מען פאָרהער חנוכה ליכט און נאָכהער הבדלה, און צו הויזע איז פאַרקערט, הבדלה פאַר בענטשען חנוכה ליכט, איז דער פאַר, ווייל מעגליך פערגעסט יעמאַנד צו זאָגען אין שמו"ע „אתה חוננתנו", טאָר ער דאָך ניט אָנצינדען קיין ליכט (עי' באר היטב סי' תרפ"א), און ווען אויך ער קען דאָך זאָגען המבדיל, דאָך אָבער ווייל פיעלע פוסקים זאָגען אַז הבדלה גיהער מען פריער מאַכען. איז דער יחיד קען אין שטוב טאָן ווי ער טוט, אָבער דער צבור אין שול טאָר ניט אַנדערש טאָן נור פריער חנוכה ליכט דער נאָך הבדלה.

---

# סימן רב

וואָרום מיר צוברעכען אַ לייםענע כלי צו תנאים און צו דער חופה אַגלעזערנע כלי?

דען ווען אַ לייםענע כלי ווערט צו בראָכען קען מען שוין ניט גאַנץ מאַכען, און אַ גלעזערנע קען מען יאַ צורעכט מאַכען, דאַרום זאָגט דער גאון מווילנאָ בס' „שערי רחמים" דאָס עס איז בעסער זיך צו גט'ען איידער צו דייסען אַ תנאים, און אין אַלגעמיין דער צוברעכען אַ כלי איז ניט מעהר דאָס די שמחה זאָל ניט פאָלקאָם זיין, ווייל די אידען האָבען נאָך דעם חרבן בית המקדש געשוואָרען ביי די טייכען פון בבל, דאָס אין די גרעסטע פריידען וועלען זיי דעם טרויער פון ירושלים ניט פאַרגעסען, און צו ברעכען אַ גלעזערנע כלי איז גענומען פון תלמוד (ברכות ל"א עיין שם בתוס'), און אָבוואָהל צו ברעכען בלים פאַר גאָר נישט איז יענער עובר אויף „בל תשחית"

(רמב"ם פ"י מהלכות מלכים) אָבער ביי תנאים און חתונה האָט יאָ איין אורזאַך דער צוברעכען ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט.

# סימן רג

וואָרום מיר רופען אויף צו די תורה אַ חתן דעם שבת וואָס פאַר די התונה און דעם שבת וואָס נאָך די חתונה ?

ווייל דער מסכת סופרים (פ' י"א) דערצעהלט ווי אויך דער פרקי דר' אליעזר (פרק י"ז) דאָס אַלס שלמה המלך האָט געזעהען די קראַפט פון גמילות חסדים ביי אידען איז זייער גרויס, האָט ער געמאַכט צוויי טויערען אין בהמ"ק, איינעם פאַר חתנים און איינעם פאַר אבלים, און די אנשטענדיגע בירגער פון ירושלים פלעגען זיך פערזאַמלען שבת אין ביידע טויערען און איבערנעמען חתנים און גראַטולירען זיי און אויך זיי בענטשען, און אבלים טרייסטען, און נאָך דעם חורבן בית המקדש האָבען די חז"ל געאָרדנעט אַז חתנים זאָלען געהן אין די שוהלען און דאָס פאָלק זאָל זיי בענטשען, ווי אויך אבלים טרייסטען, און אַלע אידען האָבען פערדינט די מצוה פון גמילות חסדים.

# סימן רד

וואָרום חתן כלה פאַסטען אין זייער חופה טאָג ?

די אורקוועלע דער פון איז פון ירושלמי בכורים, ווייל אין זייער חופה טאָג איז מען זיי מוחל זייער זינדע, נאָך אַ מיינונג זאָגט דער מהר"ים מינץ, דאָס פון גרויס שמחה זאָל דער חתן ניט אָן שכור'ען זיך, און דיעזען תענית דאַרפען זיי פאַסטען ניט מעהר ווי ביז שטערען זעהען זיך, און ווען עס ווירד פערציגען די חופה מעגען זיי עסען פאַר דער חופה, נור ניט זיך אָנשכור'ען. דער כרם שלמה שרייבט: דאָס דער חתן צו מנחה דאַרף זאָגען וידוי, ווי ערב יום כפור צו מנחה, זאָגאַר ווען עס קומט אויס זיין חופה אין די טעג וואָס אַ חתן דאַרף ניט פאַסטען, ווי ראש חודש, חנוכה, פורים און אסרו חג און חמשה עשר באב, און חמשה עשר בשבט, אָבער פון ראש חודש ניסן ווי אויך ל"ג בעומר און פון ר"ח סיון ביז שבועות און די טעג פון יוה"כ ביז סוכות דאַרף ער יאָ פאַסטען.

# סימן רה

וואָרום מען פֿערדעקט די האָר פֿון אַ כלה אָדער מען שערט אָב איהרע האָר אין גאַנצען ?

ווייל פֿערצייטענס איז געווען אַשרעקליכע גזרה אויף אידישע כלות, דאָס בעפֿאָהר זי געהט צו דער חופה פֿלעגען איהר די פּאָליצייַ אַפריהער פֿיהרען צו זייער העכסטען בעאַמטען (טפסר) איף שענדליכע צוועקען, און פֿון דעם בעאַמטען איז זי ערשט געגאַנגען צו דער חופה, דאַרום האָט מען איהר פּנים פֿערדעקט ווי אויך איהרע האָר, דאָס זי זאָל אויסזעהען העסליך אום די פּאָליצייַ זאָלען איהר אָבלאָזען און ניט פֿיהרען צו זייער בעאַמטען, אָדער ווען מען האָט איהר געפֿיהרט צו דער חופה האָבען זיי געמאַכט די סימנים ווי זי וואָלט זיך בענאַרעשט געגען איהר מאַן און מען פֿיהרט איהר צום כהן, אום צו פֿערפֿיהרען די פּאָליצייַ זיי זאָלען ניט וויסען דאָס זי איז אַ כלה, אָבער אין בבל וואו די גזרה האָט ניט דערגרייכט, איז דער מנהג ניט געווען (כתובות ג׳ ועי׳ שם י״ז) ובירושלמי, און יעצט די וועלכע זיינען זיך ניט נוהג אַזוי ווי אין ארץ ישראל וואָס דער מנהג זייערער איז פֿערבליבען אין פֿיעלע ערטער עד היום, זיינען זיי זיך נוהג ווי אין בבל און הייראַטהען אָהנע די כלה צו פִירְקִין ,

# סימן רו

וואָרום מען בינדעט אָב פֿאַר דער חופה אַלע בענדער פֿון די קליידער ביי חתן און כלה.

ווייל פֿערצייטענס האָט מען געגלויבט דאָס אין די בענדער קען מען מאַכען אַזאַ כישוף דאָס אייביג זאָלען זיי ניט קענען אָב בינדען אום חתן כלה זאָלען ניט קענען צו זאַמען קומען (נשמת חיים מאמר ג׳ פי״ה). דער חתן טוהט אָן אַ קיטל, ווייל ביי איהם איז דער טאָג ווי יום כפור צו פֿערצייהען איהם, מוחל זיין די זינד. דעם ערשטען ראש השנה און יום כפור דאַרף ער ניט טראָגען קיין קיטל, ווייל אין דעם יאָהר האָט ער שוין איינמאָל געטראָגען .

# סימן רז

וואָרום מען פֿערדעקט דעם פּנים דער כּלה צו דער חופּה?

אָבוואָהל מיר האָבען פֿריהער איבערצייגט דאָס אַכּלה צו פֿערדעקען דעם פּנים איז איבער די בּעוואוסטע גזרה וואָס די בּעאַמטע אין ארץ ישראל האָבען געטריבּט די עהרע פֿון די כּלות איידער זיי זיינען צו דער חופּה געגאַנגען, דאָך האָבען מיר אַ סמך מן התורה דאָס רבקה ווען זי האָט דער זעהען יצחק'ן האָט זי איהר פּנים מיט אַ שלייער פֿערדעקט, דאָס איבערצייגט אַז דער מנהג איז גאָר פֿון אַלטע צייטען, און לויט דעם תלמוד האָט מען אַ כּלה אָנגעטאָן אַמירטהענקראַנץ אויף איהר קאָפּ, און דעם שלייער מיט וועלכען מען האָט איהר צוגעדעקט איז געוועזען געשטיקט פֿון גאָלד און זילבּער, און אויף די קראַנצען פֿון די כּלה איז אויך אַ מאָהל געווען אַ גזרה (ב"י באו"ח סי' תק"ס בשם הרמב"ם גם בהרי"ף עין יעקב במסב' גיטין דף ז'). אויך האָט מען פֿערצייטענס בּעשאָטען די כּלה מיט האָפּפען און געזאָגט „אחותנו את היי לאלפי רבבה" אונזער שוועסטער! דו זאָלסט גליקליך זיין, טויזענדער פֿאַמיליעס זאָלען פֿון דיר אַרויס קומען, אָבער ניט ווי יעצט בּעשיט מען די כּלה מיט פֿאַפּיער צו שניטענע און געפֿאַרבּענע, דען דיזעס פֿאַפּיער האָט גאָר קיין זינען ניט ווערענד האָפּפען איז אַ סימבּאָל פֿון פֿרוכטבּאַרקייט וועלכע וואַקסען ניט געזעצעטערהייט און וואַקסען אין מיליאָנען, ווערענד פֿאַפּיער האָט קיינע בּעווייזע פֿון וועלכען סימבּאָל דאָס געהערט. דער מהרי"ל שרייבּט אין הלכות נשואין דאָס דעם חתן האָט מען געפֿיהרט צו די כּלה און בּעשאָטען מיט ווייטץ און געזאָגט „פּרו ורבו". און מען איז זיך נוהג צו פֿיהרען חתן כּלה צו די חופּה מיט אונטערפֿיהרער בּעצויגען אויף דעם פּסוק „ויביאה אל האדם" דאָס זעלבּסט גאָט האָט געשיקט אונטערפֿיהרער צו אדם און חוה, און לויט דעם זוהר פּ' בראשית (דף מ"ט) דאַרפֿען די עלטערען פֿיהרען די קינדער צו דער חופּה, און אין אבות דר' נתן איז געשריבּען, דאָס נור איין מאָהל האָט גאָט געשיקט אונטערפֿיהרער צו אדם און חוה, און פֿון דאַנמאָהל אָן דאַרף יעדער מענש ערווערבּען זיינע אייגענע מיט בּרידער אַלס אונטערפֿיהרער.

# סימן רח

וואָרום מיר מעגען נעמען א „פרוכת" צו מאַכען א חופה?

פערצייטענס האָט מען געמאַכט א חופה פון די טהייערשטע זאַכען וואָס נור מען האָט געקאָנט בעקומען לכבוד חתן און כלה, און דער פון איז אנגענומען געוואָרען דער מנהג צו נעמען דעם פרוכת פאַר א חופה, וועלכעס פערשטענדיג איז פערצייטענס געוועזען א פרוכת גענוג בעפוצט מיט זילבער און גאָלד, און אַבוואָהל עס איז ניט ערלויבט לויט דעם דין צו בענוטצען זיך מיט זאַכען וועלכע בעלאַנגען צום היילינגטהום, דאָך איז די מצוה, פון הכנסת כלה זעהער גרויס, און מען מעג בענוטצען א פרוכת פאַר א חופה׳ חופה איז דער טייטש איין פערדעקונג (הכלבו) און די חופה אליין מאַכט דאָס די פרוי זאָל געהערען צו איהר מאַן אין אלע אנגעלעגענהייטען (קדושין דף ה׳). די כלה זאָל זיך שטעלען אונטער די חופה צו די רעכטע זייט פון חתן איז בעצויגען אויף דעם פסוק פון (תהלים מ״ה) „נצבה שגל לימינך". די לעצטע אותיות צוריק מאַכט כלה.

---

# סימן רט

וואָרום מיר שטעלען א חופה אונטער דעם פרייען הימעל?

פיעלע מיינונגען גיעבען איבער דעם שטעלען א חופה, אנדערע דענקען צו שטעלען א חופה איז א מצוה אין שוהל, בעציהענדיג זיך אויף דעם רמ״א (יו״ד סי׳ שצ״א) וואָס ער שרייבט דאָס די חופה וואָס מען מאַכט אין שוהל וואָס דאַרטען זאָגט מען די ברכות אירוסין ונשואין אונטער די חופה וגו׳, אָבער אונזער פאָלק ווייס ניט אָדער וויל ניט וויסען אז צוויי חופות זיינען געוועזען פאַר חתנים און כלות. די ערשטע חופה איז געוועזען ווי פערצייטענס מען האָט געפיהרט א קעניג מיט א קעניגען אונטער א חופה, און די חופה איז געוועזען אונטער דער פרייער הימעל, אויף דיעזע חופה האָט מען געמאַכט פערשיעדענע פאָרמען וואָס זאָל צייגען אויף פרוכטבאַרקייט און הצלחה. און אזוי איז צו געגאַנגען צו אזא חופה, אין דער פריה האָט מען גערופען אין שוהל, און דער רב פון שטאָדט האָט געפיהרט דעם חתן צו ערשט, און דאָס פאָלק זיינען נאָך געגאַנגען מיט די גרעסטע און שעהנסטע פייער בעלייכטונג, און אזוי זיינען זיי געקומען ביז דעם שוהל הויף, נאָכהער האָט מען געפיהרט דעם חתן אַנטקעגען די כלה, און ווען זיי זיינען ביידע צו

זאמען געקומען, האט מען זיי בעשאטען מיט ווייץ און געזאגט "פרו ורבו", און דיזע חופה אונטער דעם הימעל האט בעדייטעט צו פרוכטבארען און מעהרען זיך ווי די שטערען פון הימעל. און די צווייטע חופה איז געווען אין שוהל מיט די פנים'ער פון חתן כלה געגען מזרח. און דארט האט מען פאר זיי געזאגט די ברכות אירוסין ונשואין, וויל דארט וואס מען זאגט מעהרערע ברכות דארף מען זאגען דיזע ברכות אויך, די פילע בעלייכטונג צו די אונטער הימעל חופה, און אויך די הימעל שטערען איבער זייער קעפ, איז אלעם דער וואונש פון פאלק צו פריידע און ליכטיגקייט פאר די יונגע פאר. און די הויפט פריידע איז געווען די חופה פון שוהל הויף (תוס' בסוכה ד' ה'), אויך איז געווען א חופה אין הויז פאר די גאנצע זיעבען מאהלצייט טעג פאר דעם חתן (מגילה ה' ברש"י), און די חופה וועלכע איז געווען אין שוהל ניט מעהר ווי אויף די ברכות זאגען, האבען זיך ניט מעהר געטאהרט געפינען אלעס די הויפט מחותנים און דער רב, אבער חלילה קיין ווייבער און קיין מיידלעך, וויל ערשטענס טאהר א אשה נדה ניט אריין געהן אין שוהל זאגאר אין די ווייבערשע שוהל אויך ניט (שו"ע או"ח סי' פ"ח בהגהת רמ"א), נור אז בית דין האבען געזעהען אז עס איז אונמעגליך אבצוהאלטען דאס ווייבער זאלען ניט געהן אין שוהל צו א חופה, און אלעס זיי האבען ארויסגעזעהען דעם פערקעהר פון בחורים מיט מיידלעך אין א היילינע שוהל, און אזוי ווי אין קדושין (ד' ה' בתוס') זאגט דייטליך אז דאס איז א שאנדע פאר דעם יודענטהום, ווי אויך דער רמב"ם ה' ממרים (פ"ב הלכה ג') דאס יעדער מנהג וואס איז בעשטעטינט ביי אידען, טאהר ניט בטל ווערען, נור אויף אזאך וואס איז אונמאראליש און געגען דעם דין, האבען בית דין פון יענע צייט בעשטעטיגט אויף עוויג ניט איבערצוטרעטען "בכל תפוצות ישראל" דאס עס זאל ניט מעהר זיין ווי איין חופה אונטער דעם הימעל, אבער ניט אין שוהל דארט וואו ווייבער און מיידלעך מיט בחורים קומען צו זאמען, עס זאל חלילה ניט קומען די קלאגע פון ירמיה הנביא "ותבאו ותטמאו את ארצי" איהר זייט געקומען און אונריין געמאכט מיין לאנד "ונחלתי שמתם לתועבה" און מיין נחלה דאס הייסט מיינע שוהלען האט איהר געמאכט צו שמוטץ. מעהרערע מפרשים זאגען אויס דריקליך דאס א חופה מוז זיין אין גאס נעבען שוהל איז געווים בעסער, אבער ניט אין שוהל.

# סימן רי

### ווארום אונטער־פיהרער פארהער דעם חתן און נאכהער די כלה?

אלס גאט האט געגעבען די תורה אויף דעם בארג סיני איז גאט צו ערשט געקומען, דער סימבאל אלס חתן, און נאכהער די אידען, סימבאל אלעס כלה „ה׳ מסיני בא" (חבקוק ג׳), דארום פיהרט מען דעם חתן אפריהער פאר די כלה. דאס א שוואנגערע פרוי זאל ניט זיין קיין אונטערפיהרערען, האבען דאס וויבער אליין געמאכט פאר א מנהג, עס גיבט ניט ועגען דעם קיין ערקלערונג ניט אין תלמוד, און ניט אין קיין פוסק, דען אין די צייט פון תלמוד האט מען ניט געוואוסט פון ווייבער אונטערפיהרערינס נור מענער אליין, אהנע זייערע פרויען (כתובות י״ב ובתנחומא סי׳ י״א), נור אין די לעצטע דורות וואס די ווייבערשע עזות ופריצות האבען זיך געשטארקט, האט מען מתקן געווען דאס מענער זאלען פיהרען דעם חתן און ווייבער די כלה.

---

# סימן ריא

### ווארום אונטערפיהרער פיהרען ארום דריי מאל די כלה ארום דעם חתן?

דאס גיבט מען איבער דריי מאהל די כלה צום חתן, ווייל דריי מאהל ערמאנערט די תורה, ווען איין מאן וועט נעמען א ווייב ווי ער זאל זיך פיהרען, דריי מאל גיעבט אין תורה כי יקח איש אשה (דברים כ״ב דברים כ״ד ועוד) און דאס גאט האט געהייראטה די כנסת ישראל גיעבט א פסוק „וארשתיך", ערמאנערט אויך דריי מאהל, און דאס איז א פאנטאסטישער שעהנער מיינונג אז מאן און ווייב זאלען אנשטענדיג לעבען, ווייל דער פסוק זאגט „וארשתיך לי בצדקה ובמשפט ובחסד וברחמים, און וארשתיך לי ובאמונה. דאס מאן און פרוי ווען זיי פערהייראטהען זאלען זיי האבען די מדות וואס גאט האט, און ווינשט דאס זיין כלה די אומה הישראלית זאלען די מדות אויך האבען אין זיך שפעציאל מאן און ווייב. דער זאגען ביי מקדש זיין „כדת משה ישראל" ערקלעהרט דער שו״ע אה״ע סי׳ כ״ז בשם כלבי, תוס׳ כתובות ג׳ וגיטין ל״ג. הראב״ן בספר כרם שלמה ועוד.

---

# סימן ריב

וואָרום איז מען מקדש מיט אַ רינג אויף דעם צייגע פינגער און דוקא אַגלאַטער רינג אָהנע איין דימענט שטיין ?

ניט אין די צייטען פון די בעלי תנ"ך און ניט אין די צייטען פון תלמוד האָט מען געוואוסט דער פון צו מקדש זיין אַ ווייב מיט אַ גילדערנעם אָדער אַ זילבערנעם רינג, נור אין די צייטען פון די גאונים אין דעם זיעבעטען אָדער אַכטען הונדערט יאָהר פון פינפטען טויזענד, געפינט זיך שוין דאָס מ'האָט מקדש געוועזען מיט אַ רינג, און וואָרום מען איז מקדש מיט דעם רינג און מ'טוהט איהם אָן אויף דעם צייגע פינגער, ווייל אַלע פינגער ווען מען לייגט צוזאַמען די האַנד בעהאַלטען זיי זיך אין האַנד נור דער צייגע פינגער ער בלייבט אימער זעהענדיג, און וואָס נור איינער וויל צייגען מוז ער ניט וועלענדיג צייגען מיט דעם פינגער, און גראַדע איז מקדש דער חתן מיט דעם רינג פון זיין רעכטע האַנד אויף איהר רעכטע האַנד, ווייל די רעכטע האַנד איז די האַנד וואָס איז בעשעפטיגט מעהר אַלס די לינקע, און דאָס איז אַלעם אום יעדערער ווי ער וועט בעמערקען איהר האַנד וועט ער וויסען דאָס זי איז איינע פערהייראַטהע פרוי און עס וועט ניט קומען איהם צו נאָכדענקען פיליייכט קען ער מיט איהר הייראַטהען מיינענדיג אַז זי איז נאָך אַ אונפערהייראַטהע, דאַרום האָט מען פערצייטענס מקדש געוועזען אַ כלה צום תנאים, אום אַלע זאָלען וויסען דאָס זי איז שוין אַ כלה, און דעם מקדש זיין מיט אַ רינג וואָס האָט ניט פון דימענטשטיין איז ערשטענס זאָל דער רינג זיין אַרונדער דורך אויס, צו צייגען אַז די פּאָר פּאָלק זיינען דורך אויס גאַנץ איבערגעבענע אָהנע ענדליכקייט, זאָ ווי דער רינג וואָס האָט קיין אָנפאַנג און קיין ענדע, אויך ווען עס זאָל ערלויבט זיין מקדש זיין מיט אַ דימענט רינג, וועט קענען דער חתן אָבנאַרען די כלה וועלכע וועט דענקען אַז דער רינג איז אַ גוטער, ווערענד דער דימענטשטיין איז אַ פּראָסטער און דאַנמאָהל ווען ער נאַרט אונטער איז די קידושין קיינע קידושין ניט (נחלת צבי סי' י"ב, וכלבו קמ"ג ולבוש).

# סימן ריג

וואָרום מיר לייענען די „כתובה" צווישען ברכת אירוסין ונשואין ?

ווייל די ערשטע ברכות איז א גאנץ אנדער זאך, און די צווייטע ברכות איז א אנדער זאך, די דינים דערפון קען דער לעזער געפינען (בהגהת א"ז כתובות דף קי"ג והמרדכי בפ"ק דכתובות תוס׳ פסחים דף קי"ב והרא"ש שם והרמ"א באה"ע סי׳ ס"ב) נור רש"י ז"ל האט מתקן געוועזען דאס צווישען די ביידע ברכות זאל מען לייענען די כתובה, אום אפ צו טהיילען איין ברכה פון די צווייטע, ווייל מען מאכט צוויי מאהל א ברכה „בורא פרי הגפן" און עס איז אונמעגליך מיט איין ברכה יוצא צו זיין אויף ביידען, ווייל ברכת חתנים איז אין די היזער און ברכת אירוסין איז בבית אירוסין. קען דאס ניט מעגליך זיין מיט איין ברכה אויף ביידען (ספר הישר לרבינו תם סי׳ תר"ב) דארום האט רש"י ז"ל מתקן געוועזען צו מאכען א הפסק צווישען איין ברכה און די צווייטע מיט דער מיט וואס מען לייענט די כתובה אין מיטען. צו האבען צעהן מענשען צו א חופה איז גענומען פון בעז מיט רות, וועלכע האט גענומען צעהן מענשען צו בעשטעטיגען דאס רות זאל זיין צו איהם א פרוי „ויקח בעז עשרה אנשים" (רות ד׳). צו געבען פאר זיבען חתן כלה פון די וויין פון כוס של ברכה, איז דאס וועלבע ווי א קליין קינד ביי דעם מל זיין, און ווי דאס קינד איז דאנמאהל אהנע זינד, אזוי איז אויך די חתן כלה צו זייער חופה אהנע זינד, ווייל גאט איז מוחל די זינד פון חתן כלה אין דעם טאג פון זייער חופה, ווייל זיי געהען צו דעם געטליכען ווילען צו בויען די וועלט אבער איהר ניט צו פערניכטען, דארום רעכענט זיך היי ראטהען די ערשטע מצוה פון תרי"ג מצות.

ווען מען האט אנגעפאנגען שרייבען א כתובה, איז עס ניט בעוואוסט דייטליך, נאר ווי עס ווייזט אויס פון ספר טוביה (ז׳ י"ט) אז נאך דעם גלות פון די עשרת השבטים האט מען אנגעהויבען שרייבען אכתובה.

---

# סימן ריד

וואָרום שרייבען מיר אין א כתובה דעם וואָרט „חודש" און ניט „ירח" אזוי ווי אין א גט ?

ווייל פערצייטענס האט מען מקפיד געוועזען חתונה צו האבען דוקא אין די טעג ווען די לבנה איז פוהל, דאס הייסט זי איז אין גאנצען ארוים מיט

איהר שיין, אָבער מאַנכע וועלכע עס האָט זיי געדריקט די צייט די חתונה צו מאַכען אין אַ אַנדער טאָג, אום זיי זאָלען ניט מיינען אַז דאָס איז דוקא אַ דין, דאָס די חתונה זאָל זיין ווען די לבנה (ירח) איז אין פוהלען, האָט מען מתקן געווען צו שרייבען „בחודש" און ניט „בירח" צו צייגען אַז יעדער טאָג פון חודש האָט דאָס רעכט צו מקדש זיין און ניט דוקא ווען די לבנה איז פוהל.

## סימן רמו

וואָרום מיר גיעבען מתנות אַ חתן כלה צו זייער חתונה און דרשה געשאַנק?

בעוואוסט איז דאָס פערצייטענס האָבען די בחורים וועלכע זיינען געווען די פריינדע פון חתן געקומען אויף די חתונה פון זייער פריינד דעם חתן און געבראַכט איהם מתנות, און די פריינדע זיינען דאָס געווען די שושבינין אָדער ווי עס רופט זיך היינט אונטערפיהרער, און ווען זיין חבר האָט חתונה געהאַט האָט דער פערהייראַטהער איהם צוריק אָבגעגעבען פרעזענטע (ב"ב דף קמ"ד במתני', בפירוש הרשב"ם), און דער פון איז אַרוים דער מנהג פון מתנות און דרשה געשאַנק, וויל דער חתן האָט געזאָגט פאַר די געסט אַ דרשה (וכן גם בזוהר פ' ויצא קמ"ט).

## סימן רמז

וואָרום מאַכט די כלה די סעודת חתנים און ניט דער חתן?

וויל די גמרא זאָגט (ברכות ו') אַז דער וואָס האָט הנאה פון די סעודה פון אַ חתן און ער איז איהם ניט משמח איז ער עובר אויף פינף קולות ווי בעוואוסט איז פון דעם נביא ירמיה, און ווער וויל דאָס עובר זיין? דאָרום האָט מען מתקן געווען אַז די כלה זאָל מאַכען דעם מאָהלצייט; רופט זיך דאָך שוין ניט סעודת חתן, נור סעודת כלה, און דער וואָס קען ניט משמח זיין וועט שוין ניט עובר זיין. און דאָס וואָס דער חתן אַליין זאָגט ניט די ברכות חתנים אַזוי ווי אַלע אַנדערע מצות וואָס יעמאַנד טוהט מאַכט ער דאָך אַליין די ברכה אָבער ניט קיין אַנדערער פאַר איהם, איז וויל עס גיעבען חתנים וועלכע קענען ניט גוט עברי זאָגען אָדער זיי ווערען דערשראָקן, איז אום זיי ניט צו פערשעמען זאָגט אַ אַנדערער די ברכות פאַר זיי (באר שבע דף פ"ה דפוס פראַנקפורט).

# סימן ריז

ווארום ווען די כלי זמרים שפילען און מחותנים טאנצען אויף א חתונה
רופט זיך די טאנצען-געלד „שבת״?

ווייל ווען פרייטיג איז א חופה זיינען פערצייטענס חתן כלה ניט צוזאמען געקומען ביז שבת צו נאכט, איז אום צו דערמאנען דעם חתן ער זאל זיך ערווייטערען פון די כלה ווייל עס איז שבת, איז די טאנץ געלד וואס מען האט געגעבען צו די כלי זמרים האט מען אויסגערופען שבת שבת.

---

# סימן ריח

ווארום מיר הייגען אויף שיר המעלות׳ן ביי א יולדת פאר א שמירה צו שדים?

לויט דעם מנורת המאור (נר ב׳ כלל י׳) וועלכער זאגט דאס כישוף און שדים, אין צו דעם גלויבען איז די גרעסטע דומהייט, און זיי זיינען ניט מעלה און ניט מוריד. נור דער דמיון אליין ווען א מענטש דיינקט וועגען דעם, איז דער אבדאלטען זיך קען דעם מענשען מזיק זיין, און דער רמב״ם אין פי׳ המשניות (ע״ז פ״ד מ״ז) זאגט: אז דער וואס גלויבט אין כישוף, און שדים, לייקענט ער אין גאט ברוך הוא, און אין די ערטער וואס דער תלמוד ערוואי-נערט אונז שדים, אדער מזיקין מיינט דאס דער תלמוד אויף איין פערשטענד-ליכען ארט, אבער ניט פאר אבערגלויבען, נור לויט דער רמב״ם און מעהרערע פילאסאפען רופען אין די באציעלען און די אטהאמען וועלכע קענען נור געזעהען ווערען דורך מיקראסקאפישע גלעזער, און וועלכע קענען שעדליך זיין צו איין ערשט געבארענע קינד וועלכע שלינגט איין די ערשטע אטהאמען (עצמים פרדים) וועלכע שוועבען אין דער לופט און אין אלעם זיינען זיי פוהל, שפעט ביי דער נאכט ווען די לופט ווערט שווערער און דארום רופען זיי זיך לילין, אדער לילית, און אום צו צייגען אז מיר גלויבען ניט אין זיי, הייגען מיר אויף א „שיר המעלות״ צו צייגען אז גאט אליין וועלכער בעשאפט דאס קינד מיט לעבען, וויל ער אז דאס קינד זאל לעבען, און געזונד זיין, און ער וועט בעשיטצען דאס קינד און זיין שוואכע מוטער, אבער דאס מיינט מען ניט א שמירה פאר שדים, און דארום איז די איבעריגע צו געשריבענע צום „שיר המעלות״ גאנץ איבעריג, ווייל דאס מאכט

דאָס פֿאָלק צו גלויבען אין מעהרערע נאַרישקייטען וואָס ביי אידען איז דאָס פֿערבאָטען.

דער מנהג וואָס אין אַ „שיר המעלות" פֿון אַ יולדת נקבה איז דאָרט דאָ אַ ציור אַ דרייקאַנטיגער עהנליך:  און אין „שיר המעלות" פֿון אַ יולדת זכר איז דאָ אַ ציור אַ פֿיער קאַנטיגער עהנליך,  איז דאָס בעשטעטיגט אויף אַ מדרש (פ' בראשית) אויף דעם פסוק „ויבן ה' את הצלע לאשה" גאָט האָט בעשאַפֿען די אשה זאָ ווי איין געביידע וואָס אויבען איזט איינג און אונטען איז ברייט, אָבער ביי דעם זכר איזט קיין אונטערשייד דאָ.

# סימן ריט

וואָרום מען מאַכט אַ סעודה אין דעם פֿרייטאָג צו נאַכט נאָך דאָס קינד געבאָרען און אויף מאָרגען קומט מען איהם צו בעזוך?

דאָס איז אַ אַלטער מנהג נאָך פֿון פֿערצייטען וועלכער האָט עקזיסטירט אין די צייטען פֿון די בעלי התלמוד (ב"ק דף פ') שמואל ורב אסי איקלא לבי שבוע הבן וכו' (עיין שם רש"י), און דיעזע סעודה רופֿט זיך „זכר" אָדער „שלום זכר" און גור פֿרייטיג צו נאַכט ווייל דאַנמאָהל איז יעדערער אין זיין היים, און מען עסט דאַנמאָהל אַרבעס ווייל מען האַלט דאָס קינד פֿאַר איין אבל, וועלכער טרויערט אויף די תורה וואָס זיין נשמה האָט פֿריהער געוואוסט איידער ער איז געבאָרען געוואָרען, און יעצט נאָך זיין געבורט האָט ער אַלעס פֿערגעסען (ט"ז יו"ד ס' רס"ה). און די זעלבע איז וואָס מען קומט שבת פֿריה איהם צו בעזוך, איהם צו טרייסטען, און דעם בעזוך רופֿט מען אויך „שלום זכר" בעשטעטיגט אויף די ווערטען פֿון די חז"ל (ב"ק שם) כיון שבא זכר, בא שלום כו', ווען אַ זכר ווערט געבאָרען קומט גלייך שלום. „זכר" איז דער צאָהל „ברכה", „נקבה" איז דער צאָהל „נזק" (פחד יצחק).

# סימן רב

וואָרום איז מען זיך נוהג צו לעגען דעם מוהל־מעסער צו קאָפּענס ביי די קינדבעטערין אַ נאַכט פאַר דעם מל זיין ?

איבער דאַרף מיט איין אָווינד פריהער פאַר דעם מל זיין דער מיהל־מעסער זיין פאַרטיג און גוט צוגעריכט ספּעציאַל ווען דער אַכטער טאָג געפאַלט שבת, און אום דער מוהל זאָל ניט טראָגען דעם מילה־מעסער אום שבת, בעהאַלט ער איהם פרייטיג פאַר נאַכט ביי דער קינד־בעטערין צו קאָפּענס, און פון שבת'דיגען בעהאַלטען דעם מוהל־מעסער איז שוין דער מנהג פערשפּרעהט געוואָרען אויך אויף די איבעריגע טעג פון וואָך, אַזוי איז מיין מיינונג.

# סימן רכא

וואָרום איז מען זיך נוהג צו שטעלען ביי אַ ברית מילה איין עקסטרען שטוהל פאַר אליהו הנביא?

אין פרקי דרבי אליעזר (פכ"ט) איז פאָלגענדעס געשריבען: ביז ישראל האָבען זיך צוריסען אויף צוויי קעניגרייך, האָבען אידען מל געווען זייערע קינדער אַלע צו גלייך, נור נאָך דעם צו טהיילען זיך אויף צוויי בעזונדערע קעניגרייך, האָט די רעגירונג פון אפרים וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען דיענען צו פרעמדע געטער אויך אויפגעהערט צו מל זיין זייערע קינדער, און אין די צייט וואָס אליהו הנביא האָט געלעבט אונטער מענשען האָט ער אוים פער־דרוס געשוואָרען דאָס איבער דיעזען שרעקליכען פאַרברעך זאָל קיין טהוי אין רעגען ניט געהן אויף דער לאַנד, און ווען איזבל דעם קעניג אחאב'ס פרוי האָט דאָס געהערט און זי איז געווען די הויפּט געצענדינערין, האָט זי געוואָלט צו נעמען ראַכע פון דיעזען אליהו הנביא, ער אָבער איז פון איהרע ראַכע אַנטלאָפען, און דאַנמאָהל האָט זיך די הערליכקייט גאָטעס בעוויזען צו אליהו מיט דעם פערשפּרעכען אַמאָל האָסט דו געאייפערט פון מיינט וועגען פאַר די זינד פון שטים וואָס דו האָסט דערשטאָכען אַ אידישען גענעראַל זמרי בן סלוא ווייל ער האָט זיך צו געלאָזען צו די ניט אידישע פרוי, און יעצט אויך וואָס דו האָסט גע־שוואָרען קיין רעגען און טהוי צו געהען ווייל די אפרים'שע רעגירונג האָבען אויף געהערט צו מל זיין זייערע קינדער, שווער איך דיר דאָס ישראל וועט קיין

ברית מילה ניט מאַכֿען וואו דו זאָלסט דאָרט ניט ערשײַנען, און דײַן אַנדערע־
קען זאָל אימער ערּאינערט ווערען בײַ יעדען ברית מילה, און דאַרום האָבען
אונזערע חכמים גערדנעט דאָס איין שטוהל זאָל זיך געפֿינען פֿאַר אליהו הנביא
וועלכֿער הייסט עד היום „כסא של אליהו הנביא״. און דום און אונזויכענד זײַנען
די לײַטע וועלכֿע פֿרעגען, ווי קען אליהו הנביא זײַן אויף יערען ברית ווערענד
עס גיעבען הונדערטע ברית׳ן אטאָג? דער אַנטוואָרט איז, אַז דער מלאך המות
קען צונעמען נשמות פֿון טויזענדער אין איין סעקונדע, און אַזוי ווי ער זון קען
שײַנען פֿאַר מיליאָנען מענשען, קען דער גײַסטיגער אליהו זײַן אויף אַלע ברית
מילות. צו אויסשרײַען „ברוך הבא״ ווען מען טראָגט אַרײַן דאָס קינד צו מל
זײַן, איז ווײַל דאָס וואָרט „הבא״ בעטרעפֿט זײַן צאָהל אַכֿט. דאָס הייסט גע־
בענטשט זאָל זײַן דאָס קינד וועלכֿער ווערט געאידישט צו אַכֿט טעג (אבן הירחי
ואבודרהם). צו אָנצינדען ליכֿט צו אַ ברית איז פֿון מסכתא סנהדרין (ל״ב):

---

# סימן רכב

קוואַטאָר און סנדק וואָס זײַנען די־זע בײַדע?

דעם נאָמען קוואַטאָר איז פֿערגרײַזט פֿון דעם דײַטשעשען וואָרט
„געפֿאַטאָר״ ווען די אידען נאָך דעם חרבן בית שני האָבען אײַנגעוואַנדערט
דורך די רוימער אין דײַטשלאַנד (עיין בדברי הימים להחכם גרעטץ) האָבען
זיי נאָך דאַנמאָהל לאַנג גענומען פֿאַר איין געזעטץ דאָס אום צו בעשערגען די
עלטערענס שמחה פֿון זייער נײַ געבאָרענעם קינד זאָלען זיך בעטהייליגען
פֿרײַנדע אָנשטאָדט דעם פֿאָטער, און די בעטהייליגטע האָבען זיך גערופֿען
„געפֿאַטאָרס (קוואַטאָרס). דאָס דער סנדק זאָל אויף זײַנע קניהען האַלטען דאָס
קינד איז אויך פֿון גאַנץ אַלטע צײַטען (מהרי״ל). אויך ערּאינערט דעם וואָרט
„סנדק״ און דאָס האַלטען דאָס קינד אויף די קניהען דער מדרש שוחר טוב
אויף דעם פסוק „החזק מגן וצנה״ דאָס דוד המלך האָט אָנגעהאַלטען פֿיעל
סנדקאות. דער וואָרט סנדק איז אַ גריכֿישער און אַ ראָמישער (סינדיקוס) וואָס דאָס
הייסט איינ׳אַרײַנברײַנגער און פֿאָרשטעהער אָנשטאָדט איין פֿאָטער (בספר אור
אסתר) וגם בילקוט תהלים (דף ק״ב). דער רמ״א זאָגט אַז איין פֿאָטער זאָל
ניט געבען פֿאַר איין סנדק ניט מעהר ווי איין קינד און די איבעריגע צו
אַנדערע בעזונדערע סנדקאות, אָבער אַלע פּראָטעסטירען אויף דעם
רמ״א און איבערצײַגען אַז דאָס איז נור אַ צוואה פֿון רבי יהודה חסיד וועלכֿע

די צואה זיינע האט געלויטעט נור אויף זיין אייגענע פאמיליע, אבער מיט דאס גאנצע וועלט האט די צואת פון רבי יהודה חסיר ניט וואס צו טוהן (פתחי תשובה ליו״ד סי׳ קט״ז).

וואס דער מנהג דאס מען גיט דעם קינד איינער צום צוויטען ביז מען דערלאנגט איהם צום סנדק, איז דאס אום צו בעעהרען די אלע געסט, (עי׳ יומא דף מ״ט על הפסוק ושחטו הפסח עי׳ רש״י שם ד״ה ויזרקו), דאס זעלבע גיבען זיך איבער די פרויען דעם קינד איינע די צווייטע, אום זיי אויך צופרידען שטעלען (עי׳ חגיגה ט״ז), און דאס וואס די אלע געסט שטעהן ביים אידישען דעם קינד, איז דאס אום צו בעעהרען דער מיט אליהו הנביא.

# סימן רכג

וואָרום מען בעהאלט די אבגעשניטענע ערלה אין זאמד אדער אין ערד?

דאס בעצייגט אונזער גרויסען בטחון אין גאט דאס ער וועט אונז צוריק מאכען פאר איין פאלק, און הן אין ליידען און הן אין פריידען זיינען די זאמד און ערד דער סימבאל פון אונזער ליידען און צוריק זיך ערהעבען, וייל גאט האט אונז געזאגט „ושמתי את זרעך כעפר הארץ" איך וועל דיינע קינדער מאכען ווי די שטויב פון דער ערד וואס שטארקער מען צו טרעט דעם שטויב אלס מעהרער פאלט דער שטויב אויף די זעלבע טרעטער, וואס מעהר מען דריקט דעם אידען אלעם וועט דער איד איבערשטייגען אויף זיינע טרעטער, דאס זאגט אויך דער פסוק „ושמתי את זרעך כחול הים" און דיינע קינדער וועל איך מאכען ווי זאמד ארום ים, וואס ווען דער ווינד הויבט אויף דעם זאמד שמייסט ער אין פנים די וועלכע טרעטען אויף איהם, דאס אלס איבערצייגט דאס ווי דער יודענטהום זאל ניט צו טרעטען זיין וועט ער דאך אויף שטעהן אויף זיינע טרעטער, דארום בעהאלטען מיר די ערלה מיט איהרע בלוט אין זאמד אדער ערד, דאס די מצוה פון מילה אלס איד זאל אונז שנעלער ברייננגען צו די גאולה שלמה (אבודרהם בשם אבן הירחי ובמדרש רבה פ״ב ובמסכת דרך ארץ זוטא).

עס גיעבט נאך א מיינונג אז דאס איז א אנדענקען וואס יהושע האט מל געווען די אידען אין דער מדבר און האט בעהאלטען זייערע ערלות אין זאמד פון דעם מדבר. און אלס מען בעשיט מיט פולווער אויף דער וואונד פון די מילה לייגט צו דער מוהל זיין מוהל-מעסער אויף די וואונד דאס איז אום דאס קינד זאל גיך אויס געהיילט ווערען, וייל ווען גאט האט געהייסען מל

זיין דארף ער אליין אויך היילען, דען זא האט ער פערשפראכען "מחצתי ואני ארפא" איך האב געוואונדעט און איך וועל אויך היילען, מיט דעם זעלבען מעכער וואס איך האב געהייסען א וואונד מאכען, אט דער זעלבער מעסער וועט אויך היילען (רש"י סנהדרין דף ע' ע"ב).

---

# סימן רכד

וואָרום גיעבט דער מוהל פערזוכען דאס גע'מל'טע קינד פון דעם ברכה וויין ביי דעם זאגען "בדמיך חיי"?

וויל ווען די אידען האבען צום עגל געדינט, און משה האט געהייסען נעמען יעדען זיין שווערד האט ער זיי ניט סתם ערמאָרדעט נור זיי מל געחען משה האט כל געוועֶן, און אהרן האט פורע געוועֶן און יהושע האט זיי אנגעטרונקען פון די אש פון פערברענטען אבגאט קאלב, און דיזען מל זיין איז געוועֶן צום שטארבען אבער ניט צום לעבען, דארום גיעבען מיר דאס קינד צו טרינקען פון דעם וויין א עטוואס צו צייגען דאס דיזעס קינד וועט ניט זיין ווי יענער דור וועלכע האבען צו איין אבגאט געדינט (אבודרהם על מדרש רבה י"א). און איבער די זעלבע זאגען מיר "עלינו לשבח" נאך דעם מל זיין, וויל דאָרט זאגען מיר "שלא עשנו כגויי הארצות" מיר דאנקען גאט וואס ער האט אונז ניט בעשאפען קיין גוים, און מיר בעטען "להעביר גלולים מן הארץ" דאס די אבגעטער זאל ער פערניכטען פון דער וועלט, מיר זאגען דאנמאהל אויך דעם פסוק "הודו לה' כי טוב וגו'" געגרינדעט אויף די גמרא דאס ווען איין בן זכר ווערט געבאָרען דארף דער פאטער מאכען א ברכה "הטוב והמטיב" (ברכות נ"ט), דארום זאגען מיר דעם פסוק "הודו" וויל מיר דאנקען גאט פאר דעם געבאָרענעם זכר (מהרי"ל):

וואס דער מנהג איז דעם קינד אנאמען געבען צום אידישען, איזט דאס גאר איין אלטער מנהג, נאך אין זמן בית שני (אוצר השמות).

---

# סימן רכה

וואָרום אַז מיר טרינקען וויין אָדער שנאַפּס זאָגען מיר „לחיים"?

ווייל דער תלמוד זאָגט דאָס וויין איז נור בעשאַפען צו טרייסטען אבלים (טרויעריגע) און דער פסוק זאָגט „תנו שכר לאובד" גיעבט וויין און שטאַרקע געטרענקע צו די וועלכע פיהלען זיך פאַרלאָרען און פערביטערטע וועלען, דארום ווען מיר טרינקען יעצט וויין אָדער שנאַפּס זאָגען מיר „לחיים", דאָס דער טרינקען זאָל אונז געבען צום לעבען, און צו פערגניגען אָבער ניט צו טרויערען חלילה, דער ערשטער ערפינדער פון דעם זאָגען „לחיים" איז געוועזען רבי עקיבא (שבת פ״ז).

---

# סימן רכו

וואָס איז דאָס פאַר איין ריינליכקייט ווען יעמאַנד געהט טבילה אין וואַסער?

טומאה, אונריינליכקייט איז אַזאַ זאַרט „רוח" און דער פסוק רופט אויך מיט די ווארטען „ואת רוח הטומאה אעביר מעליכם" איך וועל פון אייך אָבשאַפען דעם אונרייניגעם גייסט, זעלבסט פערשטענדיג דאָס טומאה ענטהאַלט אויך אַטהאָמען פון זאַרטען באַציליען וועלכע נור וואַסער קען דאָס אַרונטער נעמען און ריין מאַכען, דאַרום האָבען בעשטעטיגט די חכמי התלמוד, דאָס דער גאַנצער קערפּער מוז זיין אין וואַסער בשעת טבילה, און דער רמב״ם זאָגט (מקוואות פי״א הל׳ י״ב) דאָס דער טובל זאָל זיך איז איין געטליכע געהיימניס און דעם מענשענס פערשטאַנד דאַרף דאָס ניט אורטהיילען.

---

# סימן רכז

וואָרום מאַכען מיר פאַר ווייבער די שוהל העכער פאַר די מענער שוהל?

דער תלמוד זאָגט דאָס פערצייטענס דאָס הייסט נאָך פון זייער צייט פערצייטענס הייסט דאָס אין די צייטען פון בית המקדש, זיינען דאַמאָהל ווייבער געווען איינעוועניג און די מענער אויסען פלעגט דאָס אויסקומען און אויסזעהען ניט אַנשטענדיג, האָט מען געאָרדנעט פערקעהרט ווייבער אויסען

און מענער אינעווענינ, איז אָבער אלס אויסגעקומען צו אונאנשטענדינקייט, האָט מען געאָרדנעט דאָס פרויען זאָלען זיין איבער די מענער שוהל (סוכה נ״א).

## סימן רכח

וואָרום מיר היטען זיך פאר „זוגות" עס זאָל ניט זיין קיין גראָד נור אים ?

איך האָב געזעהען איין מאן וואָס ער האָט געהאט פיער באלקענס אין דעם אָבדאך פון זיין הויז (סטיעלע) האָט ער דורך־געצויגען א דראָט צווישען זיי עס זאָל אויסקומען פינף אָבער ניט קיין פיער, און דאָס איז איין דומהייט פון פאָלק אין אלגעמיין צו היטען זיך מיט זוגות ווערענד אין תלמוד (פסחים דף ק״י) ווירד נור געזאָגט אויף כוסות צו טרינקען, און אויך זאָגט דער תלמוד דאָס אין ארץ ישראל האלט מען דער פון ניט, נור איין רב רימא פון נהרדעא האָט אויף פעסער ווייל מקפיד געוועזען עס זאָל ניט זיין קיין זוגות, און דיזען אָבהיטען זיך פון זוגות איז געקומען, ווייל די פערסיאנער האָבען נור געגלויבט אין זייערע געטער אחרימאן און ארמוצט וועלכע זיינען געוועזען א פאר פאָלק א גאָט מיט זיין ווייב, און אזוי אלע געטער זאָגאר פון די אלטע מצרים און די גריכען זיינען זייערע געטער ניט געבליבען חלילה פארזעסענע בחורים (רווקים זקנים) נור יעדער גאָט האָט געהאט זיין בעשערטע אלע צום פאָר. דארום האָבען מיר אָנגענומען דעם פארקעהרט עס זאָל קיין זאך ניט אויסקו־מען צום פאָר (בספר מלכיאל הנזכר בשל״ה), און אז דאָס איז אנארעשקייט זאָגט אויף דעם דער בחיי אין שלחן ארבע ומיימוני הלכות עכו״ם פי״ד, און דער תפארת ישראל סנהדרין פ״ז משנה ז׳ ברייננט פון רבינו הגאון מהר״ש אלגאזי בעץ חיים דאָס נור שוטים און קליינע קינדער גלויבען אין די דומהייט, ווייל עס איז בטול געוואָרען דער כח הטומאה ביי דיזער צייט און עס גיעבט אויך קיינע כישוף. און אין תוס׳ חולין (ק״ז) ויומא (ע״ז) ווירד געבראכט דאָס אין אונזער צייט גיהער מען גאָר ניט דענקען וועגען די דומהייטען.

## סימן רכט

וואָרום מיר שלאָגען צו א מזוזה אין דער קרום ?

ווייל עס גיעבט צווייערליי מיינונגען, אנדערע זאָגען מען זאָל איהר צו שלאָגען ווי ליגענדיג, און אנדערע זאגען דאָס מען זאָל די מזוזה צושלאָגען

גוד שטעהענדיג, און אום מיר זאָלען יוצא זיין נאָך אלעמענס מיינונגען שלאָגען מיר צו די מזוזה אין אַ קרומע ליניע (יורה דעה סי׳ רפ״ט). דער ווילנער גאון אין זיין שלחן ערוך פסקעט דאָס נור שטעהענדיג איהר צו־צושלאָגען, עבענזאָ איז דער מיינונג פון רש״י ז״ל די מזוזה דאַרף זיין צוגע־שלאָגען אין דער רעכטער זייט פון דעם אַריינקומען אין הויז.

# סימן רל

וואָרום איז אָנגעשריבען אויף דער לינקער זייט מזוזה דער וואָרט „שדי" וועלכער איז געמאַכט אום ער זאָל פון אוים ווייניג געזעהען ווערען?

דעם נאָמען „שדי" אָן צו שרייבען אויף די לינקע זייט מזוזה, און דיזען נאָמען „שדי" לאָזען אָפען אויף די מזוזה דאָס אַלע זאָלען זעהען, איז דערום, וויל פערצייטענס האבען די פעלקער געגלויבט דאָס דער גאָט מערקורום וועלכער האָט זיך געשלאָגען מיט אַנדערע צוועלף געטער, און האָט זיי בע־זיעגט איז אויך דיזער שטאַרקער אָבגאָט דער היטער פון אַלע הייזער, אום עס זאָל זיך ניט אַריין חאַפּען אין אַ הויז אַ געפעהרליכער שונא פון זיינע אָבגעטער שונאים און זאָל ניט חרוב מאַכען די הויז, דאַרום האָבען די אַלטע פעלקער געשטעלט זיין פיגור (פסלו) פאַר יעדע טיהר, אום די שדים, זאָלען זיך אָבשרעקען פאַר דיזען גרויסען העלדען אָבגאָט וועלכער קען פייטען זיינע שונאים, און אום אָב צו ציהען דיזע דומהייטען פון אידישען פאָלק, האָט גאָט געהייסען אַ מזוזה צו האָבען ביי יעדע טיהר און דער נאָמען „שדי" זאָל זיין אָפענבאַר צו צייגען דאָס נאָר גאָט אַליין איז דער שומר ישראל ער און ניט קיין אַנדערע געטער, דען דער נאָמען „שדי" איז אַ ר״ת „שומר דלתות ישראל". דער זוהר זאָגט אַ אַנדער מיינונג. דער אָנטאַפּען מיט די האַנד די מזוזה און אויך איהר צו קושען גיעבט אין תלמוד איבער די ליעבע פון די מצוה.

# סימן רלא

וואָרום מיר שלאָגען צו צדקה פּוּסקעס אין די כתי מדרשים און שוהלען?

ווייל די פראָפעטען (נביאים) האָבען געשטראָפט די יעניגע וועלכע מיט די מיילער זיינען זיי פרום אָבער די הערצער און די הענד צו געבען צדקה

זיינען פערשטיינערטע צו געמאכטע, „יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני" וויל דאס פאלק געהען בלויז צו מיר אין שוהל בעטען מיט די מויל, און עהרען מיך מיט די ליפען, אבער „ולבם רחק ממני" די הערצער זיינען פון מיר וויים (ישעיה כ"ט), און ווי עס שרייבט רבי יואל פיקוויר ז"ל „הקול קול יעקב" די שטימע צום דאוונען איז די שטימע יעקב'ס, ער דאווינט און בעט גאט אבער „והידים" די הענד זיינען „ידי עשו" זיינען עשו'ס הענד ניט צו געבען מיט די האנד צדקה, דארום האט מען צוגעשלא־גען פוסקעס אין שוהל און אין בית המדרש, דאס די צדקה זאל זיין מיט דעם דאוונען צו זאמען, עס זאל ניט זיין די מדה פון עשו'ן, און די הויבט גוטעס איז פון צדקה, דאס דער געבער צדקה זאל ניט וויסען ווער עס איז דער נעמער צדקה און דער וואס נעמט די צדקה זאל ניט וויסען ווער דאס האט געגעבען, דארום גיעבט אין בית המדרש א פוסקע וועלכע זי הייסט „מתן בסתר" פוסקע, און אזא צימער איז געווען אין בית המקדש וועלכע האט געהייסען „לשכת החשאין", און רבי אלעזר האט געזאגט (ב"ב דף ט') אז דער וואס גיעבט אין געהיים צדקה איז ער גרעסער פאר משה רבינו.

---

# סימן רלב

פון וואנען איז דער אבשטאמונג פון דעם „מגן דוד" אויף אלע הייליגע זאכען?

ווי לאנג איז די צייט וואס אידען האבען אנגעפאנגען צו מאהלען דעם מגן דוד איז ניט ריכטיג בעוואוסט, נור אויף א אידישע מצבה אין דרום איטאליען אין די שטאדט טארענטום פון דריטען יאהר הונדערט נאך דעם כריסטליכען רעכענונג, און אויף דיזע מצבה איז געווען אויסגעקריצט א מגן דוד (J. Q R. X. W III), עס ווירד ערמאנערט דער מגן דוד אין ספר אשכול הכפר וואס עס האט פערפאסט דער קראי יהודה הדסי וועלכער האט געלעבט אין צוועלפטען יאהר הונדערט, אויך גיעבט דער מגן דוד אויף א קופערנע מטבע פון עלפטען יאהר הונדערט, און די זעקס זייטען פון דעם מגן דוד איז עבענזא ווי מיר טרייסלען דעם לולב פיער זייטען פון דער וועלט און הימעל און ערד, און אזוי איז געווען די תנופה ביי דעם כהן גדול צו די לוויים אויך אין די זעקס זייטען, און דאס רופט זיך „מגן דוד" וויל משיח וועלכער ווירד אונז אויסלייזען מעט זיין איבערפיהלט מיט חכמה, בינה, עצה, גבורה, רוח דעת, און יראת ה', ווי דער נביא ישעי' (י"א) האט אונז פערשפראכען: ונחה עליו רוח ה', רוח חכמה א), בינה ב),

עצה ג), ונבורה ד), רוח דעת ה), ויראת ה׳ ו), און דיעזער מגן דוד גיעבט אונז האָפֿנונג צו וואַרטען און דערלעבען זיין קומען.

איך האָב געהערט אַ מיינונג דאָס דער פֿלאַג פֿון דוד איז געווען אויף דעם אַרט און ווײַזע, און דיעזען מגן דוד האָט דוד המלך אַליין געמאַכט אַ אַנדענקען נאָך זיין וואַרף־האָלץ (הקלע) מיט וועלכען ער האָט געטײַטעט דעם גלית הפלשתי, דען דער פֿערצײַטיגער וואַרף־האָלץ איז געווען עבענזאָ ווי דער מגן דוד, און די שטיינדלעך וואָס ער האָט אַרײַנגעטהון אין די פֿינף ווינקלען פֿון דעם וואַרף האָלץ וועלכע זײַנען געווען אַזוי צו גערעכט אין די שפּיטצען דאָס די שטיינער זאָלען דאָרט זיך קענען אויפֿהאַלטען, דאַרום האָבען זיי געמוזט זײַן גלאַטע און שפּיטצענדיגע שטיינער, און בײַ דעם זעקסטען קאָרנער עקע איז געווען דער שנור (שטריק) מיט וועלכען ער דער וואַרפֿער האָט געצויגען, און דאַן האָבען פֿון דעם האַסט אויסגעשאָסען אַלע פֿינף שטיינער מיט וועלכע ער האָט געטראָפֿען דעם גלית הפלשתי אין שטע־רען און האָט איהם גע׳הרג׳עט, און פֿון דאַמאָלסט אָן האָט דער פֿאָן פֿון דוד געטראָגען דעם מאַרק פֿון דעם וואַרף־האָלץ וועלכער האָט דעם בילד ווי אונזער מגן דוד.

---

# סימן רלג

ווארום מיר קאַרבען איין נור מילכיגע לעפֿעל און מעסערס?

עס איז אַ אַלטער מנהג ווען עס גיעבט אין אַ הויז מילכיגע און פֿליי־שיגע געשיר צו אָנקאַרבען אויף די מילכיגע אום צו דערקענען וועלכע די מילכיגע און וועלכע די פֿליישיגע (רמ״א יו״ד סי׳ פ״ט), און דעם סימן האָט מען געמאַכט געגרינדעט אויף דעם פּסוק „חריצי חלב״ (שמואל א׳ י״ז) (בשם הלבוש בפמ״ג), און אַזוי ווי פֿערצײַטענס האָט מען אַ גאַנצען טאָג געגעסען מילכיגס און נור פֿון אָווינד האָט מען געגעסען פֿלייש „בערב תאכלו בשר״ פֿון אָווינד זאָלט איהר עסען פֿלייש (שמות ט״ז), און דער תלמוד הייסט אויך נור אָווינד צו עסען פֿלייש (יומא ע״ה), זעלבסט פֿערשטענדיג דאָס די מילכי־גע געשיר איז דעם גאַנצען טאָג צו וואָרפֿען איבערען הויז, און ווען יעמאַנד קומט פֿון אָווינד עסען, און מעגליך וואו די לעפֿעל ליגט איז ניט ליכטיג, קען ער אָן־טאַפּען דעם מעסער און די לעפֿעל וועלכע עס איז מילכיג, און אָבוואָהל בײַ דיעזער צײַט וואָס מיר עסען פֿערקעהרט פֿלייש בײַ טאָג און מילכיגס אם אָווינד דאָך איז דער מנהג פֿערבליבען.

---

# סימן רלד

וואָרום מען טאָהר ניט אויס ווייסען א מילכיגע כלי אום צו מאַכען איהר פאַר א פליישיגע און אויך ניט פערקעהרט, און מען טאָהר ניט אויסווייסען א טרפה כלי אום צו מאַכען איהר פאַר א כשרה?

דען אויב עס וואָלט ערלויבט זיין צו ווייסען כלים אום צו מאַכען פון פליישיגע מילכיגע און אויך פערקעהרט, און פון טרפה כשרה וועט יעדערער נור האָבען איין כלי און וועט איהר שטענדיג ווייסען, ווען ער וועט דאַרפען א אַנדער זאַך קאָכען און דאָס קען ברייננען צו גרויסע טעות'ען צו האָבען, (מג"א סי' תק"ט בשם הגאון רבי בנימין מפוזנא ששמע ממהר"ם יפה ובחולין דף ח' ע"ב).

---

# סימן רלה

וואָרום מיר שווענקען אוים די כלי מיט קאַלטע וואַסער נאָך דעם אויס'כשרה'ען?

דאָס איז אום עס זאָל ניט פערשלונגען ווערען אין די כלי די זעלבע וואָס די כלי האָט בעפאָר פון זיך אַרויסגעלאָזען, און אַזוי ווי אין די דינסטע פלייש איז יעדע פעדימעל פלייש גענהט דורך די בלוט, אָבוואָהל נור מיט מיקראָסקאָפּישע גלעזער קענען מיר דאָס בעמערקען די אונגעהייערע אונזיכט-באַרקייט, זאָ איז אויך אַ כלי האָט אויך דאָס זעלבע אונזיכטבאַרע לופט אטהאָמען וועלכע שלינגען איין און לאָזען אַרויס צוריק, די כלי מעג זיך זיין פון וועלכע מעטאַלע עס איז ווי אייזען אָדער קופּפער און דאָס גלייכען נעמען זיי אלס איין אין זיך.

---

# סימן רלו

וואָרום מיר שלאָפען ניט אויף בעט-געוואַנד פון הינערשע פעדערען?

וויל געזונטע פעדערען ציהען ניט אַן קיינע פייכטקייט און זי איז אימער טרוקען, אָבער הינערשע פעדערען ציהען אַן פייכטקייט, און ווען אַמענש לייגט זיך אויף הינערשע בעט געוואַנד ציהען אַרויס די פעדערען זיין איי-

געגע שוויים, און נאכהער ווען ער לייגט זיך אויף זיי אהנע שוויים קומט די זעלבע שוויים אין איהם אריין צוריק און דאס איז שעדליך (ראיתי בספר).

# סימן רלז

ווארום זיינען די צוויי שינ'ן אויף דעם „של ראש" איינער מיט דריי קעפליך און איינער מיט פיער, און ווארום איז גראדע א „שין" און נים קיין אנדער בוכשטאב, און ווארום דעקט מען צו דעם של יד און דער של ראש איז אפען נים פערדעקט?

אזוי ווי אין יאהר גיבט דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג טעג און עס גיעבען צוויי און פופציג שבתים אין יאהר אין וועלכע מען לייגט נים קיין תפלין און דרייצעהען טעג ימים טובים: יום כפור איין טאג, פיער טעג סכות, פיער טעג פסח, צוויי טעג ראש השנה, צוויי טעג שבועות, צו־צוזאמען איז דרייצעהען, אין די טעג לייגט מען אויך נים קיין תפלין צו זאמען איז פינף און זעכציג טעג אין וועלכע א איד טראגט נים קיין תפילין, אלזא בלייבט נור דריי הונדערט טעג אין יאהר אין וועלכע מען לייגט יא תפלין און דאס איז „ש" וויל „שין" איז דריי הונדערט אין צאהל (מטה משה), און דאס וואס איינער איז מיט דריי קעפליך און איינער מיט פיער, גיעבט א מיינונג דער זוהר הקדוש פ' ויקרא (דף רכ"ח) אין וועלכע עס קומט ארויס דער צאהל תרי"ג, דער בית יוסף או"ח סי' ל"ב וכן בב"ח ומעדני יום טוב גיעבט דארט אויך מיינונגען דעריבער, דער לעזער קען זיי געפינען אין מיין לשון קודש'דיגען „מנהגי ישרון", און דאס וואס דער של־ראש איז צוטהיילט אויף פיער בתים דאס איז געגען די פיער חושים וואס ביי א מענשען אין קאפ. וועלכע אלע זיינען אין איין קאפ דאך האבען זיי פערשידענע טהאטען, די אויגען זעהען, די אהרען הערען, דער מויל פיהלט דעם געשמאק, דער נאז ריכט אזוי איז דער סימבאל פון דעם של ראש־אויך אין בעזונדערע בתים, אויך אזוי איז דער גוף (ברכות ס"א). און ווארום מען דעקט צו דעם של יד נאך לייגען תפילין און דער של ראש בלייבט אבגעדעקט, איז דער טעם וויל דער של יד איז געגען די זאכען וואס דער מענש דיינקט אין הארצען, און אין הארצען ווייס דאך קיינער נים דאס איז דאך צוגעדעקט, אבער דער של ראש איז געגען די אויגען וואס זיי זעהען וואס איז אפענבאר, דארום איז דער של ראש אפען נים פערדעקט. און דער לבוש או"ח (סי' כ"ז) שרייבט: אז עס דארף זיין דער של יד פארדעקט, וויל אין די תורה איז געזאגט

„והיה לך לאות" ולא לאחרים, דאָס הייסט, פאַר דיר אַליין דאַרף דער צייכען פון די תפילה של יד זיין און ניט אַנדערע זאָלען זעהן. און דאָס וואָס יעדע פרשה אין די תפילין זיינען אַרומגעוויקעלט מיט האָר פון אַ קאַלב, און מען לאָזט אַרויס זיי פון אויסער די תפילין דאָס אַלע זאָלען זעהען די קעלבערנע האָר, איז דאָס צום אַנדענקען פון די זינדע וואָס אידען האָבען אין דער מדבר געדינט צום קאַלבען-גאָט. און דאָס איז אָבצוהאַלטען מענשען פון זינדע. דער רמב"ם זאָגט אַז דאָס איז אַ גוטער מנהג, און ווען עס איז ניטאָ די האָר פון איין קאַלב איז אויך רעכט די האָר פון איין קוה אָדער איין אָקס (הר"י אלכסנדרני).

# סימן רלח

וואָרום מאַכט מען איין ציצית די ערשטע פרשה זיעבען כריכות, די צווייטע אַכט, די דריטע עלף און די פערטע דרייצעהן כריכות?

וויַיל דער נאָמען „הויה" איז אָנגעצייגט אין די אַרומוויקלונג די פעדים פון די ציצית (כריכות), אין די ערשטע איז זיעבען כריכות, און אין די צווייטע איז אַכט, איז דאָס צוזאַמען פופצעהן בעדייטען זיי „יה" וועלכע בעטרעפט אויך פופצעהן. די דריטע איז עלף כריכות, וואָס דער צאָהל בעטרעפט „וה". און די פירטע איז דרייצעהן וואָס דער צאָהל בעטרעפט „אחד" צוזאַמען הייסט דאָס „הויה אחד" (שו"ע או"ח סי' י"א סי"ד ואחרונים).

# סימן רלט

וואָרום מיר לאָזען ניט קיין ספר תורה אָפּען, נור פערדעקט מיט דעם מענטעל?

דאָס איז גאַנץ איינפאַך וויַיל עס האָט איינינע מאָל געטראָפען דאָס עס איז אַרונטערגעפאַלען פון אָבדאַך ניט קיין ריינע זאַכען וועלכע האָבען זיך אָבגעבערקעלט פון די פאַרב מיט וואָס דער שופיט פון שוהל איז געווען געפאַרבען אָדער שטיקלעך האָלץ, און דאָס איז ניט קיין כבוד התורה (ר"ח שער היראה פט"ו), דער יורה דעה סימן רע"ז שרייבט אויך אַ מיינונג דעריבער.

# סימן רמ

וואָרום ווען מיר בענטשען זאָגען מיר „רבותי מיר וועלען בענטשען" אין זשאַרגאָן און ניט מיט דעם לשון פון די גמרא „הב לן ונברך" ?

ווייל עס גיעבען אָפטער ביי איין טיש וואס דאַרטען עסען אויך עמי ארצים וועלכע פערשטעהען ניט קיין לשון קודש, און ווען מען וועט זיי זאָגען אין לשון קודש וועלען זיי פילייכט ניט פערשטעהן דאס מען לאַדעט זיי איין צום בענטשען, און וועלען ניט ענטפערען אָדער ווייל זיי פערשטעהען ניט, אָדער ווייל זיי וועלען ניט וועלען מבטל זיין פון דעם עסען, דאַרום זאָגט מען אויף די שפּראַך וואס אלע פאַרשטעהען אום די הערער זאָלען אויפהערען צו עסען און ענטפערען „יהי שם ה' מבורך", וואס דאס בעדייטעט אז מיר זיינען פערטיג צו ענטפערען (באר היטב או"ח סי' קצ"ב).

---

# סימן רמא

ווען יעמאַנד ציהט זיך אָן אין א נייעם בגד זאָגען מיר צו ריס און בעניי זיך ווידער אין לשון קודש זאָגען מיר „תבלה ותחדש". און אויף שיך אָדער פוטער-פעלצע זאָגען מיר דאס ניט ?

מיר זאָגען ניט אויף שיך צוריס די און בעניי זיך ווידער, ווייל שיך און פוטערוואַרג איז גענומען פון די פעל פון בהמות און חיות, און אויף צו בענייען זיך מוז מען דאָך טייטען א בהמה אום צו מאַכען נייע שיך, און גאָט איז א באַרעמהערציגער אויף זיינע אלע געשעפּפע ורחמיו על כל מעשיו (תהלים קמ"ה) דאַרום נור וואס פון פעהל זאָגען מיר ניט תבלה „ותחדש" (הרמ"א באו"ח רכ"ג).

---

# סימן רמב

וואָרום אז איינער גיעבט יעמאַנד די האַנד „תקיעת כף" איז אזוי ווי א שבועה ?

ווייל די פינף פינגער פון האַנד זיינען די שלוחים פון די פינף חושים, דען יעדער פינגער געהער צו א אַנדער חוש, דער גראָבער פינגער געהער

צו קענען ריין מאַכען דעם גומען (חוש הטעם), דער צווייטער פינגער, דער צווייטער פון ערשטען גראָבען פינגער געהער צום נאָז מיט איהם שמעקט ער (חוש הריח), דער דריטער לייננסטער פינגער געהער צום אָנטאַפּען יעדע זאַך (חוש המשוש), דער פיערטער פינגער געהער צו די אויגען מיט איהם רייניגט ער די אויגען, און דער לעצטער קליינער פינגער געהער צו די אָהרען צו ריי־ניגען, און ווען יעמאַנד גיעבט אַ תקיעת כף הייסט דאָס ניט נור די האַנד אליין זאָל איבערצייגען זיין ריכטיגקייט נור זיין גאַנצער קערפּער מיט אַלע זיינע חושים וועלכע זיין האַנד איז זייער שליח. עס איז אַ קבלה ביי אידען ניט צו שווערען אין די פאָלגענדע טעג: דעם טאָג ראש חודש ניסן, פינפטען טאָג אין אייר, ד׳ סיון, דעם טאָג פון ראש חודש תמוז, דעם פיעראונצוואַנ־ציגטען טאָג אין אב, דעם זיעבעטען טאָג פון אלול, דעם טאָג יום כפור. דעם דריטען טאָג חשון, דעם דריטען און צעהנטען טאָג פון כסליו, דעם פיערטען טאָג טבת, דעם צוועלפטען טאָג פון שבט, דעם אַכטען טאָג פון אדר, צוזאַמען איז דרייצעהן טעג (ספר עבור שנים דף קכ״ד ומביאו הפחד יצחק).

---

## סימן רמג

וואָרום מען היטעט זיך צו נייען דעם בגד אַז מען טראָגט אויף זיך?

דאָס איז ווייל דאָס מעהרערע מאָהל פערענדיגט מען נעהען די תכריכים ווען זיי זיינען שוין אויף דעם קערפּער פון אַ מת, האַלט מען דאָס פאַר אַ סכנה צו נעהען אויף זיך דעם בגד, אויך זאָגט מען דאָס עס שאַדעט צום זכרון (ראיתי בספר).

---

## סימן רמד

וואָרום מיר זאָגען „צו געזונד" ווען יעמאַנד ניסט?

דער פרקי דר׳ אליעזר זאָגט: דאָס זינד די וועלט איז בעשאַפען געוועזען איז ניט געוועזען קיין מענש וועלכער זאָל ניסען און זאָל בלייבען לעבען, אין וועלכען פלאַטץ עס זאָל ניט זיין אין גאַס, און אין וועג ווען ער האָט נור געניסען איז ער געשטאָרבען. נור יעקב אבינו האָט אויף דיעזע קראַנקהייט גאָט געבעטען און דיעזע קראַנקהייט האָט זיך אומגעקעהרט צו גוטען, דאַרום

זאָגען מיר „צו געזונד" דעם יעניגען װעלכער ניסט, זאָ װײַט דאָס דער תלמוד זאָגט (ברכות כ"ב) אַז דער װאָס ניסט אין די צייט װען ער דאַװינט איז פאַר איהם אַ גוטער סימן, לויט דאָקטאָריע איז דער ניסען אַ גוטער סימן, װײַל די װעלכע װערען קראַנק אויף לונגען אָנצינדונג (נעמאָניע) און די לונגען װערען בײַ איהם צודאַרט דאָס ער קען ניט אָטהעמען און אַזוי חלילה קען בײַ דעם חולה אויסגעהן דער אָטהעם און ער שטאַרבט, איז אין די גאַנצע צייט פון זײַן קראַנקהײַט קען ער ניט ניסען װײַל צום ניסען מוז מען אָנגעהמען דעם גאַנצען אָטהעם, אָבער װען די קראַנקהײַט לאָזט אָב און דער חולה גיעבט אַ נאָס איז דיעזער נאָס איבערצײַגט דאָס זײַנע לונגען זײַנען צוריק גאַנץ, װײַל ער האָט אָנגענומען אַ פולען אָטהעם, און האָט געניאָסען, דאַרום זאָגען מיר „צו געזונד" װען יעמאַנד ניסט, צו צײַגען און װינשען דאָס ער זאָל אימער זײַן געזונד. דער בעריהמטער שרײַבער דוד פרישמאַן אין „תולדות השלמת האדם" זײַטע 150 שרײַבט: דאָס דער „צו געזונד" זאָגען אויף ניסען קומט פון די װילדע שבטים װעלכע גלויבען דאָס דורך דעם ניסען טרײַבען זיי אַרויס די שדים װעלכע זײַנען געלעגען אין דעם מענשענס קערפער, אָבער דאָס איז איין דומ־הײַט און אונזערע חכמים די בעלי התלמוד האָבען געװיס ניט געגלויבט אין אַזעלכע דומהײַטען.

---

# סימן רמה

װאָרום אַ קראַנקע קינד פאַרקויפט מען צו אַנדערע עלטערען?

דאָס איז אַן אַלטער מנהג און דאָס ברײַנגט דער ספר חסידים (סימן רמ"ה) דאָס װען יעמאַנד האָט אַ קינד װעלכער איז אַ מסוכן און האַלט בײַם שטאַרבען און עס קומט זײַנער אַ פרײַנד און זאָגט דאָ האָסט דו אַ טאָלער אָדער פלייש, אָדער װײַן, און דײַן קראַנקע קינד זאָל געהערען צו מיר פאַר דעם געלד, אָדער פלייש, אָדער װײַן איז דאָס ריכטיג געטוהן, דען פילײַכט איז נגזר געװאָרען דאָס נור זײַן קינד זאָל שטאַרבען אָבער װען ער געהער צו אַן אַנדערען װעט ער לעבען, און דאָס איז ניט אין דעם כלל פון אַבער־גלויבען, און דאָס זעלבע שרײַבט אויך דער שפת אמת (פי"ג).

---

# סימן רמו

וואָרום צו אַ געווינערין אָדער אַנדערע געפֿעהרליכע קראַנקע זאָגט מען דעם קאַפּיטל „יענך ה׳״?

ווייל אין דיעזען קאַפּיטעל גיעבט ניין פסוקים געגען די ניין מאָנאַטען פֿון שוואַנגערען, און זיעבעציג ווערטער געגען די זיעבעציג זאָרטען געבערענ־קראַנקהייטען, און דער קאַפּיטל זאָגט ישגבך שם אלהי יעקב עס זאָל דיר שטאַרקען דער נאָמען פֿון יעקב׳ס גאָט וועלכער האָט אויך געזאָגט העונה אותי ביום צרתי דער וואָס ענטפֿערט מיר אין מיין נאָטה׳ס טאָג. און צו זאָגען דעם קאַפּיטל איז בעשטימט פֿון די גרעסטע ווי דער פרדס, דער אליהו זוטא פכ״ג און דער תולעת יעקב ווי אויך אָנגעמערקט אין מדרש תנחומא פ׳ תזריע, און אין שמות רבה (פמ״ז) דאָס דיעזער קאַפּיטל ווירקט פֿאַר אַלע קראַנקהייט, ספּעציעל פֿאַר אַ פֿרוי ווען זי געהט שווער צו קינד.

---

# סימן רמז

וואָרום איז מען משנה דעם נאָמען פֿון אַ קראַנקען און מען מאַכט איהם אַ „מי שברך״, מען בענשט איהם?

ווייל פֿיער זאַכען צו רייסען אַ אונגליק אויף אַ מענשען ווען עס דאַרף איהם טרעפֿען, צדקה, שרייען צו גאָט, דאָס הייסט בעטען גאָט, און משנה השם זיין, דאָס הייסט איבערלעגען דעם נאָמען זיינעם אויף אַ אַנדערען, און איבער אַנדערסען די מעשים, דער נאָמען שרי, האָט גאָט געהייסען איבערלעגען איר נאָמען אויף שרה, און פֿון אברם אויף אברהם, און דער ביי זאָגט דער פסוק „וברכתיך״ און איך וועל דיר בענטשען, און משה האָט גערופֿען צו הושע בן נון, יהושע, וואָס דאָס בעדייטעט גאָט זאָל דיר העלפֿען, און איבערענדערען די מעשים, ווייל משה האָט געזאָגט צו גאָט אַלס ער האָט איהם געפֿרעגט, ווי איז זיין נאָמען, האָט ער איהם געזאָגט נאָך מיינע מעשים אַזוי איז מיין נאָמען, ביי משפט הייס איך „אלהים״, ביי מלחמה הייס איך „צבאות״, און ביי די אָבהייננונג פֿון זינדע הייס איך „שדי״, און ביי רחמנות הייס איך „ה׳״, און מענשען דאַרפֿען נאָך געהן נאָך די זיטען לעהרע די געטליכע, דאַרום אָט די אַלע זאַכען צוררייסען דעם גזר דין פֿון מענשען, און דאַרום זיינען מיר ביי איין אונגליק משנה השם און זאָגען „מי שברך״

דען זאָ ווי גאָט אַליין איז זיך משנה פון משפט אויף רחמנות, וועט ער אויף דעם חולה אויך משנה זיין פון דין צו רחמים, און ער וועט איהם העלפען.

---

# סימן רמה

וואָרום מיר גיעסען אויס די וואַסער פון די נאַכבאַרשאַפט וואו עס איז אַ מת?

איבער צווייערליי מיינונגען גיעסען מיר אויס די וואַסער פון דריי הייזער אַרום די הויז וואו אַ טויטענפאַל טרעפט נעמליך (בב"י ביו"ד סי' של"ט) אום ניט אָן צו זאָגען מונדליך אַ שלעכטע בשורה, ווען יעמאַנד ווירד אָבער זעהען ווי מען גיסט אויס די וואַסער, וועט ער זעלבסט פרעגען ווער עס איז געשטאָרבען, דאָס זעלבע איז וואָס אין אַ שטאָדט ווען עס טרעפט אַ טויטענפאַל געהט מען מיט אַ פושקע און מען זאָגט „צדקה תציל ממות" איז דאָס אויך נור אום דער צווייטער זאָל פרעגען ווער עס איז געשטאָרבען, ווייל זאָגען מונדליך הייסט ניט דער פסוק „ומוציא דבה הוא כסיל" זועלכער שפרעכט אויס ניט קיין גוטע ווערטען, ווירד ער גערעכענט פיר איין נאַר.

אַנדערע זאָגען דאָס די וואַסער נעמט אָן די סם המות טראָפּענס פון מלאך המות, נור אויף די נאַכבאַרשאַפט פון דריי הייזער אַרום דעם מת, און די וואַסער קומט צו אַ סכנה, און אַ סכנה איז ערגער פאַר אַ איסור (כרם שלמה יו"ד סי' של"ט) און זאָגאַר ווען עס שטאַרבט אַ מאַן פון אַ אַנדער נאַציאָן זאָגט דער פתחי תשובה (סי' של"ט) דאָס מען זאָל אויך די וואַסער אויסגיעסען, און שבת גיעסט מען ניט אויס די וואַסער, איז ניט מעהר אום ניט צו פעראומערען די אידישע שכנים וועלכע האַלטען דעם שבת פאַר אַ פערגניגען טאָג, אָבער מוצאי שבת דאַרף מען אויסגיסען לויט דעם מיינונג פון ש"ך, דאָס דער מלאך המות שווענקט אָב דעם שווערד אין די נאַכבאַרישע וואַסער, געגרינדעט אויף דעם פסוק „ותמת שם מרים ותקבר שם ולא היה מים לעדה" (במדבר כ') ווען מרים איז געשטאָרבען איז קיין וואַסער ניט געווען, ווייל מען האָט אויסגעגאָסען (באר הגולה ביו"ד סי' של"ט ובאמרי נועם פ' ל"ח) און אפילו אַז שטאַרבט אַ קינד ווייניגער 30 טעג דאַרף מען אויך אויסגיסען די וואַסער (פ"ת יו"ד של"ט).

---

# סימן רמט

וואָרום מען מאַכט צו די אויגען פון א מת נאָך דעם אז די נשמה געהט פון איהם ארויס?

אין פשטות מאַכט מען איהם צו די אויגען צו ליעב כבוד המת עבענזאָ ווי מען מאַכט צו אַ מת די מויל ווען ער שטאַרבט מיט אַ אָפענעם מויל (שבת דף קנ"א ברש"י) און דער פסוק זאָגט „ויוסף ישית ידו על עיניך" און יוסף זאָל זיין האַנד לייגען אויף דיינע אויגען, און דאָס איז אַ מיינונג אויף תחית המתים דער מת זאָל עפענען זיינע אויגען ביי תחית המתים, דאַרף זיין צו ערשט צו געמאַכט נאַכהער האָבען וואָס צו עפענען. נאָך דעם זוהר דאַרף דער אייגענער זון פערשיטען דעם קבר פון זיינע פערשטאָרבענע עלטערען. (זוהר ויחי דף כ"ב ע"א) און אויב ארץ ישראל ערד איז דאָ איז געווים גוט, ווייל דער פסוק זאָגט „ואת עפרה יחוננו" (תהלים ק"ב) און איהר ערד האַלטען זיי טייער. נאָך דעם ירושלמי האָט מען געלייגט אַ שטיק ערד אויף דעם ארון המת (ירושלמי כלאים ובפ' הנושא). מען איז זיך אויך נוהג ניט צו פערבינדען די פעדעם פון תכריכים ווען מען נעהט זיי אויף (עיין הרוקח). צו מטהר זיין אַ מת איז געגרינדעט אויף דעם פסוק „כל־עומת שבא כן ילך" ווי ער קומט זאָ דאַרף ער אַוועקגעהן, (קהלת ה') ווען דער מענש ווירד געבאָרען וואַשט מען איהם אַרום, דאָס זעלבע ווען ער שטאַרבט דאַרף מען איהם אויך אַרום וואַשען. דער רוקח שרייבט ווען מען טראָגט אַרויס דעם מת, דאַרף מען זיך היטען דאָס קיינער זאָל פריהער ניט אַרויסגעהן.

---

# סימן רנ

וואָרום מען איז מקבר אַ טויטען אין דעם זעלבען טאָג וואָס ער שטאַרבט?

געגרינדעט אויף דעם פסוק „ותמת רחל ותקבר" דאָס בעדייטעט דאָס נאָהענט נאָך די מיתה איז גלייך די קבורה (עי' מו"ק דף כ"ח). מען טאָהר ניט לאָזען איבער אַ סיבה אַ מת צו נעכטיגען אויף דער לעבעדיגער וועלט, אויסער ווען מען וואַרט אויף נייטיגע קרובים אָדער מען דאַרף איהם מספיד זיין, ווייל דאָס איז אַ לאו מן התורה „לא תלין" טאָהרסט ניט לאָזען איבער־נעכטיגען קיין טויטען אפילו ביי נאַכט דאַרף מען ניט מקבר זיין דאָ וואו

מען האט געקאנט ביי טאג מקבר זיין, וויל דער פסוק זאגט „כי קבור תקברנו ביום ההוא" אין דעם זעלבען טאג זאלסט דו איהם מקבר זיין. ליידער האבען מיר זיך אנגעפאנגען מיט מתים זיך נוהג צו זיין, דאס אום צו בעהערען די ספדנים ווארט מען מיט דעם בר מינן אויף א רב אבער א ספדן איניגע טעג אן קבורה. און אנשטאט כבוד קומט שאנדע פאר א מת, אויך קומט שוין דער צו דאס צוליעב געלד פיהרט מען אריין מתים אין שוהל לעבען ארון קודש און מען איז מספיד אין שוהל אפילו מחללי שבת בפרהסיא און זיינען מקיים דעם פסוק „ותטמאו את מקדשי בפגריהם" (ותרגימו בפגרי מותיתיהן) דען איין רב פון פילאדעלפיא האט גאר מספיד געווען לעבען ארון קודש א פרוי וועלכע איז וויט געווען פון יודענטהום כמעט בכלל הן אין איהרע פרויען טהרה און הן אין שבת, און מספיד צו זיין אזא פרוי אין א שוהל לעבען ארון קודש איז דאס גאר ניט געהערט געווארען, בעזאנדערס ווען דער רב אליין האט איהר נעהייסען אריין טראגען און שטעלען לעבען ארון קודש, וואס לויט דעם דין איז מעהר ניט ערלויבט אריינצוטראגען איין רב אדער א ראש הישיבה צו מספיד זיין אין בית המדרש דארט וואו ער האט געלערענט, און דער מחבר פון חכמת אדם כלל קנ"ה האט געשריבען: עס איז מיר צום בעדויערען ווארום מענשען האבען א טעות אז זיי האבען געזעהען אז מען האט אריינגעטראגען אין בית המדרש מיין מחותן צום מספיד זיין דעם הרב הגאון הגדול רבינו אליהו מווילנא, דיינקען זיי אז עס מותר אלעמען, עס איז א בזיון פאר דעם מת, און בריינגען שלעכ-טעס פיר דעם מת, עכ"ל. און עס איז ריכטיג א בזיון המת ווען מען טראגט איהם אין א שוהל מספיד זיין.

# סימן רנא

ווארום מען דאווינט ביי איין אבל ר"ל אין הויז?

רבי יהודה האט געזאגט (שבת דף קנ"ד) ווען עס גיעבט ניט קיינע טרייסטער נאך א מת קומען צעהען מענשען און זעטצען זיך אויף זיין פלאטץ און דער מעבר יבק בריינגט א געשיכטע דאס יעמאנד איז געשטארבען און האט ניט געלאזען קיינע טרייסטער, זיינען צעהן מענשען געזעסען אויף זיין פלאץ די גאנצע שבעה טעג, און נאך שבעה האט זיך אין חלום בעוויזען דער טויטער צו רב יהודה'ן און האט איהם געבענטשט דער פאר וואס ער האט איהם בערוהיגט אין קבר.

## סימן רנב

**ווארום עס איז דער שולד צו געבען איין אבל באלד ווי ער קומט פון בית עולם, דעם ערשטען מאהלצייט פון א פרעמדען?**

נאך גאר פון אלטע צייטען האט מען זיך נוהג געווען דאס איין אבל זאל די ערשטע סעודה ניט עסען פון זיינע אייגענע, דען דאס אליין איז געננג צום טרויערען ווען יעמאנד דארף עסען פון פרעמדע, פינסטער איז איז איהם זיין וועלט ווען ער דארף צו פרעמדע אנקומען (תולדות יצחק) און דוד המלך האט שוין אין זיינע אבלות געגעסען א פרעמדען מאהלצייט „להברות את דוד" (ש"ב ג') און רבה און רב יוסף האבען זיך אין זייערע אבלות אומגעביטען מיט זייערע סעודות. (מו"ק כ"ז), און גאט האט געזאגט צו יחזקאל הנביא דאס ער זאל טרויערען אויף אידישע זינדע און זאל זאגאר ניט עסען דעם ברויט פון פרעמדע מענשען „ולחם אנשים לא תאכל" (יחזקאל כ"ד) און א צוגאבע צו זיינע אבלות איז אויך דער עסען פון פרעמדע צו פערשטארקערען די אבלות, און פערצייטענס פלעגט דיזע סעודה מאנכע מאהל אויסקומען מיט מסירת נפש, און די סעודה בעשטעהט פון קיילעכדיגע זאכען ווי אייער אדער בייגעל, צו איבערצייגען דאס די וועלט איז רונד און קייקעלט זיך און קומט צוריק „גלגל החוזר" און עס מוז קומען צו תחית המתים. ווען א פרוי איז איין אבלה דארפען קיינע מענער איהר ניט ברייגגען די סעודה, וויל עס ניט אנשטענדיג, נור פרויען דארפען איהר אבל-מאלצייט ברייגגען. (ברייתא באבל רבתי והרא"ש כוף מו"ק). ערב פסח ברייגגט מען ניט קיין סעודת הבראה צו איין אבל.

## סימן רנג

**ווארום מיר בעטען מחילה פון א טויטען?**

צו איבער בעטען, דאס הייסט מחילה בעטען פון א טויטען, געפינען מיר שוין פון די צייטען פון די בעלי התלמוד (בגמרא ובירושלמי פרק ב' דיומא) און ווער עס דארף איבער בעטען א טויטען אויף זיין קבר דארף ברייגגען מיט זיך צעהן מענשען און דארף איהם מחילה בעטען און זאגען „חטאתי" וכו' (יומא דף פ"ז ומרדכי סי' תשנ"ד). וועלכע שרייבען דאס די טויטע זאל מען ניט בעליידיגען נאך דעם טויט איבערצייגט פון מדרש הנחומא

פ׳ ואתחנן, און אַז ר׳ נחמן בר יעקב האָט בעליידיגט שאול המלך נאָך זיין טויט האָט ער איהם אַפריהער מחילה געבעטען (יומא כ״ב). נור אַלגעמיין קומט די פראַגע אויב דער טויטער קערפער הערט די מחילה. ווירד בעאַנטוואָרט תלמודית און וויסענשאַפטליך דאָס דער קערפער שטאַרבט ניט אָב מיט איין מאָהל, און דאָס דער גייסט שוועבט אַרום זיין קערפער. זאָגסט ווי קומט דאָס וואָס יעמאַנד געהט אויף אַ קבר מתפלל זיין, און וואָרום זאָגען מיר „יזכור״, און רב האָט געזאָגט (שבת דף קנ״ג) דאָס ווען איהר וועט מיר מספיד זיין, זייט וויסען דאָס דאָרט בין איך אויך פאַראַנען, און מאַכט אַ וואַרעמען הספד „אחים בהספדאי דהתם קאימנא״. און דער מדרש קהלת און דער ירושלמי (פרק אין מעמידין) זאָגען דאָס דער טויטער הערט זיין לויב ווי פון אַ חלום, אויך ווירד געזאָגט דאָס דער מת הערט ביז דער קבר וועט פערשאָטען. אַנדערע זאָגען ביז דאָס פלייש ווירד פערניכטעט.

און מיר האָט געזאָגט אַ געוויסער געלעהרטער דאָס דורך די מיטלען פון פאָספאָר דורך רעהרען וועלכע ער שטעקט אַריין אין אַ קבר וועלכער איז שוין לאַנגע יאָהרען טויט, ציהט ער אַרויס דעם שטן פון דעם קבר וועלכער שוועבט אין די לופט אין דעם זעלבען געשטאַלט ווי דער מת האָט אויסגעזעהען ביי זיין לעבען, ווי ער זאָגט האָט ער אויף דיעזעם פראָבען געמאַכט. איבער־צייגט אויך וויסענשאַפטליך דאָס אַ טויטער שטאַרבט ניט אָב מיט איין מאָל נור לאַנגזאַם, דאַרום איז שוין רעכט וואָס דער תלמוד הייסט מחילה בעטען פון אַ טויטען וועיל ער הערט אַלעס. דאָס וואָס פרויען נאָך אַ לויה אָדער אַ הספד זאָלען שטעהן אָדער געהן בעזונדער, איז נישט מעהר וועיל דער דריקען זיך צום הספד קען אויסקומען אונאַנשטענדיגקייט. דאָרט וואו מען דאַרף גאַר טרוי־ערען, און אום איין צו שרעקען דעם עולם האָט מען איינגערעדט דאָס דאָרט וואו מענער און פרויען קומען צוזאַמען ביי אַ לויה אָדער אַ הספד איז דער מלאך המות אין מיטען.

אין אַמעריקאַ לייגט מען דעם טויטען אין איין ארון איידער מען ברייננגט איהם צו די קבורה, איז וועיל פאַר זיין לעבען האָט געוואָהנט דאָרט אין קערפער אַ נשמה, גיעבט מען כבוד אויך דעם קערפער, מען פערהייליגט אויך דעם פלאַטץ פון בית המקדש, וועיל דאָרט האָט אַמאָהל גערוהט די שכינה. דער ארון מוז דוקא זיין פון האָלץ און מיט לעכער אין דעק, דער פסוק זאָגט „עפר אתה ואל עפר תשוב״ ערד מוז קומען צו ערד. אָבער חלילה ניט קיין מעטאַלענעם אָדער אייזערנעם ארון (עיין בשל״ה הקדוש דף קמ״ו). בלומען צו לייגען אויף איין ארון אָדער אַ קבר Blumenkranz האָבען דאָס נימאַלס אונזערע עלטערען געוואוסט דערפון, און דאָס איז אַ מנהג פון גוים, עס איז געוויס אַ גרויסע זינדע, בעסער דאָס געלד אָב צו געבען וואָס

עם קאסטען די בלומען צו ארימע לייט און צו עלענדע יתומים און אלמנות, מיט דערמיט וועט ער דעם טויטען טאהן א נחת רוח, אום זיין נשמה זאל גיכער קומען אין גן עדן.

## סימן רנד

ווארום נאך די קבורה רייסט מען גראז מיט די ערד און מעןווארפט א הינטער זיך און מען וואשט די הענד?

געדענקט דאס מיר ערד זיינען (תהלים ק״ג) „זכור כי עפר אנחנו״ און ערמאנערט אייך, דאס איהר זייט שטערבענדע, און אויך געדענקט דאס אזוי ווי די גראז וואס איהר רייסט ארויס איז איבער א יאהר וואקסט אויף דעם זעלבען פלאטץ דאס זעלבע גראז, דארפט איהר וויסען, דאס עס גיעבט גאר ניט קיין שטארבען נור א אומבייטונג און אלס לעבט אב צוריק, ווי אויך די טויטע, און דאס בעווייזט אויף תחית המתים. איהר ווארפט זיי איבער אייערע קעפ, צו איבערצייגען דאס די נשמה איז העכער אלעס איין ערד זאכע, און זי שטארבט ניט, נור זי ווערט געשפייזט מיט גייסטליכע ערנעהרונג, אויך איוב׳ס פריינדע האבען אזוי געטוהן געווארפען ערד אין. דער הויך „ויזרקו עפר על ראשיהם השמימה״. און וואשען די הענד נאך א לויה איז צו פער־פאלקאמען די ריינליכקייט וועלכע האט פערצייטענס עקזיסטירט דורך וואסער, ערד, און גראז, „מים עפר ואזוב״ (תורת אדם להרמב״ן), און דער מדרש רבה (במדבר פ״ט) און דער בעל הטורים אין פרשה נשא גיעבען צו עהנליכע ביישפיעלע פאר דיזען מיינונג.

## סימן רנה

ווארום מיר זאגען „ויהי נועם״ ארויסגעהענדיג פון בית הקברות (רמ״א יו״ד שע״ו)?

ווייל די אלטע פעלקער האבען גיגלויבט דאס דורך כשוף קען צוריק די נשמה קומען אין איהר קערפער אין א צייט פון צוועלף מאנאט (הבחיי על הפסוק לא יהיה אוב וידעוני כו׳ קוסם), און מאנכע פלעגען פערבלענדען די אויגען מיט פערשידענע קונצען צו איבערצייגען דאס זיי האבען צוטוהן מיט טויטע און קענען ווירקען אויף זיי, דארום זאגען מיר ויהי נועם ה׳ עלינו, מיר נעמען די אנגענעהמליכקייט גאטעס אויף אונז דאס ער טויטעט און מאכט לעבעדיג

אָבער קיינע קונצען און קיינע כשוף, אין מעהרערע קהלות זאָגט מען „ויהי נועם״ אַרויפטראָגענדיג דעם מת אויף דעם בית־חיים ביז׳ן קבר.

# סימן רנו

די וואַסער וואָס מען וואַשט זיך נאָך א לויה, ווארום גיעבט מען די כלי נישט פון האַנד צו האַנד,נור מען שטעלט די כלי אויף דער ערד, און דער צווייטער נעמט איהר פון דער ערד?

דאָס איז ניט מעהר דאָס איין אונגליק זאָל איינער. דעם צווייטען ניט איבערגעבען. און מען געהט ניט אַריין אין אַ הויז ביז ער וואַשט ניט די הענד (הרמ״א ביו״ד סי׳ שע״ו) און דאָס איז בלויז אַ מנהג וועלכער איז פערבליבען פאַר אַ תורה, אויך איז פערצייטענס געווען אַ חרם דאָס נאָך אַ לויה זאָל מען ניט וואַשען די הענד פון אַ טייך, ווייל עס איז אַמאָל אַרויסגעקומען דערפון גרויסע צרות אויף אידען, דאָס די גוים האָבען געזאָגט דאָס די אידען האָבען פערגיפטעט די וואַסער, אויך קומט אַרונטערגעשווייגט פון וואַסער אַלע רוחות רעות. יום טוב דאַרף מען ניט וואַשען די הענד נאָך אַ לויה.

דאָס וואָס מען ווישט ניט אָב די הענד נאָך דעם וואַשען זיך קומענדיג פון אַ לויה, איז דאָס ניט מעהר ווי צו ציינען דאָס מען רייסט ניט אָב זיך פון געדאַנקען די אבלות און דעם ערינערונג פון יום המות (מבי״ד).

# סימן רנז

ווארום מען זיצט „שבעה״ דוקא זיעבען טעג?

משה רבינו האָט מתקן געווען זיעבען טעג צו טרויערען, און זיעבען טעג פריידע פאַר חתנים און כלות (ירושלמי פרק קמ״א דכתובות והרמב״ן בתורת האדם) און די זיעבען טעג אבלות איז געגען די זיעבען טעג פריידע פון חתנים און כלות, און גאָט זאָגט אַז איהר טרויערט די זיבען טעג אויף דער וועלט וועל איך אייך פריידע בעצאָהלען אויף יענער וועלט אויך מיט די זעלבע צאָהל והפכתי אבלם לששון (ירמיה ל״א), און אַלעם יעקב איז געשטאָרבען האָט יוסף מיט די ברידער אויך געטרויערט זיעבען טעג. ויעש לאביו אבל שבעת ימים (בראשית נ׳), און אַזוי ווי יום טוב איז זיעבען טעג

אזוי דארף אויך זיין אבלות זיעבען טעג (מועד קטן דף כ׳), און דארום האט גאט געזאגט פאר דעם מבול דאס נאך אין זיעבען טעג ארום וועל איך לאזען רעגענען דעם מבול אויף דער וועלט, ווייל ער האט אבגעווארט די זיעבען טעג אבלות פון מתושלח וועלכער איז דאנמאל געשטארבען (מרדכי יומא ובראשית רבה), און גאט האט געהייסען אבלות דוקא זיעבען טעג, ווייל דער מענש מוז טרויערן איין טאג אויף דעם צאהל פון צעהן יאהר פון זיין לעבען, דען דער געוואהנליכער צאהל פון לעבען איז זיעבענציג יאהר, דארום איז דער צאהל זיעבען טעג אויף אבלות. און דאס האט א מיינונג פון די תורה אויסצולעבען זיעבענציג יאהר, ווייל דער צאהל ובחרת „ב׳ח׳יי׳ם״ איז דער צאהל זיעבעציג. איין אבל אין שבעה טאר ניט עולה לתורה זיין, ווייל די תורה איז א פריידע ווען מען רופט אויף צו איהר אבער ניט קיין טרויער, ווען זאגאר ביי דעם אבל איז א ברית מילה, דאך טאר ער ניט עולה לתורה זיין (הט״ז ביו״ד סי׳ ת׳ ועוד פוסקים).

---

# סימן רנה

וואָרום מען לייט ניט און מען טראגט קיין זאך ארויס פון א שבעה הויז?

אבוואהל דער אליהו רבא על או״ח (והובא בחדושי רעק״א ביו״ד סי׳ שע״ו) זאגט, ווייל אויף די כלים פון א שבעה הויז רוהט א רוח רעה, דאך בלייבט א פראגע ווי רייניגט מען די כלים נאך שבעה אז דער רוח רעה זאל ארונטערגעהן? נור דער אמת׳ער מיינונג איז נאך א ריכטיגען איבערבליק א איינפאכער, ווייל נאך דעם טויט געהער אלעס נאך צו דעם מת כל זמן די יורשים האבען זיך ניט צוטהיילט, און ווען יעמאנד לייט א כלי איז ערשטענס לייט ער איהר אן די ערלויבעניסע פון בעל הבית, דען ער איז דאך שוין טויט, און צווייטענס קען אויס קומען אז די יורשים זאלען פערגעסען די כלי אבצונעמען פון דעם דער וואס לייט. און דאס הייסט געגזלט פון א מת וואס די גזלה איז ערגער ווי די גזלה פון א לעבעדיגען (מסכ׳ שמחות פ״ט), נור פאר דאס פאלק האט מען געמוזט געבען שטרייגגערע מיטלען דאס זיי זאלען זיך ניט וואגען צו נעמען קיין זאך פון א שבעה הויז.

---

# סימן רנט

וואָרום נאָך שבעה געהט מען אַריין אין ניט קיין אידישע הויז?

חלילה איז אונז צו דענקען וואָס דער המון דענקט אויף דעם אַריינגעהן אין ניט קיין אידישע הויז, חלילה איז אונזער הייליגע פאָלק פון רחמנות, דאָס מיר זאָלען דענקען בעזעס אויף אַנדערע נאַציאָנען מיט אונזער אַריינגעהן צו איהם נאָך אונזער טרויער חלילה, „לא תרצח" איז ביי אונז דער גרעסטער פערברעך. דאָס ווען זאָגאַר אליהו הנביא האָט געלאָזט אויסטויטען די פאַלשע נביאים פון דעם אָב גאָט בעל, האָט איהם גאָט געזאָגט איך וויל ניט דיינע נביאות, דו האָסט מענשען געלאָזט מאָרדען (עיין בביאור מלכים א' י"ט), נור אליהו האָט זיי ערמאָרדעט אויף זיין אייגענעם רעכענונג, און גאָט האָט זיך צו איהם ניט בעוויזען אַ לאַנגע צייט, ווילך לנפשו (ער וואַר זיך זעלבסט איבערלאַססען) האָט ער דעם פערברעך אַליין געטאָהן אָהנע גאָטעס ווילען, אויך גאָט האָט ניט געהייסען אָבנאַרען קיין מענשען (ילקוט תורה) ניט קיין אידען ווי אויך פון אַנדערע נאַציאָנען, ספּעציעל אונזערע קריסטען וואָס גלויבען אין אחדות הבורא—זיי געווים ניט. דען ווען די אַלטע היידען האָט גאָט ניט ערלויבט זאָגאַר זיי ניט צו פעראַכטען **לא תתעב אדומי כי אחיך הוא**. און דער תלמוד (גיטין ס"א) האָט אונז געהייסען צו געבען צדקה ווי אָרימע אידען אַזוי דאָס זעלבע די אָרימע פון היידען און אויך היילען זייערע קראַנקע. אויך דער ספר חסידים (סי' שצ"ה) שרייבט: אַז מען מוז זיין טריי יעדען וועלכער עס איזט, זאָ גלייך ווי אַ אידען, און ווען אויך אַז מען זעהט אַז אַ קריסט האָט אַ טעות, מוז מען איהם געבען גלייך צו וויסען, און מען טאָר איהם ניט נאַרען, און אין סי' תתרכ"ב שרייבט ער: דאָס ווען אויך אַז אַ איד וויל ערמאָרדען אַ קריסט, איזט אַ פפליכט אויף דעם איד וועלכער זעהט דאָס צו שטרייטען מיט דעם איד און ניט לאָזען איהם אויספיהרען זיין אונמענשליכען פערלאַנג, הייגט ווי אַזוי ווערט אונז ערלויבט זיין צו דענקען וועגען זיי בייזעס, נור דער אַריינגעהן נאָך אבלות אין אַ הויז פון ניט אַ אידען איז גענומען פון תלמוד (שבת ל"ב), דאָס אַזוי ווי דער ירושלמי (סוף מו"ק): זאָגט דאָס זאָגאַר נאָך אבלות שטעהט נאָך דער שטן אונז צו פערליימדען, זאָגט דער תלמוד (שבת ל"ב) דאָס ווען צוויי נאַציאָנען קומען צוזאַמען דאַן פערליערט דער שטן זיין מאַכט. דאַרום קומען מיר אַריין נאָך אבלות אין אַ הויז פון אַ אַנדער נאַציאָן אום גאָט זאָל אונז בהידען אויסהיטען פון דעם שטן'ס פערליימדונג.

# סימן רס

וואָרום שטעלט מען אגלאז מיט וואסער מיט אברענענדע ליכט די גאנצע שבעה טעג ?

דער בעל מענה לשון שרייבט אויף די וועלכע וואגען זיך צו טאָהן אזא פערברעך צו שטעלען א גלעזעל וואסער און א ברענענדע ליכט אין א שבעה הויז, איינגערעדט דעם אבערגלויביגען עולם אז די נשמה איז זיך טובל אין די גלאז וואסער, און דאָס איז פשוט א געטצענדיענסט וואָס אידען זיינען פערבאָטען אזעלכע זאכען צו טוהן, די ליכט וואס עס ברענט איז גוט, אָבער די וואסער זאָל זיך נימאנד וואגען צו שטעלען, עס איז מעגליך דאָס דיעזער שלעכטער מנהג קומט דער פון וואָס פון אנפאנג האָט מען דיזע וואסער געשטעלט פשוט פאר די וואָס קומען דאווענען און דארפען וואשען די הענד ווי אין די שוהלען שטעהט אויך וואסער די הענד צו וואשען, שפעטער האָבען עמי ארצים אריינגענומען דיזע וואסער ניט אויף צו וואשען די הענד נאָר די נשמה זאָל זיך דאָרט וואשען .

---

# סימן רסא

וואָרום האלטען מיר אבלות גאנצע דרייסיג טעג, און זיך ניט פוטצען און שערען ?

דער תלמוד האָט די אבלות טעג צוטהיילט פאָלגענדעס : דריי טעג צו בעוויינען דעם מת, דרייסיג טעג זיך ניט צו פוטצען און שערען די האָר, און די איבעריגע זאָגט גאָט אז אייער רחמנות דארף ניט זיין גרעסער פאר מיינעם (מו״ק דף כ״ז ע״ב). די חז״ל האָבען אָבגעגרענעצט די אבלות איבער א וויכטיגען מיינונג נעמליך : דאָס אלע גלגלים און אלע שטערען זיינען פערבונדען מיט די גרינדען פון די יסודות, אין איינע מיט די אנדערע, און האָבען א ווירקונג איינער אויף דעם צווייטען, און זיי האָבען בעשטימט דאָס דער טויט איז ניט דער מאָמענטאלנער איבער אָבשטארבען מיט איין מאָל, זאָנדערען די כחות האָבען נאָך צו זאָגען און פיהלען און פערבינדען איינער מיט דעם צווייטען, און אז יעמאנד שטארבט איז ער ניט מיט איינמאָל אָבגעשטאָרבען, ווייל ער שטארבט צו ביסלאך ווייס ביז א יאָהר, וואָס עס ווירד אָבגעשיידעט דער גייסט פון קערפער, און דער קערפער בלייבט ערד און דער גייסט צומישט זיך צווישען די הימעל גייסטער, דארום איז דער ערשטער טאָג פון שטארבען הייסט אנינות פאָלקאָמע טרויער, ווייל דער גייסט (נשמה) איז נאָך צוגעבונדען

צום קערפער, און דער טויטער הערט אלעס ווי דורך א חלום, און וואס די פלאנעטען וואנדערען ווייטער אלעס ווערט ערווייטערט דער גייסט פון א טויטען קערפער.

די ערשטע דריי טעג זיינען טעג צום בעוויינען, וויל ער בעוויינט נאך אזא וועזען וועלכער ענטהאלט נאך א געוויסע צאהל לעבען, ביז זיבען טעג האט נאך אויך דער גייסט צוזאמענבינדונג מיט דעם קערפער, אבער איין עטוואס ווייניגער, לויט די ציהונגס קראפט פון די פלאנעטען וועלכע ציהען זיך אב פון דער ערד, נעמליך פון דעם טויטען קערפער. און ווען יעמאנד וויינט אין די דריי טעג, וויינט ער צו אזוי וואס הערט נאך, און טרויערט זיבען טעג צו א וועזען וועלכע פיהלט נאך (שמחות פ״ח), און צו זיבען טעג פאנגט אן די פערניכטונג פון קערפער דורך די ערדישע קראפט פון צו פוילען (רקבון), און דארום איז נאך דער צער גרויס פון די אבלים, וויל עס פאנגט זיך אן די פאלקאמע פערניכטונג, אין א מאנאט דרעהט זיך שוין איבער א געוויסער גלגל וואס פערניכטעט די פלייש טהיילען וועלכע די ערד ענטהאלט נאך אין זיך, דעריבער איז אסור זיך צו פוטצען און שערען די האר, און ביז א יאהר ווען אלע צוזאמען געקניפטע פלאנעטען דרעהען זיך שוין איבער, ווערט דער קערפער אין גאנצען פערניכטעט, און בעטען און תפלה טאן צו ערד איז שוין איין דומהייט.

דארום כל זמן עס איז נאך פערבונדען די נשמה מיט דעם קערפער קען מען נאך בעטען און דאס איז די אבלות און קדיש דעם גאנצען יאהר, און די שלשים וועלכע מען היט אב, דארום זאגט די גמרא „משפט רשעים בגיהנם שנים עשר חודש" דאס די רשעים ווערען געמשפט צוועלף מאנאטען, און יעקב'ן און משה'ן ווי אויך אהרן האט מען בעוויינט צו דרייסיג טעג, וויל ביז דרייסיג טעג איז נאך צו זאמען געבונדען דער קערפער מיט זיין גייסט, שפעטער ביי גרויסע גייסטיגע מענשען, און נאך דרייסיג טעג ווען די נשמה קליידעט זיך אן אין איהרע גייסטער קליידער צו שטעלען זיך פאר גאט, מאגען שוין די אבלים זיך אויך אנציהען קליידער און זיך אבשערען (עיין בספר נשמת חיים פרק כ״ט חלק שני ובזוהר ויקהל דף ר״ט ובתנא דבי אליהו ח״א פ״ד ובעקדה שער נ״ט).

און דער לחם הפנים (סי׳ שע״ה) שרייבט: דאס „אבל" הייסט א צוזאמען לייגענדער ווארט ווי און אויף וועמען צו טרויערען. נעמליך: „אבל" „אב" פאטער, „אם", מוטער, „אח", ברודער, „אחות", שוועסטער, „בן", אזון, „בת" אטאכטער, „ל" יום די אלע מוז מען טרויערען דרייסיג טעג, און די תורה שרייבט אויך „ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים" זי מוז בעוויינען איהרע עלטערען א מאנאט טעג, און דער וואס טרויערט מעהרער פערדארבט

ער זיך אַליין, און גאָט ערטראַגט ניט ווען מען טרויערט מעהר אַלס אַ מאָנאַט, זאָ ווי מיר האָבען פריהער געשריבען, ריעזען מיינונג זיינען איינשטימיג אויך גרויסע געלעהרטע, און דקטורים.

איין אבל זאָל ניט זעטצען זיך אין שוהל אויף דעם זעלבען פּלאַטץ וואָס ער זיצט אימער (סו"ק כ"ב), איז אויב דער טויטער איז געווען אַ געלעהרטער מאַן, איז צו ערוועקען טרויער ביי זיינע תלמידים, און אויב אַ געוועהנליכער מענש איז אום מזכה צו זיין די דאַווענער מיט גמילות חסד (טור יו"ד שצ"ג, וביו"ד שד"ם).

# סימן רסב

ווארום מען זאָגט עלף חדשים קדיש נאָך אַ טויטען, און וואָס איז דאָס קדיש זאָגען?

זאַגאַר פריי דענקער און רעפאָרמער וואָס פעראַכטען צו אַלעס וואָס עס איז נור רעליגיעזיש און אידיש, דאָך האָט נימאַנד בעריהרט צו בעזעס דעם קדיש נאָך די טויטע עלטערען אום איהם ניט צו זאָגען, אַלזאָ קומט אונז אוים נור צו פרעגען וואָס איז דאָס קדיש? און אויף וואָס פאַר אַ באָדען דער קדיש איז געגרינדעט, דער אורקוועל פון דעם קדיש גיעבט אין מסכתא סופרים (פרק י"ט הלכה י"ב), און די מסכתא סופרים איז פערפאַסט נאָך די רבנן סבוראי אַרום 500 יאָהר נאָך ספירת הנוצרים רעכענונג, און דאָרט ווירד געזאָגט דאָס נאָך דעם ענדיגען מוסף געהט דער חזן הינטער די טיהרען פון שוהל און טרעפט דאָרט די אבלים, און ער זאָגט אויף זיי אַברכה נאָכהער קדיש, און די זעלבע זאָגען דער איר זרוע הלוי שבת, און מסכתא כלה רבתי פרק ב' פערפאַסט אין פירטען יאָהר הונדערט אין פינפטען טויזענדען יאָהר, און דאָרט ווערט געפרעגט אויב קינדער קענען אָבווישען די זינדע פון עלטערען, און ער איבערציינט מיט די בעוואוסטע געשיכטע פון רבי עקיבא, וואָס אַ טויטער האָט איהם ר' עקיבא'ן געבעטען דאָס ער זאָל זיין קינד לערנען קדיש און ברכו, אַנדערע זאָגען נאָר ברכו אַליין, זאָנסט האָט ער קיין רוהע ניט אויף יענער וועלט, און דער תנא דבי אליהו זוטא, וועלכער איז פערפאַסט געוואָרען בערך 650 יאָהר נאָך זייער רעכענונג, בריינגט די זעלבע עהנליכע געשיכטע נור ניט אויף רבי עקיבא'ן זאָנדערען אויף ר' יוחנן בן זכאי, נור דער טויטער האָט איהם געבעטען זיין קינד צו לערנען זאָגען ברכו, אום ער זאָל איהם קענען אַריינבריינגען פון גיהנם אין גן עדן. און אָבוואָהל דער לשון פון קדיש ווירד ניט ערוועהנט אין קיין

מדרש, און ניט אין קיין מסכת נור ברכו, איז דאס ניט מעהר וויל פערצי-
טענם ווי אויך יעצט אין ארץ ישראל זאגט מען נאך קדיש „ברכו את ה'
המבורך" און אין תלמוד ווירד נור עראינערט „יהא שמיה רבא" און אויף
דעם „יהא שמיה רבא" גיעבט ניט קיין פלוגתא פון קיין תנא, אדער
אמורא, נור אלע בעשטעטיגען דיעזע היילינע תפלה, איז דאך איבערצייגט
דאס דער קדיש איז דאך פארט איינע וויכטיגע געבעט וואס מען האט פון
אייביג רעספעקטירט עבענזא ווי „קריאת שמע" וואס אויף דיעזעס גיעבט אויך
ניט קיינע דעבאטען, נאר דאס זעהען מיר דאס אלע האבען זיך געטיהט צו
לערנען א קליינעם יתום קדיש, אום צו ברייננען זיינע טויטע עלטערען אין
גן עדן און רעטען זיי פון דעם גיהנם, און דער טויטער בענייטיגט זיך צו
האבען א שטיצע פון א קינד וועלכען ער לאזט אויף דער וועלט, און דאס די
טויטע בענייטיגען זיך א גייסטליכען שפייז וועלכער ער איז גענומען פון דער
אונטער וועלט, און פון זיינע איינענע קינדער, און לויט גייסטיגע וויסענשאפט
זיינען דאך געבונדען ביידע וועלטען מיט די בינדע פון גייסטיגע שפייז, און
אום צו פערבעסערען די לאגע פון די טויטע דאס זיי זאלען שנעלער קומען
צו דעם גייסטיגען לעבען, האבען די חז"ל געמאכט א דעבאטע אויב א זון
קען ברייננען נוטצען די טויטע עלטערען „ברא מזכה אבא" מיינענדיג דערביי
דאס ווען דער זון וועט טאהן א גוט, זאך צו דעם בענעפיט פון זיינע
טויטע עלטערען צו ברייננען זיי אין א העכערע גייסטער וועלט, און
עס איז בעשטימט געווארען דאס דער זון קען יע ברייננען דעם פאטער און
מוטער אין א הויכע ספערע, דאמיט וואס ער וועט לערנען, אין קדיש זאגען.
לערנען איז דער הויפט, געוויאהנליך מוז ער דער זון אפריהער בעצאהלען
אלע שולדען וואס דער פאטער האט געלאזען, ווי אויך חלילה א גזלה וואס
דער פאטער האט גע'גזלט ביי פרעמדע, און גראדע זאל דער זון אליין לער-
נען און אליין זאגען קדיש, ניט קיין פרעמדע, דער בעוויז איז פון רבי עקיבא
וואס דער טויטער האט איהם געבעטען דאס ער זאל זיין זון לערנען קדיש
און ברכו, אבער ער האט ניט געבעטען דאס ר' עקיבא זאל אליין פאר
איהם לערנען. פון די אלעם וואס מיר האבען דא עראינערט איז עס איבער-
צייגט אז דער לערנען קדיש איז א קידוש השם פאר קליינע יתומים וועלכע
אבוואהל גאט האט פון זיי זייערע עלטערען צו גענומען דאך זיינען זיי מצדיק
הדין אויף זיך און זיי זיינען מקדש השם מיט זייער זאגען „יתגדל ויתקדש
שמיה רבא". אבער גרויסע אידען ביי דער צייט וואס טוהען אב אלע בעזעס
אויף דער וועלט און זיי לויפען זאגען קדיש, די באגראבען זייערע טויטע עלטע-
רען אזוי ווייט אז זיי וועלען חלילה ניט אויפשטעהען קיין תחית המתים, זיי
דערמאנען די זינדע פון די עלטערען מיט די קינדער צו זאמען און טוהען

דעם טויטען פילע שלעכטעס (עי' בספר קריש לעלם, ובסנהדרין נ"ב). און דאס וואס מיר זיינען זיך נוהג צו זאגען קדיש נור עלף חדשים, איז וויל די חז"ל האבען איבערצייגט דאס צוועלף מאנאטען משפט מען א רשע אין גיהנם, איז אום ניט צו מאכען אונזערע טויטע עלטערען פאר רשעים נעמען מיר ארונטער א חודש, און מיר זאגען נור עלף מאנאטען קדיש. אמיינונג איבער דעם זאגט דער זוהר (ויחי דף רנ"ה) אויך דער תלמוד (שבת קנ"ב) בעשטעטיגט אז צוועלף מאנאטען האלט נאך אן קערפערשאפט דער טויטער און די נשמה שוועבט ארויף און ארונטער, און דער מדרש רבה (ויקרא פי"ח) פרעגט ווען קעהרט זיך אום דעם מענשענס גייסט צו גאט, צו דעם פלאטץ פון וואו ער איז גענומען געווארען? ענטפערט דער מדרש, דאן ווען דעם מענשענס קערפער ווערט ערד צוריק ווי ער איז געוועזען צו פאלקאמע פערניכטונג, און אזוי זאגט אויך דער זוהר אין פ' שלח, און אין פרשה תרומה קנ"א (ועיין בט"ז יו"ד סי' ר"מ).

# סימן רסג

וואָרום דעם גאנצען מענשענס לעבען זאגט מען קדיש אין דעם שטערבע טאג פון די עלטערען יעדען יאהר-צייט?

נאך דעם האר"י ז"ל איז דער קדיש זעלבסט צו ברייננען די טויטע אין גן עדן, און דער יאהר-צייט איז צוברייננען די טויטע עלטערען צו א העכערע מדרגה אין גן עדן, און דער יאהר-צייט טאג איז דער טאג פון משפט פאר די טויטע, דארום בעטען די יתומים רחמנות פאר די טויטע עלטערען מיט לערנען משניות און זאגען קדיש (עיין זכור לאברהם אות ק' ובעל לויה בדרך כ"ב ובנשמת חיים מ"ב פכ"ז), און דאס אלעס קומט איבער די פראגע אייב א זוהן קען מזכה זיין זיין טויטען פאטער (סנהדרין דף ק"ד). אבער לויט דעם ספר יש נוחלין (דף י"ב) איז דער קדיש גאר ניט קיין תפלה, און דער קדיש העלפט גאר ניט דעם טויטען, נור דער טויטער פאטער אדער מוטער האבען א זכות ווען זייער ארימער יתום איז מקדש השם. וויל דער קדיש אליין האנדעלט אין זיך ניט מעהר א קידוש השם געבעט, דאס הייסט ווען דער קליינער יתום שטעלט זיך פאר דעם ארון הקודש און זאגט, אבוואהל גאט דו האסט צוגענומען מיין טאטען פון מיר און איך בין עלענד ארום, און אונגליקליך געבליבען דאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבא" איז דאס אלעס ברייננט נעווים א פערצייהונג צו די טויטע עלטערען *).

*) איין מציה איז דא אין אמעריקא די וויכטיגסטע פיר גאנץ תרי"ג מצות דאס

און אַז אַ טאָכטער זאָל זאָגען קדיש ווען קיין זוהן איז ניטאָ, איז לויט דעם ספר החיים איז דאָס ניט מעהר ווי אַ נאַרעשער מנהג, און דאָס דאַרף אַרויסרופען ניט מעהר ווי אַ געלעכטער, דאָך אין תשובת חות יאיר (בפ"ת יו"ד סי' שע"ו סק"ג) גיעבט אַ דין ווען די טויטע עלטערען האָבען פאַר זייער טויט אָנגעזאָגט דאָס די טאָכטער זאָל קדיש זאָגען דאַרף די טאָכטער זאָגען קדיש. און איהר קדיש ברייננט אויך נוטצען פאַר דעם טויטען. דאָך אַז מען קען פאַרוועהרען אַז אַ טאָכטער זאָל ניט זאָגען קיין קדיש איז געוויס בעסער, ווייל דאָס קען איינפיהרען ביי אידען נייע מנהגים וועלכע זענען ניט פאַסענד פאַר אידען. דער אָנצינדען אַ יאָהר-צייט ליכט אין דעם טאָג פון יאָהר-צייט איז ניט מעהר ווי פון כבוד וועגען פאַר דעם טויטען צו איבערצייגען דאָס דער קערפער איז ניט מעהר ווי אָבגעשטאָרבען אָבער ניט דער גייסט „נשמה" און אַ ליכט איז דער סימבאָל פון די נשמה „נר ה' נשמת אדם", ווער עס געדענקט ניט זיין יאָהר-צייט טאָג, קען ער אויסקלייבען אַ געהעריגען טאָג פון יאָהר און האַלטען איהם פאַר זיין יאָהר-צייט טאָג (מ"מ).

---

# סימן רסד

### וואָרום מיר געהען בעטען אויף די קברים פון די טויטע עלטערען?

איבער פערשידענע געשיכטען וועלכע דער תלמוד ווי אויך אַנדערע אַנערקענטע ספרים שרייבען, דאָס מעהרערע זיינען געגאַנגען בעטען אויף די קברים פון מתים נעמליך דאָס יוחנן פון גליל איז געקומען נאָך דעם אַז זיין ברודער שמעון בן יהוצדק איז שוין בעערדיגט געוואָרען, און ר' טרפון האָט איהם ערלויבט צו געהן אויף זיין קבר (מסכת שמחות הביאו רש"י בכתובות כ"ח) און ברזילי הגלעדי האָט זיך אויך געוואונשען צו שטאַרבען אין זיין שטאָדט (שמואל ב' י"ט), וואַרשיינליך אום זיין פאַמיליע זאָלען קענען בעזוכען זיין קבר, און דער של"ה הקדוש (דף רי"ג) הייסט בעזוכען די קברים פון

---

אין יאָהר צייט, זאָגאַר רעפאָרמער פריע אונגלויביגע פירכטען און שרעקען זיך פיר דעם יום הגדול והנורא יאָהר-צייט, אָהנע אויסנאַהמע שמאַיען לויפען אַ מנין צו מאַכען אין הויז אָדער אין שוהל, הכלל עס איז אַ אימה ופחד, ווי איך האָב געזעהן אַ סטאָר קיפּער (אַ קרעמער) אַ מחלל שבת בפרהסיא ווייס ניט אַ אידישע שוהל, דאָך יאָהר-צייט האָט ער גאַססען איינגלעך אין סטאָר צוזאַמען גערופען און אָבגעזאָגט קדיש און פערטיג.

מתים אום די מתים זאָלען בעטען פֿאַר די לעבעדיגע, און כלב בן יפונה איז געגאַנגען בעטען אויף זיין פֿאָטערס קבר ער זאָל איהם העלפֿען פֿון דעם אויפשטאַנד פֿון די מרגלים, אויך רב מאני איז געגאַנגען אויף זיין פֿאָטערס קבר (בפ' אלו נאמרים ובתענית כ"ג), און דער תלמוד (תענית ט"ז) בריינגט דירעקט דאָס מ'זאָל געהן אויף קברי אבות און בעטען פֿאַר די לעבעדיגע און דאָרט זאָגט דער תוס' דאָס דארום איז דער מנהג אַז מ'זאָל געהן תשעה באב און ערב ר"ה אויף קברי אבות, (עיין או"ח סי' תקע"ט ובמג"א ס"ק י"א ובשמות רבא על הפסוק גפן ממצרים תסיע) *).

# סימן רסה

וואָרום מיר שטעלען אַ מצבה דעם מת צו קאָפּענס און נאָך דעם יאָהר?

דער מנהג צו שטעלען אַ מצבה פֿאַר אַ אַנדענקען האָט מען זיך נאָך נוהג געווען פֿאַר מתן תורה. ווי צום ביישפּיעל יעקב האָט געשטעלט אַ מצבה אויף רחל'ס קבר און דאָס גלייכען אַנדערע אבות, און די חכמי המשנה עראינערען אונז וועגען שטעלען אַ מצבה (עירובין ריש פ"ה ובמשנה ה' פרק ד' דשקלים יהרא"ש בסנהדרין פ"ו) און מיר שטעלען אַ מצבה נאָך צוועלף מאָנאַטליכען צייט פֿון דעם געשטאָרבענעם, איז וויל אַ מצבה איז צו בעעהרען דעם טויטען, ווערענד אין די ערשטע צוועלף מאָנאַטען איז דער טויטער אין צער, זאָ ווי מיר האָבען אין די פֿאָריגע סימנים געשריבען, און עס איז ניט ריכטיג צו געבען עהרע אין די צייטען פֿון ליידען, און אויך איז די מצבה ניט צו פֿערגעסען דעם טויטען, און אַ טויטער ווערט ניט פֿערגעסען אין דעם ערשטען יאָהר נאָך זיין שטאַרבען, און די וועלכע שרייבען אויף די מצבה די ניט אידישע צייט רעכענונג פֿון דעם טאָג און

*) עס גיעבט מענשען וועלכע מיינען דאָס זיי זיינען קלוג און וויסענד און פֿרעגען: דאָס טויזענדער יאָהרען איזט שאָהן פֿאָראיבער, און נימאַלס האָט געטראָפֿען דאָס זאָגאַר איין מת זאָל קומען און דערציילען, אָבשילדערען וועמען עס איז, דעם גייסטליכען פֿער־געניגען פֿון גן עדן און דאָס וועלבע דעם שרעקליכען שטראָף פֿון גיהנם? יאָ עס איז ריכטיג, קיינער איז ניט געקומען און וועט ניט קומען דען צו וואָס האָט מען עס נייטיג צו בעמיהען די טויטע זיי זאָלען קומען אוים דערציילען די לעבעדיגע אַלעם וואָס דאָרט הערט זיך, אַז זאָ ווי זאָ מוז דאָך יעדערער לעבעדיגער אַהין קומען, וועט ער שוין אַלעם אַליין איבערצייגען, און זעהן מיט די אויגען, וואָס זיין גאַנצען לעבען, האָט ער ניט געוואָלט גלויבען.

שטארבע יאהר זיינען זיי עובר אויף א לאו מן התורה (עי' מהר"ם שיק בתשובה ליו"ד סי' קע"א).

# סימן רסו

וואָרום מען מעסט אוים דעם בית עולם מיט קנייטען פערים און מען מאַכט פון זיי ליכט פאר די שוהל, אום צו לעהרנען אָדער דאווגען פאר זיי?

געגומען איז דאָס פון מס' שמחות, וואָס דערצעהלט, דאָס אַ קינד איז קראַנק געוואָרען און די מוטער האָט אַרומגערינגעלט מיט קנייטען די עזרה און דער פון איז גענומען געוואָרען צו מעסטען דעם בית עולם און מאַכען ליכט פון די קנייטען (באה"ט ביו"ד סי' שע"ו סק"ד).

# סימן רסז

וואָרום מיר שרייבען אויף אַ מצבה „תנצב"ה"?

דאָס איז אַ פסוק (שמואל א' כ"ה) דאָס אביגיל האָט געזאָגט „והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים" די זעעלע פון מיינעם הערין זאָל זיין איינגעבונדען אין דעם לעבענס-בונד, און דיעזער פסוק ענטהאַלט דער גלויבען אין תחית המתים, און אין משיח, און אין מלכות בית דוד אויף דער צוקונפט, און אין שכר און עונש (בעלאָהנונג, און בעשטראָפונג) און גוטע בעצאָהלונג פאר גוט דענקען, און דיעזע פינף עיקרים פון דעם רמב"ם ענטהאַלט אין זיך די ווערטער „תנצב"ה" (תולדות מנחם).

# סימן רסח

דינים און אור-קוועלען פון דעם יום המיתה ביז נאָך שבעה?

א) איין אונן דאָס הייסט איידער זיין פאָטער און מוטער אד"ג זיינען נאָך ניט בעערדיגט געוואָרען הייסט ער „אונן", דיעזער טאָהר ניט עסען קיין פלייש, און ניט טרינקען קיין וויין ביז נאָך די קבורה, און דאָס איז אַ אַלטער מנהג, אום ער זאָל וויסען וואָס ער האָט דיעזען טאָג צו טוהן, אָבער זופ פון פלייש מעג ער עסען (נו"ב ליו"ד סי' פ"ה).

ב) נאך יציאת הנשמה דארף דער אונן קריעה רייסען, גענומען, דאס דוד המלך האט אויך קריעה געריסען „ויקם המלך ויקרע את בגדיו" (שמואל ב' י"ג), אויף פאטער און מוטער פון די לינקע זייט און אויף אנדערע פון די רעכטע זייט, דער רייסען דארף זיין א טפח ווי א פויסט פון האנד זאל דער־לאנגען דער ריס. ער דארף רייסען קריעה שטעהענדיג אבער ניט זיצענדיג.

ג) איין אבל מוז געהן אהנע שיך די גאנצע שבעה טעג, גענומען פון יחזקאל (כ"ד) „ונעליך תשים ברגליך" דו מעגסט יא אנטאן דיינע שיך, ווייזט אויס אבער דאס פאלק טארען עס ניט.

ד) זיך איינוואשען און קליידער צו וואשען איז ניט ערלויבט צו דעם אבל.

ה) עס איז ניט ערלויבט אין שבעה צו בעוולען זיין פרוי.

ו) קיינע ארבייט איז ניט ערלויבט אין די שבעה טעג, אויסער ריין צו מאכען די הויז, צו וואשען די כלים וואס מען עסט, צורעכט מאכען די בעט, און א פרוי איז אויך ערלויבט אין איהרע שבעה טעג אויך צו קאכען און צו באקען.

ז) איין אבל איז ניט ערלויבט זיך אבצושערען די האר ווי אויך ניט צו שניידען די נעגעל.

ח) איין אבל איז ניט ערלויבט צו געבען שלום (יחזקאל כ"ד „האנק דום".

ט) איין אבל דארף זיצען אויף דער ערד, גענומען פון פסוק „ויקם המלך ויקרע את בגדיו וישכב ארצה" און נאך פון אנדערע מקורים.

י) איין אבל איז ניט ערלויבט צו לערנען תורה, ווייל די תורה ער־פרעהט דאס הארץ „פקודי ה' ישרים משמחי לב". אבער ער דארף לערנען די קלאגען פון איוב און ירמיהו, אבער ווען עס געפאהלט שבעה אום יום טוב מעג ער לערנען אויך תורה (שו"ת חכם צבי סי' ק'), איין מלמד איין אבל מעג נאך דעם דריטען טאג לערנען מיט זיינע תלמידים, איין אבל טאר ניט מקבל שבת זיין ווען עס איז נאך גרויסער טאג, אום ער זאל פריי ווערען גיכער פון די אבלות, איין אבל דארף זיך מצער זיין דרייסיג טעג ווי עס איז פריהער געשריבען.

יא) ווען די קבורה איז ערב יום טוב, און ער זיצט שבעה איין שטונדע, איז ער פטור די איבעריגע פון שבעה און דער ערשטער טאג יום טוב, ענטהאלט אלע שבעה טעג און ער קען איהם צורעכענען צו שלשים.

יב) דער וואס איז מקבר דעם טויטען אום יום טוב, אדער חול המועד געהער דער יום טוב ניט מעהר ווי אין צאהל פון שלשים, זאגאר סוכות וואס אבוואהל מען קען זאגען דאס שמיני עצרת איז גאר איין בעזונדערער

יום טוב דאך העלפט דאס ניט און ער דארף זיך נוהג זיין נאך יום טוב שבעה.

יג) ווען די קבורה איז געווען זיעבען טעג פאר יום טוב און ער איז אָב געזעסען שבעה, איז דער יום טוב מבטל דעם אבל'ס גאנצע שלשים, און ערב יום טוב פאר נאכט מאג דער אבל זיך אבשערען און זיך איין וואשען.

יד) ווען ערב פסח איז געזעסען דער אבל איין שעה שבעה האט ער מיט די שטונדע ארונטערגענומען זיין גאנצע שבעה אין די אכט טעג פסח, און נאך פסח דארף ער האלטען נאך פופצעהען טעג שלשים ניט מעהר.

טו) איין שטונדע שבעה ערב ראש השנה, נעהמט ארונטער פון דעם אבל די גאנצע שבעה, און יום כפור איז מבטל די גאנצע שלשים, און ער קען זיך אבשערען און זיך באדען ערב יום כפור.

טז) איין שטונדע שבעה ערב יום כפור געהט ארונטער די גאנצע שבעה איבער יום כפור, און סכות נעמט ארונטער גאר די שלשים, און ערב סכות מעג ער זיך שערען.

יז) איין שטונדע שבעה ערב סכות, און סכות אליין געהט ארונטער פירצעהן טעג, און שמיני עצרת וועלכער איז א בעזונדערער יום-טוב נעהמט אויף זיך נאך זיעבען טעג פון שלשים איז איינאונצוואנציג טעג, און איין טאג שמחת תורה איז צוויאונצוואנציג טעג, דארף דער אבל צעהלען נאך אכט טעג און עס געהט ארונטער די גאנצע שלשים.

יח) א חתן וועלכער האט ערב יום טוב געהייראטה, און אום יום טוב איז ביי איהם יעמאנד פון די עלטערען געשטארבען, נעהמט ניט ארונטער דער יום טוב זיין שבעה און שלשים און נאך זיינע זיעבען פריידע טעג שבעת ימי המשתה דארף ער אנפאנגען שבעה און שלשים (יו"ד סי' שצ"ט סי' ת' ות"א).

יט) ווען יעמאנד איז געשטארבען פאר פורים און פורים איז אין די שבעה טעג נעמט ארונטער פון די שבעה ניט מעהר ווי דער טאג פורים און דער טאג וואס נאך פורים שושן פורים, און דיזע צוויי טעג רעכענען זיך אין די שבעה טעג אזוי ווי שבת וועלכער רעכענט זיך אין די שבעה טעג.

# סימן רסט

די דינים פון קדיש אין א קורצע אבטהיילונג ?

א) אויב א שבעה מאן געהט שבת אין שוהל, אדער א שבעה קינד וועלכער געהט אלע טאג פון שבעה אין שוהל האבען זיי פארצוג צו קדיש מעהר אלעס א שלשים און א יאהר-צייט, און געווים פאר א גאנץ יאהרלי-כען קדיש זאגער. און דער וועלכער שטעלט זיך זיי אנטקעגען און וויל רוי-בען פון זיי דעם קדיש, קען יענער איהם קיין שאדען ניט טאהן, ווייל גאט נעהמט אן דעם ווילען פון דעם בעל השבעה, אבער זיך קען ער געווים ניט העלפען, דאס הייסט ער קען זיינע טויטע עלטערען ערגער מאכען אבער ניט בעסער מאכען.

ב) א שלשים איז דוחה א גאנץ יאהריגען אבל. אין תפלה פאר דעם עמוד און אויך אין קדיש.

ג) א יאהר-צייט איז דוחה א שלשים, און געווים א יעהרליכען קדיש-זאגער.

ד) אויב א שטאדטיגער איז א שלשים אדער א גאנציאהריגער קדיש זאגער, און א פרעמדער קומט וועלכער איז א יאהר-צייט, דארף דער פרעמדער יאהר-צייט נור איין תפלה האבען און איין קדיש, און די איבעריגע קדישים דארף מען זיך צוטהיילען דורך א גורל, און ווען דער שטאטיגער איז א גאנץ יאהריגער קדיש זאגאר, און דער פרעמדער איז א שלשים דארפען זיי זיך ביידע צו טהיילען דעם דאווגען און אויך די קדישים, ווען אבער ביידע זיינען אבלים הן ביידע שלשים'ם אדער ביידע יאהר-צייט האבען, איז דער שטעדטי-שער דוחה דעם פרעמדען אויף אלעס, ער קען דעם פרעמדען ניט ערלויבען ניט צו דאווגען פאר דעם עמוד, און ניט צו זאגען קדיש יתום, אבער אנדערע קדישים ווי אויף תהלים זאגען אדער רבנן קדיש דארפען זיי זיך ביידע צוטהיילען דורך א גורל.

ה) איין אונן, ביי וועלכען יעמאנד פון זיינע עלטערען זיינען געשטאר-בען און אין דעם זעלבען טאג האט ער אויך יאהר-צייט, דארף ער קיין קדיש ניט זאגען (ברכ"י סי' שמ"א בשם בית לחם יהודה) און ווען די רעגי-רונג ערלויבט ניט מקבר צו זיין א מת אין דעם זעלבען טאג פון זיין שטאר-בען, דארף דער זון זיינער דער אונן האלטען די אנינות דעם צווייטען טאג דאס הייסט דעם יום הקבורה (לשון חכמים).

און הרב הגאון יעב"ץ שרייבט אין סדור פאלגענדעס: איך בעשעפטיג זיך ניט מיט די דינים פון קדיש זאגען, דען די ריכטיגע וועג איז ווי עס זיינען

זיך נוהג די ספרדים דאס אלע אבלים דארפען זאגען קדיש אלע מיט איין מאהל: ווי אויך שרייבט דער חתם סופר אין יו״ד (סי׳ שמ״ה) דאס אין זיין שוהל בייא קדיש דרבנן פלעגען אלע אבלים הן שלשים, הן יעהרליכע אבלים אלע צוזאמען זאגען קדיש. און באמת דארף זיין אזוי, דען צו וואס זאל איינער דעם צווייטען אבשטויסען פון קדיש זאגען, און ווארום זאל מען מאכען עקסטרע דינים אויף די קדישים זאגער, און פערגיטיגען די נשמות פון די טויטע עלטערען ניט מעהר ווי מיט קדיש זאגען? ווערענד לעהרנען און צדקה העלפען פיעל מעהר אלס קדיש זאגען, און מאנכע האבען גרויס פערדרוס וואס מען שטויסט זיי אב פון א קדיש, מיינענדיג אז מען לאזט איהם ניט צו ערפילען זיינע הערצענס-פפליכטען פאר זיינע טויטע עלטערען (עיין בראשית חכמה בשם מדרש ל״ב מדות ובפתחי תשובה יו״ד סי׳ שע״ו).

---

# סימן רע

װארום מיר שטעלען ליכט ארום א בר-מנן ווען מען הייבט איהם אב אויף דער ערד?

וויל דאס איז בעשטימט פון פסוק דאס די תורה איז גלייך צו אברע-נענדע ליכט „כי נר מצוה ותורה אור״. דארום שטעלען מיר ארום דעם טויטען ליכט דאס זיינע מצות און מעשים טובים און זיין לעהרנען תורה זאלען איהם בעגלייטען אויף זיין עוויגע רוהע.

---

# סימן רעא

װארום מיר לערנען ניט אין די נאכט פון „תקופת טבת״ וועלכע מיר רופען די נאכט „ניטל״?

וויל אין די אלטע צייטען האבען די אנטיסעמיטען און די יודענפרעסער אין דיעזע נאכט געלויערט אויף די אידען, און ווען זיי האבען געחאפט האבען זיי געשלאגען מכת רצח, און פיעלע מאל האבען מעהרערע יודען אויסגעהויכט זייערע נשמות פון די קלעפ וועלכע מען האט זיי געשלאגען, און אזוי ווי דיעזע נאכט איז געוועזען א נאכט פון לעבענס-געפאהר און קיין רע-גיערונג האט ניט געקענט דעם המון אבהאלטען, וויל דער המון האט גע-דיינקט דאס שלאגען אידען איז א מצוה אין דיעזע נאכט, האבען דארום

אונזערע רבנים פון די אַלטע דורות מתקן געווען דאָס מען זאָל צומאַכען די חדרים וואו קינדער לערנען ווי אויך די ישיבות און יעדער זאָל זיטצען ביי זיך צוהויז (לקוטי פרדס). אויך ניט צו געבען דעם מסית ומדיח קיין שום זכות פון אונזער לערנען תורה.

## סימן רעב

וואָרום מיר געבען שלום צו אַ אורח און מיר זאָגען „שלום עליכם" און ער ענטפערט פאַרקעהרט „עליכם שלום"?

ווייל דער תלמוד זאָגט (ברכות ו') אַז דער וואָס גיעבט שלום און יענער ענטפערט ניט הייסט יענער אַ גזלן, געדרונגען פון אַ פסוק „גזילת העני (פי' הענה) בבתיכם. און ווען דער צווייטער וועט איהם ענטפערען ווי דער ערשטער זאָגט, וועט דאָס הייסען אַז ער האָט צו איהם אויך געגעבען „שלום עליכם" אָבער ניט געענטפערט, טאָ וואָרום זאָל ער הייסען גזלן? דאָרום ענטפערט ער איהם פערקעהרט „עליכם שלום". און דער גאַנצער אָבשטאַמונג פון דעם שלום געבען איז גענומען פון בעז'ן וועלכער האָט געזאָגט צו זיינע וויטצען-שניטערס „גאָט איז מיט אייך". און זיי האָבען איהם אויך געענטפערט ניט מיט דיזעלבע ווערטער נור „גאָט זאָל דיר בענטשען" „יברכך ה'", און גראַדע האָבען מיר אויסגעקליבען דעם וואָרט „שלום" ווייל גאָטעס נאָמען הייסט „שלום" (עיין שבת י') און אונזער אַלטעגליכען אַנגעגענונג יעמאַנד וואָס מיר זאָגען איהם גוט מאָרגען, און יענער ענטפערט גוט יאָהר איז גענומען פון פרק, דאָס מיר זאָלען אַנטקעגען קומען יעדערען מיט שלום „הוי מקדים בשלום כל אדם" דו זאָלסט פאַרקומען יעמאַנד ווען דו געגענשט איהם אָן מיט דעם וואָרט „שלום", און דערפאַר דאַרף איהם דער צווייטער ענטפערען מיט אַ גרעסערען וואונש אַ גוטען יאָהר פאַר זיין ווינשען איהם אַ גוטען טאָג, אָדער אַ גוטען מאָרגען, און וואָרום מיר נעמען דעם צווייטענס האַנד ביי זאָגען „שלום עליכם", איז ווייל אין ברכת כהנים גיעבט פיערצעהן ווערטער אויסער דעם וואָרט שלום, און אין האַנד האָבען מיר פיערצען קנעכלעך, צוועלף אין די גרויסע פינגער און צוויי אין דעם גראָבען פינגער, און אַזוי ווי מיר ווינשען דעם אורח, מיט אַלע ברכות פון ברכת כהנים גיעבען מיר איהם אויך די האַנד צו ערפילען דעם גאַנצען שלום פון ברכת כהנים, ווייל דער שלום פון ברכת כהנים איז אַ פונפצעהענטער וואָרט (זכרון בספר). און צו זאָגען „דאַנק" ווען יעמאַנד טוהט אונז וואָס גוטעס, איז ווייל „דנק" האָט דעם זעלבען צאָהל ווי עולם

הבא (שיחת חולין של תלמידי חכמים בשם הגר"א) הייסט עס מיר ווינשען יעמאנד „עולם הבא" פיר זיינע גוטעס.

## סימן רעג

יוארום מיר מאכען א סעודה ביי א סיום פון א מסכת, אדער פון א סדר משניות, און ווארום פאסטען „בכורים" ערב פסח?

דאס איז גענומען פון תלמוד (שבת דף קי"ח ע"ב) דאס אביי האט געזאגט אז ער האט געזעהען רבנים דאס ווען זיי האבען געענדיגט א מסכת האבען זיי געמאכט א יום טוב. און שלמה המלך ווען ער האט געבעטען ביי גאט ניט קיין רייכקייט נור חכמה (חכמת התורה), און ווען ער האט דאס בעקומען פון גאט האט ער געאפפערט קרבנות און געמאכט א רייכען מאהלצייט, האט רבי אלעזר געזאגט אז דאס איבערצייגט אז מען זאל מאכען א סעודה נאך דעם לערנען, און צו מאכען א סעודה נאך א סיום בריינגען דער משנה חכמים מהג"ר משה חגיז, דער מהרי"ל הל' ט"ב, דער רמ"א או"ח סי' תקנ"א ומג"א שם סי' קל"ג און דער מהר"ם מינץ בסוף סי' תש"ו און נאך אנדערע, ראס זאגאר די וועלכע האבען ניט געענדיגט א מסכת דארפען זיך פרייען מיט די וועלכע האבען גיענדיגט (הש"ך ביו"ד סי' רמ"ו וגם הט"ז). דער טעם איז, ווייל דער נעלם פון ווארט „סיום" ענטהאלט אין זיך די זעלבע צאל ווי דער ווארט „סיום" זעלבסט, ווי: ס', לעזט זיך סמך, י'—יו"ד ו'—ו, מ"ם, הייסט עס די בוכשטאבען ווערדען געזאגט אבער ניט געזעהען, איזט צו בעוויזען, אז זאגאר דער וואס האט זיך גאר ניט בעוויזען ביי'ן לערנען די מסכת, דאך אבער האט ער דאס רעכט צו נעמען אנטהייל ביי'ן סיום ווי דער וואס האט גילערינט (הגר"א). און דער וואס האט געענדיגט א מסכת און האט ניט מיט וואס צו מאכען א סעודה דארפען אנדערע איהם אויסהעלפען אום זיי זאלען האבען די מצוה פון דעם סיום המסכת, און אבוואהל ער קען לאזען דעם סיום צו מאכען אויף א צייט וועלכע איז פאר איהם פאסענד, דאך זאגט דער ס' תשובה מאהבה, דאס אבוואהל דער מהר"ם מינץ זאגט אז ער קען יא איבערלאזען דעם סיום אויף א אנדער צייט, דאך אבער ניט פאר בכורים צום ערב פסח אום זיי זאלען ניט דארפען פאסטען, און אזוי זאגען אויך דער נורע ביהודה והגאון מהר"ם, דאך איז מען זיך יא נוהג דאס בכורים זיצען ערב פסח ביי א סיום און זיינען יוצא מיט א אנדערענס סיום און זיי פאסטען ניט ערב פסח, און דער אלגעמיינער פאסטען וואס בכורים פאסטען ערב פסח איז גענומען ווייל פערצייטענס

האבען די פריסטער פון די פערצייטיגע אבגעטער אין מצרים געדינט צו די געטער מיט די הילפע פון בכורים, און מעהרערע אידישע בכורים האבען זיך אין יענע צייט אסימעלירט און נאך געטוהן די זעלבע בכורים אבגעטער דינסט, און גאט האט זיי געראטעוועט דארום האבען אויף זיך די בכורים גע־נומען דעם תענית (הכלבו בשם הר"ן דוד בר' לוי *).

---

# סימן רעד

**ווארום איז געשריבען, דאס דער וואס איז מקדש די לבנה איז זיכער דאס ער וועט אין דעם חודש ניט שטארבען?**

דיעזע פראגע האט מיר געפרעגט דער בערימהטער שרייבער ר' דוד פרישמאן, און איך ניט וויסענדיג די ווירקליכע בעדייטונג דערפון ווי אויך פרעגענדיג ביי מעהרערע רבנים וועלכע האבען אויך ניט געוואוסט וואס דאס קען בעדייטען וועהרענד מיר זעהען דאס מען איז מקדש די לבנה און דאך אז עס קומט די צייט שטארבט מען, און דער קידוש לבנה איז ניט אין שטאנדע אבצוהאלטען דעם מלאך המות, און ווען עס וואלט אזוי ווירקליך געשעהען וואלט דאך יעדערער אבגעהיט צו מקדש זיין די לבנה. דען ווער וויל דאס שטארבען? נאר נאך מיין מעהרערע דענקען איבער דיעזע זאנדער־בארע שריפט וואס מיר געפינען דאס געשריבען אין מעהרערע סדורים, האב איך מיר בערעכענט דאס אין די שריפט פעהלט נור איינציגע ווערטער. נעמליך ער וועט ניט געטייטעט ווערען דורך מענשען, דאס הייסט ער זאל ניט זארגען דער יעניגער וועלכער וועט זיין אבגעהיט אין קידוש לבנה דאס מערדער וועלען איהם בעפאלען און איהם טייטען, און דאס צייגט די ווארטען פון

---

*) נאך א מיינונג גיעבט וואס בכורים פאסטען נור ערב פסח, וויל זיי זיינען גערעטעט געווארען אין די מכה פון מכת בכורים, האבען זיי דאך געדארפט פאסטען דעם ערשטען טאג פסח, נור וויל יום טוב טאר מען ניט פאסטען, דער פאר האבען די חז"ל בעשטעטיגט צו פאסטען פאר יום טוב, דער מנהג איז אז א פאטער אדער א מוטער (ווען דער קינד איז א יתום) פאסטען פיר זייער קינד דעם בכור, ווען ער איז נאך ניט דרייצעהען יאהר, און ווען דער פאטער איז זעלבסט א בכור, דארף די מוטער ניט פאסטען פאר דעם קינד, דען דער תענית פונ'ם פאטער איז גערעכענט פיר ביידען פאר'ן פאטער מיט'ן קינד (מ"מ). און ווען ערב פסח געפאלט אים שבת, פאסטען די בכורים דאנערשטאג.

קידוש לבנה וועלכע מיר זאגען כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך. כך לא יוכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה זא ווי איך שפרינג געגען דיר לבנה און קען דיך ניט בעריהרען, זא זאלען די פיינדע ניט קענען מיך צו בעזעס אן ריהרען.

---

# סימן רעה

וואָרום מאַכען מיר פריהער ,,אסתר תענית'' דאס הייסט אויף דאנערשטאג ווען זונטאג געפאלט פורים, און מיר מאַכען ניט זא צום פאסט טאג ,,תשעה באב''?

דאָס איז ווייל אבליינגען קען מען אַ פאסט-טאג ווען נאכהער קומט אַ שמחה. אָבער ניט קיין צער און פורעניות.

---

# סימן רעו

וואָרום מען רופט דעם שבת וואס פאר פסח ,,שבת הגדול'', און מיר זאגען אין איהם די הגדה ביז ,,לכפר על כל עונותינו''.

מיר זאגען די הגדה „שבת הגדול“ פאר פסח איז איבער פסח ווען דער ערשטער טאג געפאלט אום שבת איז אום מען זאל זיך איינאיבען אין דעם זאגען די הגדה, האט מען בעשטעטיגט צו זאגען די הגדה דעם שבת וואס פאר פסח אבער ניט מעהר ווי ביז לכפר על כל עונותינו, ווייל די איבעריגע זיינען בעוואוסטע פסוקים אין הלל וואס דער עולם איז שוין מיט זיי געוואהנט צו זאגען. און וואָרום דער שבת וואס פאר פסח רופט זיך „גדול“, גיעבען פערשידענע מיינונגען, דער טור (סי' ת"ל) שרייבט ווייל די עגיפטער האבען פערהייליגט די שאף און די אידען האבען אין צעהענטען טאג וועלכער וואר דאן שבת גענומען די שאף און צוגעבונדען צו פוס בעט און לויט די גע-זעטצע פון די מצריים האט דאס געהייסען געפייניגט אדער געלעסטערט זייער גלויבען, און די מצריים האבען די אידען קיין בעזעס דערפאר געטוהן, איז דאס געוועזען אַ ווירקליכער נס, און דארום רופט זיך דער שבת „הגדול“, דען אַ גרויסער נס איז אין איהם געשעהען. אנדערע זאגען ווייל דיזער שבת איז געוועזען דער ערשטער וואס די אידען זיינען אריין אין מצות און האבען אנגע-פאנגען דינען גאט, דארום הייסט דער שבת „שבת הגדול“. און מיר לייענען

אין דיעזען שבת די הפטרה "וערבה לה'" ווייל אין דיעזע הפטרה גיעפט דער פסוק הנני שולח לכם את אליה הנביא, דאס גאט וועט ברייגנען די איי־בינע גאולה און דאס איז זעהער פאסענד צו די גאולת מצרים. אויך פאר וואס ווירד דער שבת גערופען שבת "הגדול" און ניט שבת "רבא" ווי הושענא רבא? איזט אויך ווייל מיר לייענען די הפטורה וערבה וואס דארט ווירד געזאגט הנני כו' לפני בא יום ה' "הגדול" והנורא (מ"מ).

# סימן רעז

וואָרום מאַכט מען מצות דוקא רונדע "עוגות מצות" און ניט קיין ווינקעלדיגע?

דאס איז ווייל פערצייטיגע פעלקער האבען אין זייער ברויט געמאכט סמנים און סימבאלען פון זייער גלויבען לויט צו וויפיעל געטער זיי האבען געדיענט אזוי פיעל ווינקלען האבען זיי געמאכט אין דעם ברויט, ווער צוויי שפיטציגע, און ווער דריי זייטיגע, און אום צו ערווייטערען אידען פון געטצענ־דיענסט, האט מען געהייסען מאכען די מצות און אין אלגעמיין אונזערע אידישער ברויט זאל זיין רונד צו איבערצייגען אז מיר דיענען צו איין גאט וועלכער איז אהנע אנפאנג און אהנע ענדע (רבינו סעדי' הרמב"ם).

# סימן רעח

וואָרום מיר עסען דריי־עקיגע קרעפליך די דריי טעג פון יאהר "פורים", און "הושענא רבא" און "ערב יום כפור"?

און די דריי טעג פון יאהר, פורים, הושענא רבה", און ערב יום כפור עסען מיר דאן קרעפלעך, ווייל די קרעפלעך, זיינען פון פלייש אבער פער־דעקט מיט טייג דאס מען זעהט ניט די פלייש און די דריי טעג זיינען אזעלכע ימים טובים ניט מעהר ווי אויף צום עסען אבער מען מעג דאך אין זיי ארבייטען און אויך האנדלען, און יום טוב איז דאך א מצוה צו עסען פלייש, אבער ווייל זיי זיינען ארבייטס טעג, דארום פערדעקען מיר די פלייש מיט טייג מען זאל דאס פלייש ניט ארויס זעהען (טעמי המנהגים בשם גאולת ישראל).

# סימן רעט

וואָרום חברה קדישא קלײַבען אויס זײַער תענית נור אין מאָנאַט כסליו און אין דעם פירצעהנטען טאָג, און פונפצעהנטען טאָג, און אין נײַנצעהנטען טאָג און אין צוואַנציגסטען טאָג?

דאָס איז ווײַל ראש חודש כסליו קען נימאָלס געפאַלען שבת, איז זעלבסט פערשטענדליך דאָס ט"ו כסליו און כ' כסליו קענען אויך ניט געפאַלען אום שבת, דאַרום האָבען חברה קדישא בעשטימט דיזעע טעג פאַר זײַער תענית (או"ח סי' תכ"ח) און י"ד כסליו און י"ט כסליו איז נור בײַ חסידים דער תעניה און דער מאָהלצײַט, ווײַל זײַער רבי ר' שלמה זלמן לאַדיער (זי"ע) דער בעל התניא איז בעפרײַט געוואָרען אין די טעג פון געפענגעניס. און דער מנהג צו פאַסטען און צו מאַכען אַ סעודה נאָך דעם תענית פון חברה קדישא איז גענומען פון תלמוד (מו"ק כ"ז), אויך ברײַנגט דאָס זעלבע דער תשב"ץ סי' ג' און שו"ת הרא"ש כלל י"ג, און דער פאַסטען בעדײַדעט דאָס פילײַכט האָבען די חברה קדישא זיך ניט ריכטיג געפיהרט מיט די קבורה אָדער הלבשה פון דעם מת, אָדער ניט ריכטיג בעהאַנדעלט דעם כבוד פון מת. און די סעודה איז אַ אָנדענקען דאָס עס וועט זײַן בביאת הגואל אַ סעודה פון לויתן (עיין בענף יוסף ירושלמי מגילה *).

# סימן רפ

וואָרום מען נעמט אײַן אײַ צו מטהר זײַן די קאָפּ פון אַ מת?

דאָס איז אײַנאַיבערצײַגונג אויף תחית המתים. דען עס איז בעוואוסט פון די נאַטור אַז פיעלע געפליגעל לײַגען אייער אָהנע אײַן זכר, ווײַל זיי דער וואַרעמען זיך פון זיך זעלבסט אין דעם הײַסען זאַמד, ווען אײַן הײַסער

*) מען רופט די חברה, מיט דעם נאָמען „חברה קדישא" ווײַל קדושה איז דער בעדײַטונג אָנבריײַטען, און זיי זײַנען אַלע מאָל בערײַט צו טאָן אַלעס פיר דעם מת. אַזוי בעפרײַען די שטאָדט לײַטע דער פון, אויך רופט מען זיי „חברה קדישא" ווײַל זיי זײַנען זיך מטמא לנפש אדם רופט מען זיי חברה קדישא בלשון סגי נהור, דאָס הײַסט, אויף אַ בלינדען זאָגט מען ער האָט צו פיעל ליכט.

טאָג איז (חולין נ״ח בדספנא מארעא וברש״י שם), און אויך גיעבט נאַטיר־ליכע ווייזע פיעלע עופות וועלכע לייגען זייערע אייער אין ערד און די וואַרעמע ערד ערוואַרעמט די אייער און עס געהען אַרויס די קליינע עופות, געווענליך איז אין די געגענדען וואו די זון וואַרעמט. און אַזוי ווי דער תלמוד האָט דאָס איבערצייגט אַז עס גיעבט תחית המתים מן התורה. נעמען מיר די איי און מיר זיינען מטהר דעם מת מיט איהר, צו איבער צייגען אַזוי ווי די איי געבערט פון דער ערד אָהנע די הילפע פון עלטערען, אַזוי שטעהען אויף אויך טויטע אין די צייט פון תחית המתים.

---

# סימן רפא

**וואָרום מיר לייגען אַרויף די הענד אויף דעם „ארון" אָדער אויף דעם „קבר" פון א מת ווען מיר בעטען פאַר איהם?**

ווייל די ביינער פון דעם מת זיינען גלייך צו די צובראָכענע לוחות וועלכע זיינען געלעגען אין ארון קודש גלייך מיט די גאַנצע לוחות, און די צובראָכענע לוחות זיינען אויך געווען פינף נעגען פינף דברות. אַזוי ווי דעם מענשענס הענד זיינען פינף געגען פינף און צו זאַמען איז דאָס צעהן איז דאָס געגען די צעהן געבאָט פון די תורה, און דער טויטער קערפער איז אַזוי הייליג ווי די לוחות וועלכע זיינען געלעגען אין ארון קודש (עיין של״ה ח״ס חו״י), בעווייזען מיר מיט אונזערע פינגער אויף דעם מת אַרויפלייגענדיג אַז ער איז הייליג ווי די לוחות.

# הוספות

(צו גאבען).

## סימן א

ווארום מאכען מיר „שהחינו" אויף נייע פרוכט אבער ניט אויף נייע קרויט גראזען?

ווייל די געוועקסע וועלכע שטעהען דעם גאנצען יאהר אויף די ערד איז שווער צו דערקענען אויב זיי זיינען פון אלטען יאהר אדער פון נייעם יאהר, דארום קענען מיר אויף די אלע שפייזע גראזען קיין שהחינו מאכען, ווי אויך זאגאר ניט אויף ברויט פון נייעם קארען, ווייל עס איז ניט צו דער קענען פון נייע ביז אלטע קארען.

## סימן ב

ווארום איז א מצוה זיך אן צו שכורען אום פורים (מגילה ז') ווערענד מן התורה איז שכרות איין שאנדע עבענזא ווי נח אדער לוט?

ווייל אלע נסים וואס אידען איז געוועזען געשעהען אין די צייטען פון אחשורוש וואס ער האט געהרגעט זיין ווייב ושתי. און אסתר המלכה האט בעטראכטען איהר שטעלע אלס קעניגען איז געוועזען איבער טרינקען, און דיזער באל (מאהלצייט) האט געהייסען „משתה אסתר" אסתר'ס באל, אויך המן'ס מפלה איז ארוים געקומען איבער טרינקען, ווי עס איז בעוואוסט פון די מגילה, דארום האבען בעשטימט די בעלי התלמוד דאס פורים מעג מען זיך אנטרינקען מיט וויין, צום אנדענקען דעם נס פורים וועלכער איז געוועזען דורך וויין.

## סימן ג

ווארום דער כופר וועלכער שרייבט א ספר תורה ענדיגט „לעיני כל ישראל" אין מיט'ן ליניע (שורה)?

צו איבערצייגען דאס וויפיעל א איד זאל לערנען תורה טויזענדער מאהל זאגאר בלייבט ער אלץ אין מיטען, און ער וועט אייביג צו קיין ענדע ניט קומען, דען די תורה איז אונענדליך (ראיתי בספר).

# סימן ד

**וואָרום רופט מען חכמים זאָגאר פיעל געלעהרטע מיט דעם נאָמען „תלמידי חכמים"?**

צו איבערצייגען דאס וויפיעל דער געלעהרטער זאָל לערנען בלייבט ער אליץ ניט מעהר ווי א תלמיד, וועלכער ברויכט נאָך צו לערנען אָבער ניט אויסגעלערהינט, ווייל לעהרע איז אונענדליך, אָבער דער וואס רופט זיך אליין חכם, איז ער ניט קיין חכם און אויך ניט קיין תלמיד (ראיתי בספר).

---

# סימן ה

**וואָרום מען רופט „משה רבינו" און ניט „רבינו משה", אזוי ווי רבן גמליאל אָדער רבי יהודה?**

ווייל צו משה רבינו איז געקומען די חכמה פון אָנפאַנג אָן, און עס איז געוועזן פון גאָט אליין בעשטימט זיין חכמה, אָבער די רבנן האָבען זיך צוערשט גענוג געמוזט לערנען ביז זיי האָבען בעקומען דעם טיטול „רבן".

---

# סימן ו

**וואָרום גיעבט מען דעם שוחט אין חודש טבת און חדש שבט עטוואָס פון די געשאָכטענע?**

דאָס איז א צואה פון רבי יהודה חסיד, ווייל עס איז א סכנה צום שוחט ווען ער שעכט דאנמאָהל (יו"ד סי' י"א) און דער פליתי שרייבט אין זעלבען אַרט, דאָס פערצייטינס האָט מען זיך פאַר פיעל זאַכען געשראָקען איבער א סכנה, אויך שרייבט דער מגן אברהם דאָס נור פערצייטענס האָט געקענט געשעהן א סכנה אויף פיעל זאַכען אָבער ניט יעצט. ווייל די נאַטור האָט זיך אין פיעל זאַכען געענדערט, אויך די לענדער און די אַקלימען האָבען קיין מורא ניט פאַר סכנות אין פיעל זאַכען וואָס די גמרא האָט גערעכענט פער־צייטענס פאַר א סכנה אָבער ניט היינט און ניט ביי אונז. נור דאָ גיעבט א אנדער מיינונג וואָס דער שוחט זאָל ניט שעכטען אין די צוויי מאָנאַטען קיינע עופות, דען עס איז ניט געשריבען אויף בהמות נור אויף עופות איז א סכנה, אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי איינצושרעקען דעם עולם זיי זאָלע,

דרחמנות האָבען אויף די אָרימע געפליגעל וועלכע ליידען פיעל קעלט און קריגען ניט זייער עסען, און דארום קומען זיי ארום די הייזער וואו מענשען וואָהנען אום צו זוכען עטוואס שפייז און דאנמאָהל איז זיי זעהער לייכט צו פאנגען, איז אום מען זאָל זיי ניט פאנגען, און ניט שעכטען זיי צו טייזענ־דער, און דער פסוק זאָגט „ורחמיו על כל מעשיו" אז עס איז א רחמנות אויף גאָטעס געשעפע, דארום האָט מען אויסגעפונען א מיטעל אז דער שוחט זאָל זיי ניט שעכטען מיט דעם ווארט עס איז א סכנה.

## סימן ז

וואָרום איז די צואה פון רבי יהודה חסיד דאס א איידעם זאָל ניט האָבען דעם זעלבען נאָמען ווי זיין שוויגער פאָטער, און אז מען זאָל ניט אריינגעהן וואָהנען אין א נייע הויז וועלכע ניסאנד האָט דאָרט נאָך ניט געוואָהנט?

דאס איז ניט מעהר ווייל אין זיין צייט ענגען אידען געווען זעהער אין איין אָרעמען צו שטאנד, און די עלטערען מיט די קינדער האָבען געוואָהנט אין איין חדר, און קיין פייער האָט מען ביי נאכט ווען מען שלאָפט ניט געברענט. און ווען א פרוי זאָל אין מיטען נאכט אָנרופען דעם נאָמען פון איהר מאַן און ביידע מענער פון הויז האָבען איין נאָמען קען קומען צו א טעות און צו חייב זיין כרת. ווייל דאס מעהרערע פרויען און ספּעציאל מוטער און טאָכטער האָבען איין שטימע. און אין א נייע הויז ניט צו וואָהנען איז איינפאך ווייל א נייע הויז איז די לופט ניט גוט.

## סימן ח

וואָרום ביי אידען געהט דער טאָג נאָך די נאכט און ביי אנדערע פעלקער פאַרקעהרט?

ווייל ביי אידען איז דער אנפאנג צער און יסורים און די ענדע איז די רוהיגקייט, אָבער ביי אנדערע פעלקער איז דער אָנפאנג די רוהיגקייט און די ענדע יסורים, דארום רעכענען אידען די נאכט צום טאָג, ווייל נאכט איז דער סימבאָל פון צרות און דער טאָג איז דער סימבאָל פון גליק, דאס הייסט בעסער צו האָבען אויף דער וועלט צרות. נור צו קומען צום טאָג וועלכער

ווערט ניעמאלס פינסטער „ליום שכלו אור" איידער אויף דער וועלט צו האבען דורכאויס גוטעס און צום ענדע צרות (זכרון בספר).

# סימן ט

די דומהייט וואס מאנכע שרעקען זיך ווען מען רופט זיי אויף צו די תוכחה?

אויף מעהרערע פאלט אשרעק ווען חלילה מען רופט זיי אויף די תוכחה, און אין דער ווירקליכקייט איז דאס איינע דומהייט צו גלויבען אז די קללות פון די תורה וועלען חלילה מקוים ווערען אויף דעם וועמען מען רופט אויף, אויב גאט וויל געבען חלילה קללות וועט ניט העלפען אז מען וועט איהם אויף רופען צו א פרשה פון דורכאויס מיט ברכות, און דאס שרייבט דער ספר זכיות דער ברודער פון מהר"ל מפראג. דאס דער וועלכער געהט צו די פרשה פון די תוכחה זאל געבענשט זיין פון גאט, און הרב ר' שלמה דער רב פון אוסטריא פלעגט שטענדיג זיך בעטען מען זאל איהם אויפרופען צו די תוכחה, צו איבער צייגען דעם המון דאס די תורה איז א סם חיים, און ניט חלילה א סם מות, און גאט גיעבט נאך דעם מענשענס פארדינסט אבער ניט דער פאר וויל די תוכחה שילט „ויהפך ה' את הקללה לברכה".

# סימן י

ווארום אלע מגילות זיינען געשריבען אויף פארמעט אויסער „מגילת איכה" לייענט מען אין א חומש?

וויל אלע צרות וואס אידען האבען איבערגעטראגען האפען מיר אז עס וועט קומען די צייט וואס זיי וועלען זיך אומקעהרען צו פריידען דארום שרייבען די סופרים אלע מגילות אויף פארמעט דאס די מגילות זאלען ניט מעהר ווי בלייבען צום עוויגען אנדענקען פון אלע אידישע צרות, אבער די מגילת איכה וואס מיר האפען אלע טאג אויסגעלייזט צו ווערען און די גאולה שלמה זאל קומען און מיר וועלען פערצייהען די גאנצע וועלט פאר די צרות וואס זיי האבען אונז פערשאפט ווארצו זאל אונז בלייבען א מגילה אויף פארמעט (וואס א פארמעטענע מגילה איז ביי אידען אהייליגטהום) צום עוויגען אנדענקען אין די צייט פון א גאולה שלמה וואס מיר דארפען פערצייהען די גאנצע וועלט וואס מיר האבען פון איהר געליטען פאר אונזערע איינגענע זינדע.

# סימן יא

וואָרום די אריסטאָקראַטען רופען „ארץ ישראל" מיט דעם נאָמען „פאַלעסטינא" און שעהמען זיך צו רופען „ארץ ישראל"?

דער אָבשטאַמונג איז אין זוהר פ' נח, נעמליך זאָגט דער זוהר ווען אידען וועלען ווערט זיין און ריכטיגע אידען זיין וועלען זיי רופען ארץ ישראל. און ווען זיי וועלען נאָכטוהן וואָס די גוים טוהען און זיך פיהרען ווי זיי, וועלען זיי אויך רופען ארץ ישראל מיט דעם נאָמען וואָס די גוים רופען.

---

# סימן יב

וואָרום מען לייגט ניט צוזאַמען דעם טלית שבת נאָך דעם דאַווענען ביז שבת צו נאַכט?

פיעלע זאָגען דאָס, אום זיין ווייב זאָל מאריך ימים זיין זאָל ער ניט צוזאַמען לייגען דעם טלית ביז נאָך הבדלה, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז ניטאָ אויף דיעזעס קיינע בעוויזע נור ניִשט מעהר דאַרף מען לאָזען דעם טלית ניט קיין צוזאַמען געלייגטען נור וויל אָנפאַנג וואָך זאָל ער צום ערשטען אַ מצוה פאַר דיענען מיט דעם וואָס ער וועט אויף אַ פולע וואָך צוזאַמען לייגען זיין טלית (או"ח סי' ש' כתב המג"א בשם מהרי"ל).

---

# סימן יג

וואָרום פ' בשלח „שבת שירה" וואַרפט מען קאַשע אויף די דעכער פאַר די פייגעלעך?

וויל לויט דער הגדה (ילקוט על הפסוק ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט ולא מצאו והיה לו לכתוב ולא היה) שבת זיינען געגאַנגען די אידען קלייבען מן און האָבען ניט געפונען, ווערענד עס האָט געדאַרפט שטעהן אַז עס איז ניט געווען אָבער ניט געפונען, זאָגט דער ילקוט אַז דתן און אבירם וועלכע זיינען געווען געגען משה רבינו אַלעם זיי האָבען געהערט פון משה אַז אַלע זעקס טעג פון וואָך קאָנט איהר געהן קלייבען מן נור ניט שבת, עס וועט אין דיעזען טאָג קיין מן ניט זיין, האָבען דתן און אבירם פרייטיג צו

צו נאכט אַן געשאָטען די פעלדער מיט מן, צו צייגען אַז משה רבינו זאָגט אַ ליגען עס וועט זיין מן, אָבער אויף דעם פריה מאָרגען האָבען די פייגלעך אויפגעגעסען גאָר די מן וואָס דתן און אבירם האָבען פערשפרעהט אויף די פעלדער, און דארום זאָגט דער פסוק אַז זיי האָבען ניט געפונען צו איבער צייגען אַז געגען גאָט העלפט קיין זאַך ניט, דארום בעצאָהלען מיר די פייגלעך מיט שבת שפייז אין די וועלכע פרשה פון דעם מן דערמיט וואָס מיר גיאבען זיי דיעזען שבת צו עסען (ראיתי בספר).

# סימן יד

וואָרום האָבען פערצייטענס אונזערע עלטערען געמאַכט הילצערנע פיילענבויגענס ערב „תשעה באב" און מיט זיי געגאַנגען אויף דעם בית עולם אויף מאָרגען נאָך קינות?

דער מיינונג דאַריבער איז דאָס אַזוי ווי די פפיילען ציהט זיך פון זיין בויגען און איז דאָך אַרוים פון דעם בויגענס קראַפט, אַזוי זיינען קינדער איבער געבען צו עלטערען זאָגאר נאָך זייער טויט און קענען ווירקען גוטעס פאַר זייערע נשמות, און אַזוי טוהען אויך די איינוואוינער פון זוענענזאַמבען אין אַפריקאַ וואָס ווען עס שטאַרבט יעמאַנד ביי זיי הייגען זיי אויף זיינע געוועהר אויף זיין קבר צו איבערצייגען תחית המתים דאָס זייער טויטער וועט אויפשטעהן וועט ער האָבען מיט וואָס מלחמה צו האַלטען.

# סימן טו

וואָרום אויף אַלע הנאה זאָגען מאַכט אַ ברכה „בורא", און אַלע ברכות שהכל נהיה און ניט בורא?

ווייל די ערשטע וועלכע האָבען מתקן געווען די ברכות האָבען אַרוים-געזעהען אַז פלייש, פיש און געפליגעל זיינען בעשאַפען געוואָרען אויף צו לעבען אָבער ניט צום עסען, דער בעוויין איז אַז אדם הראשון'ען איז ניט ערלויבט געווען קיין פלייש צום עסען דארום מאַכען מיר אויף זיי אָדער דאָס וואָס פון זיי קומט אַרוים ווי אייער, מילך, קעז, פוטער, די ברכה „שהכל נהיה בדברו". אָבער דאָס וואָס די ערד ציהט אַרוים פאַר אונז צום עסען איז די ברכה „בורא" (אבודרהם).

# סימן טז

וואָרום אין א איבער-יאָהר מאַכט מען צוויי מאָנאַטען „אדר" און ניט צוויי „טבת", אָדער „כסליו", אָדער אנדערע מאָנאַטען?

ווייל אין די מגילה שטעהט „לחדש שנים עשר הוא חדש אדר" אין דעם צוועלפטען חודש וועלכער הייסט אדר. ווען אָבער אַז א אנדער חודש זאָל געמאַכט ווערען פאַר צוויי חדשים, ווי צום ביישפיעל צוויי חדשים שבט, וועט דאָך שוין ניט אויסקומען דער חודש אדר דער צוועלפטער נור דער דרייצעהנטער און אין די מגילה איז געשריבען „אדר" דער צוועלפטער חודש דאַרום איז אין איין עיבור יאָהר דאָפּלען מיר דעם חודש אדר, (תוס' סנהדרין י"ב).

# סימן יז

וואָרום זאָגט מען אַז מען לייענט אין די תורה דריי טעג איינע נאָך דער אַנדערע קומט א רעגען?

ווייל דער פּסוק זאָגט (שמות ט"ו) „וילכו שלשת ימים במדבר ולא מצאו מים" דריי טעג זיינען די אידען געגאַנגען אַרויסגעהענדיג פון מצרים און האָבען ניט געפונען קיין וואַסער, און דאַרום האָט מען געאָרדנעט אַז עס זאָל ניעמאַלס אויסקומען דריי טעג אָהנע צו לייענען אין די תורה, דאַרום אַז מען לייענט דריי טעג איינע נאָך די אַנדערע קומט רעגען „ואין מים אלא תורה".

# סימן יח

וואָרום א לוי רופט זיך און שרייבט זיך אונטער מיט דעם נאָמען „סגל"?

ווייל די ערשטע בוכשטאַבען פון סגל בעדייטען סגן לכהונה, דאָס הייסט דאָס צווייטער פון כהן, אויך בעדייטען די ערשטע בוכשטאַבען סוף גאולה ללוים, אַז דער ענדע אויסלויזונג געהער צו די לוים.

# סימן יט

וואָרום מען טראָגט ניט קיין רינג אויף דעם מיטעלסטען פינגער, וואָס מען רופט „אמה״?

ווייל אויף דעם מיטעלסטען פינגער וויקעלט מען די רצועות פון די תפילין און נאָך דעם רשב״א טאָהרען אויף די רצועות קיין חציצה האָבען, דאָס הייסט די רצועה אַזוי ווי די תפילין מוזען נור געלייגט און געוויקעלט ווערען אויף די הוילע האַנד און ניט אין אַנדער זאַך זאָל אָבטהיילען די תפילין אָדער די רצועות פון קערפער, דאַרום טאָהר נימאַנד טראָגען אַ רינג אויף דעם מיטעלסטען פינגער.

---

# סימן כ

וואָרום איז מען זיך נוהג צו שפיעלען חנוכה אין קאָרטען?

פיעלע זאָגען אַז דאָס איז צום אַנדענקען פון די מכבים מאַקאַבייער וועלכע האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די גריכען און האָבען זיי בעזיעגט, און קאָרטען איז אויך ווי אַ מלחמה ווער עס געווינט אָדער פערליערט, ליידער איז אויף דיעזעם נירגענד ניטאָ קיין בעווייז, און קאָרטען שפיעלער זיינען ענטזאַגט זאָגאַר פון צו זיין עדות ביי אידען, און דער קאָרטען שפיעל איז נור־ גענומען פון פרעמדע נאַציאָנען, און אַנשטענדיגע אידען דאַרפען זיך ערווייטערען פון דיעזען פערפלוכטען שפיעל אפילו חנוכה אויך ניט.

---

# סימן כא

וואָרום ווען מאַן און פרוי שיידען זיך רופט זיך דאָס „גט״ גטן זיך?

דער ירושלמי זאָגט דאָס עס גיעבט אירגענד אין אַ לאַנד אַ שטיין וועלכער הייסט גיטא, און דער שטיין פערטרייבט אַנדערע שטיינער זיי זאָלען זיך ניט געפינען אין דעם געגענד דאָרט וואו ער איז (באר היטב אבן עזר סי׳ ק״ב), אָבער דער בית ועד שרייבט אַז עס גיעבט נירגענד אין ירושלמי דעם נאָמען גיטא פון אַזאַ וואונדערבאַרען שטיין, נור איך האָב געהערט אין דעם נאָמען פון ווילנער גאון אַז די צוויי בוכשטאַבען גט קומען נימאַלס צו זאַמען און זיי געפינען זיך ניט איינע ביי די אַנדערע אַזוי זיינען די וועלכע

שניידען זיך קענען שוין אויך ניט זיין איינע ביי די אנדערע, און דארום הייסט דאס גט.

## סימן כב

וואָרום גיעבט מען נור פאר פסח פאר אָרימע לייט מצה אָדער מעהל אומזאָנסט און ניט אויף סוכות, סוכות איז דאך אויך זאַ יום טוב וואס מען דארף איהם עהרליך האלטען, און קיין ארבייט ניט טוהן אזוי ווי פסח?

וויל עס גיעבט א פלוגתא אין תלמוד (ראש השנה י״א) איינער זאָגט אַז אין ניסן זיינען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, און אין ניסן וועלען זיי אויך אויסגעלייזט ווערען פון אלע גלות׳ען, און איינער זאָגט אז אין ניסן זיינען זיי טאקע אויסגעלייזט געוואָרען, אָבער אויסגעלייזט ווערען אויף עוויג וועלען זיי אין מאָנאַט תשרי און דארום זאָגען מיר ביי ענדע סדר נאכט „לשנה הבאה בירושלים״ וואס דער סדר איז אין ניסן, און ענדע נעילה נאך יום כפור וואס דאן איז דער מאָנאַט תשרי. זאָגען מיר אויך „לשנה הבאה בירושלים״, דאס איז נאך ביידענס מיינונגען, און וויל דער נביא זאָגט „שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבא וצדקתי להגלות״ טוהט צדקה וועט איהר אויסגעלייזט ווערען, און אזוי ווי ראש השנה און יום כפור, וואס גאָט משפט אונז אויף טויט און אויף לעבען, גיעבען מיר דאך געווים צדקה, וויל מיר ווילען דאך אז צוליעב דעם זכות פון צדקה זאָל אונז גאָט שענקען דעם לעבען און שיקען אונז די גאולה, אלזאָ איז אין מאָנאַט תשרי גיעבען מיר דאך צדקה, אָבער אין ניסן וואס נור דער זכות פון צדקה קען אונז ברייננגען די גאולה און נאך דעם מיינונג פון דעם תנא וואס זאָגט אז אין ניסן וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען, דערום גיעבען מיר אָרימע לייט מצה און די איבריגע בעדערפניסע אויף פסח, אום עס זאָל ניט אָבהאַלטען די גאולה אויב זי דארף זיין אין ניסן, אָבער תשרי גיעבען אלע צדקה און דיעזע צדקה איז אויך אויף סוכות.

## סימן כג

פון וואנען נעהמט זיך דאס צו מאַכען א קניפעל אויף ניט צו פערגעסען?

געגומען פון דעם מדרש (בראשית רבה פפ״ח) אַז דער שר המשקים

האט איינגעשטודירט ער זאל יוסף'ען ניט פארגעסען, און האט אויך קניפלעך געמאכט, נור א מלאך האט זיי אפגעבונדען צוריק.

---

# סימן כד

ווארום מען טהיילט פירעסקעס (א מין טייגלעך) אומזאנסט אין די טעג צווישען ראש השנה און יום כפור (ירושלמי סוף פאה).

דער מיינונג דאריבער איז דאס, פיליכט איז נגזר פון הימעל אז אויף דעם נייעם יאהר זאל מען אנקומען צו געשאנקענע ברויט, דארום נעמט מען די פירעסקעס אומזאנסט און מען איז שוין נהנה פון פרעמדע אום גאט זאל מבטל זיין די גזרה אז מען זאל דעם גאנצען יאהר ניט אנקומען צו פרעמדע.

---

# סימן כה

ווארום ארויסגעהענדיג פון מרחץ זאגט מען צו „רפואה"?

גענומען איז דאס פון אבות דרבי נתן (פי"א) וועלכער זאגט דאס דרייערליי שוויים זיינען גוט פאר דעם קערפער, און איינס פון די דריי איז די באד-שוויים, און דער מגן אברהם או"ח סי' ר"ל זאגט אז יעדע מעדעצין וואס איז פאר דעם קערפער געזונד זאל מען זאגען „צו רפואה".

---

# סימן כו

ווארום מען זאגט אז משיח וועט קומען וועלען די געצענדיענער געהן אויף איין גלעזערנעם בריק און וועלען אריינפאלען?

גענומען איז דאס פון ילקוט (תי"ק), וועלכער זאגט אויף דעם פסוק „וקבצתי את כל הגוים" איך וועל אלע פעלקער איינזאמלען (יואל ד') זאגט דער ילקוט דאס אין יענער צייט וועט גאט צוזאמען בריינגען אלע הילצערנע, זילבערנע און גאלדענע אבגעטער און וועט אין זיי אריינבלאזען איין לעבענס אטהעם, און ער וועט זיי זאגען געהט אויף דעם גיהנום בריק און זיי וועלען

געהן, און ווי זיי וועלען דארט קומען וועט דער בריק ווערען ניט מעהר שטארקער אלעס א פאדים (פארען אדער קאטען) און זיי וועלען אלע דארט אריינפאלען.

# סימן כז

וואָרום צו די עבודה זאָגט דער כהן גדול דעם ערשטען מאָל „אנא השם" און דעם צווייטען מאָל „אנא בשם"?

ווייל צום ערשטען מאהל ווען ער בעט ביי גאָט רופט ער צו איהם, און א „ה" איז איין אויסרוף צייכען („ה" הקריאה) ער רופט צו איהם מיט זיין נאָמען אום ער זאָל הערען ווי ער איז זיך מתודה, אָבער דעם צווייטען מאָל ווען ער בעט פערצייהונג פאר זיך און פאר דעם גאנצען כלל ישראל זאָגט ער „אנא בשם" דאָס הייסט איך בעט דיר דאָס מיט דיין נאָמען זאָלסט דו פערצייהען, ווייל דער געטליכער נאָמען פון די פיער אותיות איז דער אורקוואל פון אלע נעמען וואָס גאָט ברוך הוא לאָזט זיך אָנרופען (תוס' יום טוב יומא פ"ו).

# סימן כח

וואָרום רופען זיך אלע תפלות מיט דעם וואָרט „דאַוונען"?

ווייל דאב־נין איז דער טייטש דאָס די געבעטע קומען פון די אבות און דאָס קומט פון די אַראַמישע שפראך אויף וועלכע אידען האָבען גערעדט אין בבל, און עס איז מעגליך אַז דאָס וואָרט דאַבנען קומט פון אנגלית נעמליך (Dawn) וואָס דאָס בעדייטעט „דעמערונג" דער אנברוך פון טאָג אין העברעאיש איז דאָס נשף דיממא ודלילא (בית יהודה ריב"ל).

# סימן כט

פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען „חזן" נור פאר דעם וואָס דאַוונט ביי דעם עמוד ווערענד לויט תלמוד הייסט נאָר דער נאָמען חזן א שמש צום בעדיענען?

דער תלמוד זאָגט חזן הכנסת, זאָגט דאָרט רש"י „שמש הצבור" (שבת ל"ה) דאָס הייסט אַז א חזן איז נישט מעהר ווי א קהל'שער שמש, אויך ווי־

טער (דף נ"ו) זאָגט דאָרט די גמרא צו פֿערמעהרען געצאָהלט פֿאַר די חזנים. רופֿט זיי דאָרט רש"י בית-דין שמשים. און אין בבא מציעא (צ"ג) „חזני מתא" שטאָדט חזנים, רופֿט זיי אָן דאָרט רש"י נאָך נע שטאָדט היטער (ועי' ירושלמי סוטה כ"ב ווירושלמי ברכות פ"ה). נור, ער פרקי דר' אליעזר, און דער מדרש שוחר טוב און מסכת סופרים פ"י וועלכע די אלע זענען פֿערפֿאַסט געוואָרען אין עפּאָכע פֿון די גאונים, דאָרט רופֿט מען זיי „חזן" מיט דעם מיינונג אלעם מתפלל, אָדער שליח צבור (ש"ץ).

דיזוער נאָמען איז געקומען פֿון א שמש פֿאַר א חזן איז נישט מעהר, ווייל איידער דער דרוק האָט זיך אויסגעפֿונען און יעדער ספר איז ניט מעהר געווען ווי הענד געשריבענע און כמעט אויף א גאַנצע קהלה איז ניט מעהר געווען ווי איין געשריבענער סדור תפלה. און דאַרום האָט מען אויסגעקלי-בען א שמש וועלכער זאָל האָבען א הייכע שטימע, ווייל דער עולם פֿלעגט נאָכזאָגען אָדער גוט איינהערען וואָס דער שמש זאָגט. געוועהנליך האָט דער-זעלבער שמש געמוזט זיין אזעלכער וועלכער האָט גוט געמוזט קענען לשון קודש מיט פירוש המלות ווי אויך זיין פֿאָלקאָם אין דקדוק נקוד אייך אין טעמים (טראָפּ) נח און נע, אין מלעיל, אין מלרע, און נור ער האָט געהאַט דעם סדור אום אין איהם ריכטיג צו זעהען.

און אזוי ווי פֿאַרצייטענס האָבען דאָס פֿאָלק גערעדט תרגום לשון און אויף דעם וואָרט „זעהן" אין לשון קודש „ויירא" זאָגט דער תרגום „וחזי", איז דערפֿון אַרויסגעקומען דאָס דער שמש זאָל זיך רופֿען „חזן" וואָס דאָס הייסט דער סדור קוקער, נור דער באר היטב (או"ח סי' נ"ג) און דער צייטונג „היהודי" משנת תרל"ה זיי זאָגען אַז „חזן" איז זאָ איין וואָרט וועלכער ענט-האַלט די נויטיגע דינים וואָס דער וועלכער וואַגט זיך צו געהן בעטען פֿאַר דעם כלל ישראל מוז די דינים ווי אויך די אייגענשאַפֿטען אין זיך זעלבסט האָבען, און דאָס זיינען זיי חזן: חכם, זקן, נשוי. געמליך ער מוז זיין זעהער א געלעהרטער מאַן אין יודענטהום און אין תורה. ער מוז זיין אַלט אַמווייניגס-טען דרייסיג יאָהר דאָס די באָרד זיינע זאָל רעספּעקטעט זיין, און אַז איהם קומט אוים צו זאָגען דעם „הנני" פֿאַר מוסף צו ראש השנה און יום כפור זאָל זיין ריכטיג ווי ער זאָגט „כזקן ורגיל וזקנו מגודל". ווי איין אַלטער פראַקטישער בעוואַקסענער מיט א באָרד. ער מוז זיין נשוי, דאָס הייסט איין פֿערהייראַטער און האָבען א פֿרוי, און די באָרד מוז ער טראָגען אום דער קהל זאָל איהם רעספּעקטען (עיין ט"ז ומג"א נ"ג). אויך ביי אַלע פֿעלקער איז געווען די באָרד דער פֿאָלקאָמער רעספּעקט, און דער אָנבעדינגער איז געווען אזוי העסליך אזוי ווי אָן איין נאָז, אַזוי שרייבען די גרעסטע פֿערצייטיגע דענקער ווי האַראָדעט, נוהבור, פ"ז, דער געלעהרטער מאַריער דזורן פ' 247. אויך דער

נביא יחזקאל ווען ער שילדערט ווי גאט פערצאלטעט ישראל, און ער וויל זיי אבמעקען, זאגט דער נביא אז גאט האט איהם געהייסען אבגאלען (אבראזירען) די באָרד, און אזוי ווי דאס פנים ווערט פארדארבען אהנע איין באָרד זא וועט גאט פערדערבען די אידען (יחזקאל ה׳).

אויך אהן איין באָרד איז א צייכען פון טרויער און שאנדע (ש״ב י״ט, עזרא ט׳, ישעיהו ט״ו, ירמיהו מ״א) און אלס חנן דער קעניג פון בני עמון האט אבגעשניטען די האלבע בערד פון דוד׳ס קנעכט, זיינען זיי געזעסען אין יריחו ביז די בערד זיינען אבגעוואקסען, און האבען זיך געשעהמט אהיים צו קומען, (ועיין ויקרא רבה פ״ג ובשבת קנ״ב), און ווען רבי יוחנן האט זיך בעריהמט אז ער איז דער שענסטער פון דער וועלט, האבען די חכמי התלמוד אויסגערעכענט אלע שעהנע פון דער וועלט אבער ניט רבי יוחנן בר נפחא ווייל ער האט קיין באָרד ניט געהאט (ב״מ פ״א).

און אין די פרייע אמעריקא איז גראדע דאס מעהרערע חזנים געהען גע־גאָלט די בערד, אנדערע לאזען א שפיטצעלע באָרד און דער שפיטצעל מיט די וואנצעס צוזאמען זעהט אוים ווי א קמץ, און פיעל האבען דעם קמץ אויך ניט. און מיט זא איין פנים שטעלען זיי זיך בעטען גאט פאר דעם כלל ישראל ראש השנה און יום כפור אנשטאט דעם כהן גדול, וועלכער האט געבעטען פערצייהונג פאר דעם כלל ישראל, אויך זענען דיזעלבע חזנים אויך מוהלים און קאנקורירען זיך איין חזן מיט דעם צווייטען אין די מילה ביזנעס,

אויך זיינען דיזעלבע מסדרי קידושין, אין די גרויסע אידישע שטעדט ווערען רוויבערליך בעהאנדעלט אין דעם אידעשען לעבען און אבהיטונגען פון אונזערע רעליגיעזע פונדאמענטען ווי תפלה, טהרת המשפחה, וואס דאס איז סדר קידושין, און די הויפט מצות מילה וואס דאס איז דער גאנצער אידי־שער צייכען אלס א איד איז אבגעגעבען ניט צו די ריכטיגע פיהרער, און מיט רעכט קענען מיר אנרופען דעם פסוק „ותמלא הארץ" „חמס", חזנים מוהלים סדרנים, אדער חניפה מרמה כלף, און עס איז ניט מעהר ווי רעכט אז אידען זאלען דיזעס אנדערס אין אכטונג נעמען און בריינגען צוריק צו אונזער אמאליגע טהרת המשפחה, און צו אונזערע קרעכצענדע פיוטים און טרעהרענדיגע סליחות, און תפלת ישראל בפרט דורך ערליכע אידען יראים ושלמים.

# סימן ל

וואָרום מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און אין א תענית גערהט מען ארום מיט א פושקע אין שוהל און מען בעט צדקה?

דיעזער מנהג איז גענומען פון תלמוד (ב"ב ט) דאס יעדער איד זאָל ניט פערמיידען צו געבען אמווייניגסטען א דריטל פון איין דאָלער א יאָהר פאר צדקה, און דעריבער געהען די גבאים אויף צו מאָהנען דיעזע צדקה. און אויך אין א תענית וויל דער בעצאָהלונג פון תענית איז צדקה (ברכות ו', ועיין ש"ך יו"ד סי' רמ"ט).

# סימן לא

וואָרום זאָגען מיר ניט דעם פורים'דיגען „על הנסים" אום פסח, דען המן'ען האט מען דאך אויף געהאנגען פסח?

געוויס וואָלטען די חכמי התלמוד בעשטימט צו זאָגען על הנסים אום פסח, וויל דאַנמאָהל איז דאך ווירקליך געוועזען די מפלה פון המן, נור וויל אסתר האט זיך געבעטען דאס מען זאָל איהר היסטאָריע בעשטימען אויף עוויג (מגילה) שלחה להם אסתר לחכמים קבעוני לדורות וכו' דאַרום האבען די חכמים בעשטימט אום פורים צום אָנדענקען דעם מאָנאט ווען דער גורל איז געפאַלען צו פערניכטען די אידען און דאס וואר אום אדר.

# סימן לב

וואָרום מען איז זיך נוהג אז א בר מצוה דרש'עט א דרשה?

אין עוראָפא דרש'עט דער בר מצוה א דרשה אין שוהל. גענומען פון דעם פסוק: „עם זו יצרתי תהלתי יספרו" דיעזע פאָלק האב איך בעשאַפען אום מיין לויב צו דערצעהלען, און „זו" איז דרייצעהן, צו דרייצעהן יאָהר זאָגט דער בר מצוה א דרשה, אָבער ניט ווי אין אמעריקא וואס דער בר מצוה בחור זאָגט א שפיץ וואס דאס איז זיין ערשטע ווי אויך די לעצטע חכמה, וויל לײדער קענען דאס מעהרערע בר מצות ניט דאַוונען און לייגען גאר ניט קיין תפילין. (וועגען א דרשה צו בר מצוה עיין ילקוט סופר פ' בשלח כ"ז).

# סימן לג

יוארום גיעבען אזעלכע מצות וואס מען מאכט אויף זיי א ברכה „על" ווי „על המילה אונ אנדערע ווירד געמאכט מיט א למד „ל" ווי „להתעטף" בציצית?

דער רבינו תם שרייבט דאס אלע מצות וועלכע מען טוט זיי גלייך אבזאגענדיג די ברכה איז אויף דיזע זארט ברכות קומט „על", על המילה, על ביעור חמץ, על אכילת מצה אונ דאס גלייכען, אבער די מצות וועלכע זוערען לאנגזאם געמאכט קומט מיט א למ"ד ווי להתעטף בציצית, להניח תפילין, לישב בסוכה, ווייל מען קען טראגען תפילין אונ ציצית אונ זיטצען אין סוכה א גאנצען טאג אונ די ברכה „להכניסו בבריתו" געהער ניט צו די אלגעמיינע ברכות, ווייל דיזע ברכה איז גאר א לויב צו גאט, אונ על מצות תפילין איז ניט מעהר ווי צו אונטערשיידען פון די ברכה „להניח" איף דעם של יד געגען די ברכה „על מצות" וועלכע זיינען ביידע איינענטליך אויף איין מצוה.

# סימן לד

יוארום מיר צינדען אן יום כפור ליכט אונ זייער נאמען איז „יום כפור-ליכט"?

ווייל די תורה האט זיך געענדיגט געבען יום כפור, אונ משה רבינו איז ארונטער מיט די צווייטע לוחות יום כפור, אונ די תורה הייסט ליכט. (בבה"ט או"ח סי' תר"ט ועיין ט"ז).

---

# סימן לה

יוארום אז מען געהט וואהנען אין א נייע דירה ברינגט מען פאר'הער ברויט מיט זאלץ אריין?

ווייל איידער גאט האט בעשאפען אדם הראשון האט ער שוין אין גן עדן אנגעגרייט די בעסטע פרוכט בוימער צום עסען, אונ נח איידער ער איז אריין אין תיבה האט ער פריהער אריינגעבראכט עסענווארג, אונ זאלץ ווערט בענוצט צו יעדע עסענס.

---

# סימן לו

### ווארום די צוויי אונטערפיהרער פיהרען חתן כלה מיט ליכט צו די חופה?

ווייל איין מאן האט צוויי הונדערט און אכט־אונפערציג גלידער, און א פרוי'ס גליעדער, זיינען צוויי הונדערט צוויי און פופציג גלידער. צוזאמען זיינען זיי פינף הונדערט גליעדער און צוויי ליכט נר נר איז אויך דערזעלבער צאהל פינף הונדערט, און ווען ביי די פאר איז איין ערליכער רוהיגער לעבען, הייסט דאס איין ליכטיגער לעבען וועלכען די מחותנים ווינשען זיי, דען איין איש און איין אשה וואס דער מיטעלסטער בוכשטאב פון איש איז א יוד, און דער לעצטער פון אשה איז א ה', און א יוד מיט א ה' מאכט „יה" גאטעס נאמען, איז אז זיי לעבען גוט איז גאט מיט זיי, אבער חלילה אז זיי קריעגען זיך, געהט אוועק פון זיי דער „יה" בלייבט ניט איש און אשה נור אש—אש א ברענענדיגער פייער וואס פערניכטעט זייער גאנצען לעבען.

---

# סימן לז

### וואס איז דאס פאר אמין יום טוב „אסרו חג"?

דער שולחן ערוך או"ח (סי' תכ"ט) שרייבט אז מען איז זיך נוהג אויף מארגען נאך יום טוב אביסעל בעסערם צום עסען און צו טרינקען און דער טאג הייסט „אסרו חג", אבער וואס דאס איז פאר א יום טוב שרייבט קיינער ניט, נור דיעזער „אסרו חג" יום טוב קומט צו אונז איבער די ארץ ישראל'דיגע יהודים וואס דארט האלטען זיי בלויז איין טאג יום טוב. ון אום אונז ניט צו פערשעהמען וואס מיר חוץ לארץ'דיגע אידען מוזען האלטען צוויי טעג יום טוב ווי דער דין איז, און אום פרעמדע נאציאנען זאלען ניט זאגען אז ביי אונז אידען איז ניט ריכטיג איינגעארדענט אונזערע ימים טובים, ווייל אנדערע האלטען איין טאג יום טוב און אנדערע צוויי, האט מען צוגעגעבען דעם „אסרו חג" אויף מארגען נאך יום טוב מיט עטוואס בעסערם צום עסען און קיין תחנון ניט צו זאגען אום צו פעראייניגען אלע מיינונגען, נאך איז געזאגט איבער דעם אין מיין מנהגי ישרון אין לשון קודש.

---

# סימן לח

וואָרום דער „קבלת פנים" מיט זינגען צו באַגריסונג געהער צו חתן און נאָך די חופּה געהער די תופּה־מאַהלצייט אויף די כּלות רעגענונג?

ווייל אַזוי געפינען מיר אין די תורה אז פאַר די קידושין האָט אליעזר אברהמ'ס קנעכט געגעבען זיסע שפייזע, און נאָך די אַיינשטימונג האָט געמאַכט דעם מאָהלצייט „בתואל" רבקה'ס פאָטער.

# סימן לט

וואָרום נאָך א קינדבעט קומט די קינד־בעטערען אין די ווייבערשע שוהל, און דער מאַן לאָזט זיך אויף רופען צו די „תורה" און שענקט צדקה. און וואָרום אַקינד־בעטערין דאַרף מען היטען זי זאָל אַליין ניט זיין?

דאָס איז אַ אנדענקען פון בית המקדש, ווען דאַנמאָהל האָט די קינד־בעטערין געמוזט קומען אין בית המקדש און ברייגנען אַ קרבן, אַלזאָ איז די צדקה וואָס איהר מאַן שענקט איז אַנשטאָט דעם קרבן, און דאָס היטען אַ קינד־בעטערין און ניט לאָזען איהר אַליין, איז גאַנץ איינפאַך ווייל פּילייכט קומט איהר אָן גרויסע ווייטאָגען וואָס זי קען חלילה זעלבסטמאָרד באַגעהן דאַרף מען איהר היטען, אויך איז דאָס זעלבע וואָס מען לאָזט ניט אַ חתן אַליין פּילייכט איז יעמאַנד בייז איבער זיין כּלה און קען איהם וואָס שלעכטעס טוהן, אויך איין אבל ניט צו לאָזען אַליין, ווייל ער איז אין גרויס טרויער קען ער זיך אַליין וואָס עס איז חלילה טוהן, אויך אַ קראַנקען ניט צו לאָזען אַליין דען פּילייכט קומט אויף איהם שרעקליכע מאָמענטען און ער וועט זיך נייטיגען נאָך הילפע, אויך אַ תלמיד חכם ניט צו לאָזען אַליין ווייל עמי ארצים זיינען אויפגערעגט אויף תלמידי חכמים און קענען זיי בעזעס טוהן, דאַרום איז דיעזע אַלע ניט ערלויבט צו זיין אַליין.

# סימן מ

וואָרום דער חזן שרייט אויס „אדון עולם" מיט אַהויכע שטימע פרייטאָג אָוועבד און שבת פריה נאָך דעם דאַוונען?

ווייל שבת צייגט אָן אויף דריי זאַכען, אַז די וועלט איז בעשאַפען גע־

ווארען, און אז די רעגירונג איז גאטעס, און עס וועט קומען דער עוויגער שבת צום עוויגען לעבען, דארום שרייט אויס דער חזן „אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא" וואס דאס בעדייטעט אז די וועלט איז בעשאפען געווא-רען. און „לעת נעשה בחפצו כל אזי מלך שמו נקרא", בעצייגט אז די הערשאפט איז גאטעס. „ואחרי ככלות הכל לבדו ימלוך נורא", בעצייגט אז די גייסטער זיינען אונשטערבענד און דער עוויגער שבת מוז קימען, און דאס זעלבע איז אויך יום טוב וואס אין די יום טוב געבעטע קומען אויך די דריי ערזינערונגען.

# סימן מא

וואררום א בר-מצוה-בחור פאנגט אן צולייגען תפילין דרייסיג טעג פאר זיין בר מצוה און א יתום מיט א גאנצען יאהר פאר בר מצוה?

עס איז ניט מעהר ווייל דער בר מצוה דארף זיך לעהרנען צו לייגען תפילין, און זיך איינגעוואהנען מיט זיי, דארום האט מען בעשטימט דרייסיג טעג פאר בר מצוה צו לייגען תפילין, אזוי ווי דרייסיג טעג פאר פסח דארף מען זיך לעהרנען די דינים פון פסח. און ביי די ספרדים אין ירושלים פאנגט אן א יתום מיט א גאנצען יאהר פריהער צו לייגען תפילין ווייל, ער האט ניט ווער עס זאל איהם לעהרנען, און מיט די מצוה פון תפילין וואס ער לייגט פריהער בריינגט ער גוטעס פאר זיינע טויטע עלטערען. אין אונזערע לענדער איז מען זיך מיט א יתום נוהג ווי ניט מיט א יתום.

# סימן מב

וואררום מיר זאגען אין תפלת „טל" און „גשם" „לברכה ולא לקללה", ווען מיר ווינשען צו „ברכה" איז דאך זעלבסט פערשטענדיג אז ניט צו א „קללה"?

ווייל אזוי ווי מיר בעטען אז דורך דעם טהוי און רעגען זאל זיין געראטען די פעלדער, און אז עס איז אבער צו געדיכט געוואקסען גיבט גראדע די תבואות ארויס זייער שלעכט, און דאס איז נאך מעהר צום בעדוי-ערען ווייל עס איז צוגעראטען אויף די פעלדער, אויך דאס זעלבע „לשובע ולא לרזון" דען צופיעל זאט בריינגט קראנקהייטען, בעסער זאל דער עסען גע-בענטשט זיין אינערליך, אויך אז עס גיעבט מאנכעס מאהל אז אויף דער

וועלט גיעבט גרויסע זאטקייט אָבער עס איז קיינע געשעפטען פאראגען. און די זעלבע איז "לחיים ולא למות" וויל עס קען חלילה געבען א שלעכטער לעבען וואס איז ערגער ווי דער טויט.

## סימן מג

וואָרום נאָך די הגדה של פסח פערענדיגען מיר מיט דעם שיר "אחד מי יודע"?

דען אזוי ווי מיר האָבען געענדיגט דעם סדר און דערציילט די וואונדער וואס גאט האט מיט אונז געטוהן ביי יציאת מצרים, וועט דאָך אָבער יעמאנד פרעגען וואס איז די פעולה וואס גאט האט מיט אונזערע עלטערען געטוהן פערצייטענס, וועהרענד היינט זיינען מיר נע ונד און מיר האָבען ניט קיין עווינגע פרייהייט זאָנדערין עווינגע וואנדערער פון לאנד צו לאנד, און אזוי ווי דעם הונגעריגען טרוימט זיך אז ער עסט אָבער ווען אז ער וואלט זיך אויף בלייבט ער דאָך זאָ ווי פריהער הונגעריג, דארום זאגען מיר דיזען שיר אום אונז צו טרייסטען דאס מיר זאָלען זיך ניט ענטזאגען פון אונזער האפענדליכע גאולה, וויל מיר האָבען די געטליכע השגחה איבער אונז, און זיין הבטחה וועט ער אונז מקיים זיין איבער דעם זכות פון אבות, אמהות, תורה, שבת, מילה, שבטים, וועלכע זיינען געגליכען צו עווינגע שטערען פון הימעל, און דאס אלעס ווידערהוילט (חזרט איבער) דיעזער שיר אז צוליעב די אלע זכות'ן וועט גאט אונז געוויס ברייגנען דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

## סימן מד

וואָרום וואַרפט מען ערב יום כפור די איינגעווייידע פון די כפרות-עופות אויף די דעכער?

דער טעם איז צו ווייזען אז מיר האָבען רחמנות (מיטלייד) אפילו אויף פויגעל און מיר גיבען זיי עסען, אזוי זאל גאט אויף אונז רחמנות האָבען און אונז געבען א גוט יאָהר.

# סימן מה

וואָרום אַז דער וואָס גייט עולה לתורה זיין געהט ניט אראָב פֿון בימה אויף די וועג וואָס ער איז ארויף געגאַנגען?

דער טעם איז ווייל מיר געפֿינען אין יחזקאל (מו) אַז דער וואָס איז געקומען אין בית המקדש דורך דעם טויער פֿון צפֿון זייט איז ער אַרויסגע־גאַנגען אין די וועג פֿון דרום זייט. און דער וואָס איז געקומען דורך דעם טויער פֿון דרום זייט איז ער אַרויסגעגאַנגען דורך אַ אַנדער'ן טויער אָבער אין דאָס זעלבע וועג וואו ער איז געקומען איז ער ניט אַרויסגעגאַנגען (הגר"א ז"ל).

# סימן מו

וואָרום שרייבט מען אַ גט צוועלף שורות דוקא?

דער טעם איז ווייל צוויי מאָל איז געשריבען אין די תורה „ספר כריתות" אין אַ ואו, פֿעהלט צוויי וואו'ן דאָס איז דער צאָהל צוועלף. צו ווייזען און אָנמערקען אַז מען דאַרף נור צוועלף שורות אין אַ גט.

# סימן מז

וואָרום שרייבט מען אין אַ גט דרייערליי לשונות (אויסדריקען) ספר תירוכין (פּאָרטיאָגען). ואיגרת שבוקין (אַבלאַסען), וגט פטורין (פֿריי מאַכען)?

דעם טעם איז איבער דריי זאַכען, א) וועגען זייערע מענשליכע פֿער־בינדונג, שרייבט מען ספר תירוכין, ב) וועגען איהר פֿליכט אין הייזליכע אַרבייט שרייבט מען איגרת שבוקין. ג) וועגען דעם מאַנס פֿליכט איהר מפרנס צו זיין שרייבט מען גט פטורין, דאָס איז אָנגעמערקט אין די תורה: וכתב לה ספר כריתות מיינט ספר תירוכין, ושלחה מביתו דאָס איז איגרת שבוקין, והיתה לאיש אחר מיינט גט פטורין (ליקוטי הגר"א).

# סימן מח

דעם ערשטען טאג שבועות בעפאר דער כהן מאכט די ברכה אויף די תורה זאגט מען „אקדמות מלין" וכו'

דער טעם איז ווייל פערצייטען האט מען געשטעלט נעבען דעם בעל קורא איינעם וואס ער זאל עקספלייגען (ערקלעהרען) די בעדייטונג פון יעדען פסוק, און איבערהויפט האט מען דאס געטאן אין דיזע טעג: דעם ערשטען און דעם צווייטען טאג פסח ווי אין מגילה כ"ד אין תוס' איז געשריבען, און די צוויי טעג דאס הייסט, דעם ערשטען טאג שבועות און דעם צווייטען טאג פסח האט מען פריהער געלייענט דעם פסוק בחדש השלישי וגו' און דערנאך אקדמות מלין ווייל די אקדמות איז געוועזן ביי דעם מתרגם (ערקלעהרער) א ערלויבעניס און א פארעדע צו ערקלעהרען די בעדייטונג פאן דעם טאג, נאך די אקדמות האט דער מתרגם געזאגט בירחא תליתאי וכו' דאס איז די איבערזעצונג פון פסוק בחדש השלישי וואס מען האט פאר די אקדמות געלייענט, נאכהער האט מען ווידער געלייענט דעם צווייטען פסוק „ויסעו מרפידים" און דער מתרגם האט עקספלייגט דעם פסוק און זא האט מען געלייענט א פסוק אלס ווייטער און איהם ערקלעהרט ביז די פרשה „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר". און דא האט דער מתרגם (פערטייטשער) אנגעפאנגען זאגען א שטיק פיוט (א שיר) נאך דעם א"ב, נאך דעם שיר האט מען געלייענט „וידבר אלקים" און פערטייטשט ביז ענדע לייענען און יעצט טאו דער פערצייטיגער מנהג צו פערטייצען יעדער פסוק איז בטל געווארען, איז ביי אונז געבליבען עטוואס א פארמע פון פערצייטיגען מנהג צו זאגען פאר דעם לייענען אקדמות מלין, און דער בעל קורא זאגט ניט די אקדמות ווייל מען זאל קיין טעות ניט האבען און דענקען אז תרגום (דער פערטייטשען) איז אויך געשריבען אין די תורה, דער מנהג צו פערטייטשען יעדען פסוק איז דאמאלס ביי מפטיר אויך געווען דעריבער האט מען דאמאלס געזאגט א הקדמה (א פארעדע) פאר דעם מתרגם זיין (פערטייטשען) דעם מפטיר און דאס איז יציב פתגם וואס מיר זאגען, דאס זעלבע איז געוועזן פארצייטען דער מנהג דעם זיבענטען טאג פון פסח (שלחן הקריאה).

---

# סימן מט

וואָרום לייענט מען ניט מפטיר שבת צו מנחה ?

דעם טעם זאָגט רש"י אין מגילה כ"א ותוס' ווייל עס איז נאָהענט צום אָבענד ווען דאס פאר די מענשען זיין צולאסט, דען דער עולם האָט ניט דאַמאָלס געדולד צו וואַרטען זאָ לאַנג. און איבער דעם לייענט מען ניט מפטיר מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און ר"ח פריה, חנוכה און פורים, ווייל עס איז אַרבייטס טעג און דאס פאָלק קען ניט אָבהאַלטען זייער אַרבייט, אויסער תשעה באב לייענט מען אין דער פריה מפטיר, ווייל תשעה באב טאָר מען ניט ביז האַלבען טאָג קיין אַרבייט טאָן האָבען דאָך די מענשען צייט, זיי קענען דאָך קיין אַרבייט זאָ ווי זאָ ניט טאָן, דאס גלייבען יו"כ צו מנחה לייענט מען מפטיר, ווייל ער איז נאָך לאַנג אין שוהל צום דאַוונען און בעטען איז דאס דעם עולם ניט צום לאַסט.

# סימן נ

וואָרום מאַכט מען ר"ה און יום כפור דעם נגון פון לייענען אין די תורה אַנדערש ווי אַגאַנץ יאָהר ?

דער טעם איז, אַז דורך דעם נייעם ניגון וועלען זיך אַלע דערמאָנען אַז היינט איז ר"ה, יום כפור, ווערדען זיי גוט איינהערען די קריאה, און דורך דעם גוט צוהערען וועלין זיי מתקן זיין (פעריכטען) פאר דעם גאַנצען יאָהר וואס זיי האָבען ניט צוגעהערט קריאת התורה (לייענען אין די תורה) (מהרי"ל).

# סימן נא

וואָרום איז די „פיוט" (פייעט) און די יוצרות וואס מען זאָגט געמישט מיט תלמודישע ווערטער און געבויט אויף מדרשים און אגדות, ניט אין ריינע עברעאישע גוטע שפראַכע?

דער טעם איז ווייל די קראים (קאַרעאימעס) וואס זיי זיינען אַבעזונדערע סעקטע געוואָרין אין די צייט פון די גאונים, און זיי האָבען זיך אין גאַנצען

אָבגעריסען פֿון אונז, זיי האָבען ניט געגלויבט אין תלמוד, איז דאָך זעלבסט פערשטענדליך אַז וואָס זיי האָבען געשריבען איז געוועען דורך אויס תנ״ך ווערטער, ווייל תלמודישע האָבען זיי ניט געקענט. אַלזאָ אום אידען זאָלען ערקענען וועלכע פיוט אָדער יוצרות און וואָס עס איז געשריבען איז ניט פֿאָן די קראים (קאַרעאַימען) נור פֿון אידען, האָט מען אַריין געמישט תלמודישע ווערטער געגרינדעט אויף מדרשים אַז מען זאָל זיך ניט נאַרען מיט זייערע, און דאָס גלייכען איז געוועזען מיט די באורים (ערקלערונגען) אויף תנ״ך. צב״ש רש״י האָט אַריינגעמישט אין זיין פשט פֿיעל מדרשים, דאָס אַלעס איז מען זאָל וויסען אַ אונטערשיעד צווישען אידישע און קאַרעאַימישע.

# סימן נב

וואָרום זאָגען אַלע ווען מען ציהלט, אָדער ווען מען מעסט, מען וועגט אַ סחורה זאָגט מען ריכטיג 13?

דער טעם איז אָט אַזאַ ווי עס איז ריכטיג די דרייצעהן מדות פֿון גאָט אַזוי איז ריכטיג דער צאָהל וואָס יענער גיט.

# סימן נג

וואָרום לייגט מען געלד אַריין אין פֿונדאַמענט פֿון אַ בנין (הויז) ווען מען בויט איהר?

דער מנהג איז גענומען פֿון אַנדערע פֿעלקער, ביי די אומות העולם פֿלעגען זיי אַריינוואַרפֿען איינגע מטבעות צום אָנדענקען פֿון דעם בנין צוזאַמען מיט בריפֿע געשריבען אויף פּאַרמעט איינגעשלאָסען אין אַ אייזערנעם אָדער אַ שטיינענעם קעסטעל בעשמירט מיט וואַקס, אום עס זאָל ניט פֿערפֿוילט ווערען, און אַזוי האָט געטאָן לעאָפּאָלד דער קייזער פֿון עסטרייך אין יאָהר **1670** לספה״נ ווען ער האָט אַרויסגעטריבען אַלע אידען און די אידישע שוהל אין ווין האָט ער פֿערניכטעט און אויף איהר פּלאַטץ האָט ער אויפֿגעבויט אַ קירך אויף זיין נאָמען און אין דעם יסוד (פֿונדאַמענט) פֿון קירך האָט ער געוואָרפֿען פֿיעל מטבעות.

# סימן נד

פון וועלכע צייט איז געשטאמט געוואָרען די נגונים (געזאַנגע) פון די פיוט פון ימים נוראים און שיר היחוד, פון תהלים, מפטיר, און די נגונים פון יעדער מגילה?

די אַללע נגונים זיינען געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 680—590 נאָך די פערוויסטונג פון צווייטען בית המקדש, אָבער די נייע חזנים האָבען אַריין געמישט נייע געזענגע, און ווייל די נגונים איז אָנגענומען ביי אונז איש מפי איש (איינער פון דעם אַנדערן) דענקען פיעלע מענשען אַז דאָס איז מסיני, די געזענגע גיבט פערשיעדען אין יעדע לאַנד, די שפאַניאָלען און איטאַליענער האָבען אויך בעשטימטע נגונים צו וואָכעדיגע תפלות (ריב"ל). מעהרערע ערקלערונגען איז אין ספר מנהגי ישרון העברעאיש פון דעם זעלבען פערפאַסער.

# סימן נה

פון וואַנען נעמט זיך דער מנהג, דאָס צום יאָהר־צייט גיט מען שנאַפּס, פערבייסען, וואָס נאָך אין די צייט פון די חכמי התלמוד איז דער טאָג פערעכענט געוועזען פאַר אַ טרויער טאָג?

דעם טעם געפינט זיך אין ס׳ שערי האמונה בשם חסד לאברהם אויף משניות סדר זרעים און אזוי שרייבט ער דאָרט: די גמרא זאָגט (נדרים י"ב) הריני נזיר ביום שמת בו אביו ואמו, הייסט עס ווען יעמאַנד טוהט זיך אַ נדר צו זיין אַ נזיר אין דעם יאָהר צייט פון זיינע עלטערען, זעהט מען דאָס נאָך אין די צייט פון די חכמי התלמוד איז געוועזען דער מנהג צו פאַסטען אין דעם טאָג פון יאָהר־צייט. נאָר אין די שפעטערדיגע צייטען ווען די צדיקי הדור האָבען גזעהן דאָס די דורות ווערען שוואַכער, און שוואַכער, און מען קען ניט גוזר זיין איין גזרה אויף אַ צבור ווען ניט אַלע האָבען אין די מעגליכקייט דאָס צו ערפילען, האָבען זיי דעם תענית אומגעביטען אויף צדקה אָדער הכנסת אורחים דאָס הייסט אויך אַ סעודת מרעים, וואָס קלייבען זיך צוזאַמען גוטע פריינד און מען מאַכט פאַר זיי איין סעודה און איבער־הויפּט צו געבען צו געניסען אין דעם טאָג נור אָרעמע, און דערפון איזט דער מנהג, דאָס דער וואָס איז ניט אין דער מעגליכקייט צו מאַכען איין סעודה אין דעם יאָהר־צייט טאָג, גיט ער אַמווייניגסטען משקה און פערביי־סען, צו אָרעמע לומדים, און דאָס איז אויך גערעכענט פיר איין צדקה.

דען ער ערקוויקט דאך דער מיט איין ארעמע דורשטיגע זעעלע, און די גמרא זאגט: כל המקיים נפש אחת מישראל כו' הייסט עס, דער וואס ערקוויקט נור איין נפש פון ישראל איזט זיין שכר זא פיל גרויס, און דאס איזט א גרויסער תקון פיר דעם נפש המת. נאר אבער דער שו"ת „שם אריה" פראָ־טעסטירט וועגען דעם מנהג, און שרייבט דארט אז דאס איזט ניט רעכט צו טאן איבער פילע טעמים.

# סימן נו

פון וואנען איז דער מנהג, דאס נאך 25 יאהר פון די חתונה מאכט מען א פייערטאג און מען רופט איהם „די זילבערנע האכצייט"—און ווען דאס זעלבע פאר דערלעבען נאך 25 יאהר, מאכט מען דאן אפייערטאג און מען רופט דאס „די גאלדערנע האכצייט"?

די ערקלערונג דער פון איז נעמליך: אבוואהל דער מענש רעכענט זיך אלס מענש ווען ער קומט צו 13 יאהר, דאך אבער הייסט ער נאך ניט אלס פאלקאמענער מענש מיט'ן פאללען פערשטאנד, ביז ער קומט צו 25 יאהר, און פון 25 יאהר אן ביז 40 יאהר גרעסערסט זיך ביים מענשען דער פערשטאנד, ווי די חז"ל זאגען אונז „בן ארבעים לבינה", דער פאר וועלכער האט ניט ערווארבען קיין מענשליכען פערשטאנד מיט אלע פאלקאמהייט ביז זיינע 25 יאהר, איזט שוין זיין האפענונג פערלארען אום צו ערדייכען ווייטער וואס מעהר פערשטאנד. דאהער איז דער פפליכט פון מענשען אין די ערשטע 25 יאהר פון זיין לעבען, צו שטרעבען נאך דעם מענשליכען פער־שטאנד, אום צו וויסען וואס ער האט פיר זיך נייטיג צו טאן, הייסט עס, ער זאל לעבען אויף דער וועלט אלס מענש, אליין לעבען און דעם צווייטען אויך לאזען לעבען, ניט ווי איין רייסענדעס טהיר איז. דערום ווען מאן און ווייב וועלכע האבען אבגעלעבט צו זאמען 25 יאהר, און געלעבט מענשליך און דעם צווייטען קיין שאדען געבראכט, און נאך וויפיל מעגליך דעם צווייטען געשטיצט, געהאלפען, אז עס קומט 25 יאהר נאך זייער חתונה, מעגען זיי פאלקאם פייערען מיט גרויס פריידע זייער פייערטאג, און רופען איהם די „זילבערנע האכצייט", ווי ווייטער וועט ערקלערט ווערען.

עס איזט בעוואוסט דאס עס גיעבט 5 פערשיידענע זאכען פון די ערד. 1) ערד וואס פון איהם ווערט געמאכט ערדענע געדעטהע (כלים), און דער מענש אויך ווערט דערצו געגליכען, זא לאנג ער האט קיין פרוי גענומען. 2) פון

די ערד ווירד געמאַכט גלעזערנע גערעטהע, וואָס זייער לייכט קאָן דאָס צובראָכען ווערען, אָבער מען קאָן עס פערריכטען, דאָס זעלבע דער מענש די פערבינדונג מיט זיין פרוי ביי זיין הייראַטהען, קען מעגליך צוריסען ווערען, ווען ער קיין גרייניגקייט געפינט אין איהר, אָבער אויב זי האָט נאָך ניט געהייראַהטעט ביי קיינעם, קען ער עס פעריכטען און ווידער איהר נעמען. ווען זי איהרע פעלערען פערבעסערט. 3) אבן, שטיין, 4) ברזל, אייזען 5) און נאָך פיעלע מעטאַלען. שטיין, מיינט מען עס דעם יצר הרע, אויך די שלעכטע זיטען, ווי אין פסוק שטייט „ואסירה את לב האבן מבשרכם”, איך וועל אָבשאַפען דאָס שטיינערנע האַרץ פון אייך, און אייזען, הייסט עס דער טויט, וואָרום ווער קען נאָך ברייננען דעם טויט ווי דער אייזען? דעריבער האָט גאָט פערבאָטען צו ברייננען אייזען אויפ'ן מזבח; און דער מענש ביי זיין הייראַטהען, איזט דאָך דער צוקונפט (עתיד) פערבאָרגען פון אים, דען ווער ווייס אויב זייער יעצטיגער פערבינדונג וועט עס ניט זיין גלייך צו אשטיין? דאָס מיינט מען זייערע שטיינערנע הערצער וועט ניט אריין זעהען דעם עלענד פונ'ם צווייטען, ניט וועלען קיינעם שטיצען, ווערענד אין זייער מעגליכקייט וועט זיין? און ווער ווייס עס אויב זייערע קינדער וועלען זיין אזעלכע וואָס וועלען צו פרידען שטעלען גאָט און לייטען? און ווער ווייס אויב דער אייזען וועט נאָכהער ניט קומען און אָבהאַקען זייער בונד? דערפאַר ווען דער מענש און זיין ווייב האָבען בענאַנד געלעבט 25 יאָהר און געלעבט פאַר זיך און פאַר דעם צווייטען, און אויך קינדער געפיהרט אין גוטען וועג ניט קיין בנים משחיתים. און דער אייזען האָט אויף זיי קיין שלעכטעס געבראַכט, איז דאַן ווען זיי קומען צו די ענדע 25 יאָהר פון זייער חתונה האָבען, קענען זיי מיט גרויס פריידע דאַנקען און לויבען גאָט פיר דעם אמאָליגען בונד זייערען, און פייערען דעם אמאָליגען פייערטאָג וועלכען זיי האָבען איהם געפייערט אין דעם זעלבען טאָג מיט 25 יאָהר צוריק, און רופען איהם די „זילבערנע האָכצייט”, דאָס זיי זיינען ריין ווי געלייטערטע זילבער; און ווען גאָט האָט זיי נאָך געשאָנקען אַז זיי האָבען געלעבט צו זאַמען נאָך 25 יאָהר, אין מענשליכען צושטאַנד דאָס גאָט און מענשען זיינען צופרידען פון זיי, און אויך קינדער אויף דער וועלט געבראַכט, וואָס זיי הייסען „זרע ברך ה'”, דאַן האָבען זיי דאָס רעכט צו פייערען נאָך אַמאָל דעם זעלבען פייערטאָג דעם אמאָליגען נאָך מיט מער פריידע און רופען איהם „די גאָלדענע האָכצייט”, דען אַזוי ווי גאָלד איז ריין און זויבער אַזוי איז ריין זייערע גוטע טהאַטען וועלכע מענשען בענטשען זיך מיט זיי. און דערפאַר רופט מען די ערשטע 25 יאָהר „די זילבערנע האָכצייט”, אַזוי ווי זילבער איז דאָ פיל מעהרער ווי גאָלד, דאָס זעלבע 25 יאָהר אָפ צו לעבען מאַן און ווייב בייגאַנד גיעפט פיעלע, אָבער

די צווייטע 25 יאָהר, איזט גאַנץ זעלטען דאָס מאַן און ווייב זאָלען בייַנאַנד לעבען זאָ פֿיל, דער פֿאַר רופֿט מען דאָס „די גילדערנע האָכצייַט“, אַזוי ווי גאָלד איזט גאַנץ ווייניג דאָ. לייַדער אָבער די מענשען וועלכע זייער לעבען איזט נור פֿיר זיך זעלבסט, און זיי קימערט גאָר ניט פֿיר דעם צווייטענס לייַדען, צו וואָס נאָך האָבען זיי צופֿייַערען אַזעלכע פֿייַערטאָגען?

# סימן נז

אונטער די פֿערשיעדענע סעקטען איזט דאָ אַסעקטע וואָס עסען ניט קיין פֿלייש?

דער טעם פֿאַר וואָס זיי עסען ניט איז גאַנץ פּשוט, ווייל נאַטירליכער ווייזע וואָלט מען טאַקי ניט טאָרען טייטען אַ לעבעדיגע זאַכע און עסען דאָס פֿלייש, און אַזוי זאָגען טאַקע די כלומר'שטריגע אויפֿגעקלעהרטע, אַלוא איז דאָך דער היתר (ערלויבעניש) צו עסען פֿלייש, נור ווייל די תורה האָט אונז ערלויבט צו שעכטין און עסען דאָס פֿלייש, און מיר אידען גלויבען דאָך אין תורת משה. מעגען מיר עסען פֿלייש, אָבער די יעניגע וואָס גלויבען ניט אין די תורה טאָרין טאַקע ניט עסען, דען ווער האָט זיי ערלויבט?

# סימן נח

פֿון וואַנען שטאַמט, דאָס פֿיעלע מענשען שלאָגען אָן אויף'ן שוועל פֿון לאָדען (כמאָר) אַ פֿאָדקעווע צום גליק?

דאָס שטאַמט פֿון די נוצרים אין די ימי הבינים (מיטעל אַלטער), זיי פֿלעגען אויפֿהיינגען זייערע הייליגע בילדער אין דרויסען אויף זייערע טיהרען אין אַ אייזערנעם ראַם (פֿריים) אויבען קיילעכדיג, אָבער דורך אַ לאַנגע צייט אָדער דורך רעגען און שנעע איז די בילדער אָבגעמעקט געוואָרען איז געבלי- נור דער ראַם אַט ווי דער: , מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען גענומען ניטצען די פֿאָרמע ווי אַ פֿאָדקאָווע, און די אונוויסענדע האָבען גענומען נאָכטאָן, ווייל זיי האָבען געדענקט אַז דאָס ברייַנגט גליק און אַזוי איז די נאַרישקייט פֿערבליבען, אָבער אַ מענש מיט אַגעזונדע קאָפּ דאַרף דאָס ניט טאָן.

## סימן נט

וואָרום שפּיעלט מען אין ניס פּסח ?

דער טעם איז ווייל דער צאָהל פון וואָרט „אגוז" (נוס) באַטרעפט 17 און דער וואָרט „טוב" איז אויך 17, שפּיעלט מען דער איבער אין ניס, וואָס דאָס איז „טוב" אום יום טוב, און מען שפּיעלט פּסח, ווייל דער יום טוב איז דער ערשטער און דער אָנפאַנג פון אלע ימים טובים.

# השמטות ותקונים.

לסי' א' בראשיתו אין ספר בחינת הקבלה (יש"ר ח"ב פכ"ג) ווירד דאָרט געבראַכט איין ווילטיגע מיינונג, פיר וואָס עס שטייט ניט ערקלערט דייטליך אין דער תורה די מצוה פון דאַוונען.

שם שורה 2 דאָס וואָס ווייבער פערזאַמלען זיך שבת און יום טוב אין די שולען אום צו דאַוונען בצבור, איזט דאָך נאָך געוועזען דער מנהג גאָר פון פערצייטען; דער תרגום אונקלוס (המקובל לנו מאד, והוא מפי ר' אליעזר ור' יהושע) ברייננגט אויפ'ן פסוק „במראות הצובאות" (שמות ל"ח) די וואָרטען: „די אַתיין לצלאָה בתרעא משכן זמנא" דאָס הייסט: די ווייבער וועלכע קומען אין די טויערען פון משכן צייטענס וויז אום צו דאַוונען (ועי' אבן עזרא שם).

לסי' ה' זייטע 39 שורה ג' וישב בהר, צ"ל ואשב בהר.

לסי' י"ח שורה 9 גאָר אין די צייט פון מהר"ם מרוטענבורג וועלכע האָט געלעבט אין דעם יאָהר 1286 (לספה"ג) וועלכער איזט געוועזען דער פערפאַסער פון די „מנהגי ישראל" איזט דאַן נעגרינדעט געוואָרען דער מנהג דאָס כהנים זאָלען דוכנ'ן נור יום טוב.

לסי' כ' בראשיתו „פזמון" הייסט עס די זאַכע וועלכע מען זאָגט איבער פילע מאָל (הרי"ן מיגש שו"ת ר"ד), און דער וועלכער איבער חזר'ת וואָרטען פילע מאָל, רופט זיך מיט דעם נאָמען „פאַזמנא".

לסי' כ"ג בסופו דער רבינו בחיי אין פ' קרח שרייבט: דאָס פערדעקען דעם געזיכט אין תחנון (דאָס הייסט וואָס מיר פאַלען תחנון), איז צו בעווייזען

דאָס דער מענש איזט דאן אין גאַנצען איבערגעגעבען צו גאָט. און וויל גאָר ניט זעהן וואָס מיט איהם קען דאָ פאָרקומען, און ווייזט דער מיט, דאָס זיין ריינע אמונה און בטחון, איזט נור אין גאָט ב״ה. וואָס נור ביי איהם איזט די הילפע. דער פאַר זאָגען מיר פאָרהער דעם פסוק: „ויאמר דוד אל גד צר לי מאד וגו׳ וביד אדם אל אפולה (דבה״י א׳) דוד האָט געזאָגט צו גד דעם נביא, מיר איזט שרעקליך איינג, מעכטע איך פאַלען ביי גאָט אין האַנד אָבער ניט אין די האַנד פון איין מענשען.

לסי׳ ל״ד בסופו דאָס צו בענשען ליכט ערב שבת לכבוד שבת איזט עס געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 830 (לספה״נ), ווי עס איזט ערקלערט אין סדור רב עמרם גאון דפוס ירושלים, און אין ס׳ „הלכות גדולות״ אויסגאַבע הילדעסהיימער׳ס זייטע 85, און אין רמב״ם הלכות שבת רפ״ה, און ס׳ מנהיג הל׳ שבת (סי׳ י״ז) אום צו פערניכטען, צו שטערן דער מיט דעם מיינונג פון די קראים (קאַרהימעס) וועלכע לייקענען גאָר אין די מצוה פון ליכט בענטשען ערב שבת, און זאָגען גאָר אז דאָס איז איין גרויסע זינדע (עי׳ אדרת אליהו להקראי אליהו בשייצי הלכות שבת).

לסי׳ ל״ח שורה 15 דער בית יוסף או״ח (סי׳ ע״ח) גיבט דאָרט איין אנדער גוטע מיינונג פאַר וואָס מען זאָגט ניט „במה מדליקין״ יום טוב וועלכער געפאַלט אום שבת.

לסי׳ מ׳ בסופו דעם זאָגען די זעקס מזמורים פון „לכו נרננה״ האָט דאָס איינגעפיהרט ר׳ משה קורדובירו, דער רבי און שוואָגער פון ר׳ שלמה אלקבץ, וועלכער האָט פערפאַסט דעם „לכה דודי״ וכו׳, וועלכער האָט געלעבט אין פראַנקרייך אָנפאַנג פירטען יאָהר הונדערט פון אלף הששי (1539 לספה״נ).

לסי׳ ס״ז בסופו וויפיעל מען קאָן מוסיף זין אויף דעם צאָל זיבען קרואים, ווערט ניט דערמאָנט אין או״ח (רפ״ב), נור אין ס׳ לשון חכמים (סי׳ י״ב) ווערט געבראַכט נעמליך: דאָס מען זאָל ניט אויף רופען צו דער תורה ניט מעהר ווי צעהען קרואים אויסער דעם מפטיר, און אַזוי ווייזט אויס פון די גמרא מגילה (בסופו).

לסי׳ ס״ח בסופו פאַר וואָס מען לייענט אין די וואָכענדיגע טעג נור מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, געפינט זיך אין תוס׳ ב״ק (פ״ב), ווייל משה רבינו איז אַרויף אין דעם טאָג דאָנערשטאָג אום צו נעמען די צווייטע לוחות, און אַראָפּ איז ער מאָנטאָג, און דאַן האָט איהם גאָט בעווילינט, איז דאָך די טעג איין „עת רצון״, דער פאַר האָט מען איינגעשטימט צו לייענען אין דער תורה נור אין די טעג, און צו פאַסטען אין די טעג. און אַזוי געפינט זיך אין תנחומא (הוצאות באָבער פ׳ וירא).

לסי' ע"א שורה 12 נאָך אַ מיינונג געפינט זיך, דאָס די קריאה מפטיר (הפטורה) איזט נאָך געוועזען גלייך נאָך דער חתימת ספרי הנביאים (עי' בלאָך שטודיען צור געשיכטע דער זאמלונג דער אַלטער העברעאישען ליטעראטור זייטע 57).

לסי' ע"ו בסופו דער מנהג צו זאָגען „יזכור" איזט פון דער צייט „הרוקח", דאָס איז רבינו אליעזר מגרמייזא, וועלכער האָט געלעבט לערך שנת תתקצ"ח ענדע אלף החמישי (1239 לספה"נ). דאָס זעלבע די תפלה „אל מלא רחמים" וועלכע מיר זאָגען אין די וואָכענדיגע טעג אין דעם ערשטען יאָהר פון דעם נפטר, אויך שבת נאָך קריאת התורה, אויך צום יאָהר-צייט. און די תפלה „אל מלא רחמים" רופט מען עס „תפלת ההשכבה", וויל מיר בעטען דער מית, דאָס דער נפטר זאָל רוהיג ליגען, און זאָל געראַטעוועט ווערען פון גיהנום. יום טוב ווען מען זאָגט „יזכור" דאַרף מען שוין ניט זאָגען די תפלה „אל מלא רחמים".

אַנאָמען וואָס מיר גיבען נאָך איין געשטאָרבענעם פריינד, געפינען מיר נאָך פון לאַנגע צייטען, אַזוי ווי די קינדס קינדער פון הלל הזקן האָבען זיך גערופען אויף זיין נאָמען, אויך הורקנוס דער זון פון ר"א בן הורקנוס האָט מען אַנאָמען געגעגעבען „חנן" אויף זיין נאָמען. און דער שו"ת הרשב"ש ברייננט אין סי' רצ"א. דאָס די טאָכטער פון רבינו יונה ז"ל וועלכער איהר מאַן איז געוועזען רבינו שלמה בן הרמב"ן ז"ל, האָט געבאָרען אַ זון נאָך דעם טויט פון איהר פאָטער רבינו יונה, האָט דער רמב"ן געזאָגט ווען אויך דאָס רעכט איז, דאָס מען זאָל אירם איין נאָמען געבען נאָך מיר, דאָך אָבער פערלאַנג איך, דאָס מען זאָל אים איין נאָמען געבען נאָך זיין עלטער פאָטער פון די מוטער „יונה", איז דער פון צו זעהען אַז מען פלעגט אַנאָמען געבען אויך נאָך עלטערען וועלכע זיי לעבען. אויך געפינען מיר אַז „שת" וועלכער וואַר געבאָרען נאָך דעם ווי „קין" איז גע'הרג'עט געוואָרען, און מען האָט אים ניט אַנאָמען געגעבען „קין". אויך ווער עס האָט מיבם געוועזען זיין פערשטאָרבענעם ברודערס פרוי, האָט מען אויך ניט גערופען דעם געבאָרענעם קינד אויף דעם פערשטאָרבענעם ברודער, דאָס זעלבע געפינען מיר ביי יהודה, אויך ביי בועז.

נאָך דער (פסיקתא זוטרתי (בראשית לז) ברייננט: דאָס דעם „דישן" האָט מען אַ נאָמען געגעבען נאָך זיין קלענערען ברודער „דישן", וועלכער איז פאַר איהם געשטאָרבען, זעהט מען דער פון, אַז מען גיט יאָ אַנאָמען נאָך די פערשטאָרבענע (ועי' מד"ר בראשית פכ"ג ע"ד תובל קין).

לסי' ע"ז בסופו צ"ל „שמעתי".

לסי' פ"ד בסופו צו זאָגען „עלינו לשבח" נאָך דעם דאַוונען, האָט

עס מתקן ר׳ יוחנן בן זכאי, אזוי שרייבט הגאון חיד״א אין זיין ספר „דבש לפי״ בשם רב האי גאון.

און מען זאגט ניט „עלינו לשבח״ נאך תפלת מנחה ווען מען דאווענט גלייך תפלת מעריב (מג״א או״ח סי׳ קל״ב בשם תולעת יעקב ובספר לשון חכמים).

לסי׳ ק״ו בסופו עס גיעבט פיעלע מענשען וועלכע זענען אבגעהיט ניט צו מאכען הבדלה אויף מילך, דען אזוי ווערט עס געבראכט אין ברכ״י אין ערקלערונג אויפ׳ן או״ח (סי׳ רצ״ו) אז אויף מילך טאר מען ניט מאכען קיין הבדלה און דערצו שטימט איין דער שערי תשובה (שם), אבער אין ס׳ ערוך השולחן ווירד געבראכט: דאס מען מעג יא מאכען הבדלה אויף מילך, און ברייננט דאס די גדולי ישראל פלעגען מאכען הבדלה אויף מילך.

לסי׳ קט״ז בסופו אבער אין א חודש מעובר קאנען זיי יא טאן וואס ארבייט (ב״י טור או״ח).

לסי׳ קס״ד בסופו וואס ביי אונז איז דער יום טוב צוויי טעג וועלכער אין איהם קען קיין ספק ניט זיין, דען דער פופציגסטער טאג פון ספירה ציילען, איז אלע מאל שבועות? גיבט דעריבער אמיינונג הרה״ג שלמה צבי שיק בסדור המנהגים, דאס נאך אין די צייט פון בית שני האט מען אויך געמאכט דעם יום טוב שבועות צוויי טעג, צו ליב פסח און סוכות וועלכע דארט האט געקענט יא זיין אמאל א ספק.

לסי׳ קס״ח בסופו דאס וואס מיר ענדיגען יו״ט „מקדש ישראל והזמנים און ניט „מקדש ישראל וחג הפסח״, אדער „חג הסוכות״, אזוי ווי מיר ענדיגען ר״ח ויוה״כ „מקדש ישראל וראשי חדשים״ אדער „ויום הכפורים״? איזט דאס איינפאך, ווייל בזמן הבית פלעגען בית דין מקדש זיין דעם חדש, און ווען דאן איז ביי זיי אויסגעקומען צו זיין ר״ח איז ער פערבליבען הייליג, דערפאר זאגען מיר: „מקדש ישראל וראשי חדשים״, אדער „ויום הזכרון״, ווייל ר״ה איזט דאך אויך ר״ח. אבער די צייט פון יו״ט פסח, סוכות קען דאך ניט זיין ניט פריער ניט שפעטער, דער פופצענטער טאג אין ניסן מוז זיין פסח, און דער פופצענטער טאג אין תשרי מוז זיין סוכות, איזט דאך די צייט פון יום טוב אבהייננגיג נור אהן דעם בעשטימונג טאגע פון ר״ח. דער פאר מוזען מיר שוין זאגען „מקדש ישראל והזמנים״. און יום כפור וואס מיר זאגען „מקדש ישראל ויום הכפורים״ איזט דער פאר, ווייל דאס איזט בעשטימט פאר געוויס אז דער טאג יום כפור פערצייעט ניט די זינדע פון די וועלכע וואס זיי טוען ניט קיין תשובה, און ווען בעהיטע גאט דאס מען זאל אין איהם ניט פאסטען און איס ניט פערהייליגען מיט אלעס ווי די חז״ל האבען אונז געבאטען, דאן הייסט ער שוין ניט יום כפור, נור „עשירי לחודש״, טו ווען הייסט ער „ים

הכפורים" ווען אידען פערהיילינגען אים, דערפאר דארף מען שוין זאגען „מקדש ישראל ויום הכפורים".

לסי' קע"ג זייט 142 שורה 17 פון ראש השנה, צ"ל „פון ערב ראש השנה".

לסי' ק"פ בסופו מיר בלאזען תקיעות מיושב (דאס איז די תקיעות וואס פאר תפלת מוסף) פאר די תקיעות מעומד (וואס איז אין תפלת מוסף) (עי' טור ובי"י), ווייל די גמרא זאגט אין (ר"ה פ"א) מען בלאזט שופר כשהן יושבין (הייסט עס ווען מען מעג זיטצען דאס איז פאר מוסף) אום צו פער־טומלען דעם שטן, דאס ער זאל ניט קענען מקטרג זיין אויף די אידען ווען זיי וועלען דאווענען די תפלת מוסף, אבער די הויפט מצוה פון שופר בלאזען איזט נור אין תפלת מוסף (עי' שלטי הגבורים אות ג').

ר"ה טאר מען ניט וויינען ווי עס איזט ערקלערט אין ספר עזרא: אל תבכו כו' איהר זאלט ניט וויינען (מעשה ר"ב). ראש השנה טאר מען ניט מאריך זיין צו פיל דעם דאווענען, נור ווי אלע ימים טובים, ניט שפעטער (הגר"א או"ח סי' תקפ"ד).

לסי' ר' זייטע 160 שורה 2 דאס וואס מען זאגט „ויהי ערב ויהי בקר" עס איז דאך א מיטען פסוק? ווירד געבראכט אין מס' סופרים (פכ"א הל"ז) דאס „ויהי ערב ויהי בקר" איזט דאס אבעזונדערער פסוק.

לסימן ר"פ די אורקוועלע וואס מען איז מטהר איין מת, געפינט זיך אין ירושלמי ברכות פ"ד ה' א': „וימצא בקעה בארץ שנער שהם מתים בתשנוק (בצער) בלא נר ובלא מרחץ" (ע"ז העירני הרב ר' משה שמעון זיוויץ).

אין ספר חסידים (סי' תשל"ב) ווערד געבראכט ווען מען איז מטהר דעם מת, מוז מען זעהן דאס עס זאל ניט בלייבען קיין שמוץ אויף זיין לייב.

להמנהגים הנוספים סי' מ"ח דער מחבר פון אקדמות איז רבינו מאיר ב"ר יצחק ש"ץ מעיר גרמייזא (ערך 1040 לספה"נ), ער האט עס פערפאסט אין איין אלף בית, און צום ענדע איז געצייכענט זיין נאמען, ביי אנפאנגס פון יעדער פערז: רבי מאיר ברבי יצחק יגדל בתורה ובמעשים טובים אמן חזק ואמץ, און דער זעלבער מחבר האט פערפאסט פילע פיוטים, יוצרות וסליחות אויף ארמית. דען אנפאנגס איז ער געווען אין בבל און דארט איזט געוועזען זייער שפראכע ארמית, און רש"י רבן של כל ישראל דער מאנט איהם פילע מאל אין תנ"ך מיט דעם נאמען צדיק וחסיד. עס ווערט דער צעהלט פון איהם: דאס ער שטאמט גאר פון יענער זייטע טייך סמבטיון וועלכער ווארפט די גאנצע וואך שטיינער, און ער (דער מחבר פון די אקדמות) איז אים אריבער שבת אום וועגען א גרויסע מצוה פון פקוח נפשות, וועלכע ער האט מציל

געוועזען מיט זיין געהן פיל אידען פון איין גרויסען אומגליק, און דערצו האט ער געוויזען גרויסע וואונדער, און מעהר האט ער זיך שוין ניט ווידער גיקערט דארט און איז פערבליבען דא (מבוא לס' אקדמות, ווילנא תרס"ב, ע"ש).

לסי' נ"ד בסופו דער אורשפרונג — פון די חזנות איז נאך געוועזן אין בית המקדש, דער גאנצער כאר פון די לוים האבען דעם שיר של יום געזונגען. נאך נאכען חורבן האט זי זיך פערשידענארטיג ענטוויקעלט אין פערשידענע לענדער און אין פערשידענע צייטען און אזוי ענטוויקלענדיג זיך האט זיך אלץ מעהר אנגעקלעפט אן איהר די פערשידענע נגונים און ארט געזאנגע פון די גלות לענדער.

אין מיטעלאלטער איז ר' אלעזר הקליר דער גרויסער פייטן געוועזן א חזן אין בארי, איטאליע (970 לספה"נ); ר' מאיר בר יצחק (לספה"נ 1060) איז געוועזן א חזן אין ווארמש און מגנצא און נאך שטאדט אין דייטשלאנד — און זיי די פייטנים האבען דאס זייערע פיוטים געזונגען אין די שולען, און נאך זייער טויט האבען פערשידענע חזנים אין פערשידענע שטאדט, איבערגעזונגען און אזוי איז געווארען נתפשט און אנגענומען זייערע פיוטים און תפלות בכל תפוצות ישראל, און דאדורך איז געווארען געשטארקט די היילינגע געפיעלע (רגש) פון נעים זמירות ישראל און די היילינגע תפלות. — און די געמיינדע האט מיט בעגייסטערונג געהערט די פערשידענע נגונים פון די חזנים, וועלכע האבען אבער מיט דער צייט אנגעפאנגען צו פיעל און ניט ריכטיג אויסצונוצען די ליבשאפט פון דעם יודישע המון צו חזנות — .

די יודישע רדיפות וואס יודען זיינען אויסגעשטאנען כמעט אין אלע אייראפעאישע לענדער, האט פיעל געווירקט אז דער שאפונגס-גייסט פון די יודישע היילינגע שירים זאל אויפהערען — און ניט מעהר האבענדיג אייגענע געשאפענעס האבען די חזנים אנגעהויבען צו שעפען נייעס און איבערצו-ניציוען פון דעם ארומיגען גלות — כלומר'שט זיי יודישען און דאמיט דעם דורסטיגען קהל נייעס צו געבען.

און אין די עפאכע פון משה בן מנחם ווען יודען האבען אנגעפאנגען צו בעקומען מענשען-רעכט, און אונזערע ברידער האבען אנגעפאנגען נאך צו טאנצען די תושבים ואזרחים און געזוכט זיי נאך צו אהמען און נאך צו טהון אין אלץ, האבען די חזנים אויך אנגעפאנגען אונזערע היילינגע נגונים צו אייראפעאיזירען.

און די חזנות די ריין יודישע, די גייסטפאלע — די שאפענדע און פא-עטישע איז געווארען א געמאכטע וואס אהמט נאך די שכנים אין אלץ.

זילבער, ווייַנטרויב און נאָך האָבען אונזערע רייַן יודישע נגונים פער־טייַטשט—און עס איז דאַצו גאָר קיין סוף ניט.

אויבערפלאכליך ווען מען בעטראַכט—ווערט מען נתפעל פון דעם אויסערן גלאַנץ! אייראָפּעאיש—שאָן—מוזיקאַליש אָבער אַלעס ווערט מען געפינען, נור די יודישע נשמה וואָס עס לעבט אַזוי שטאַרק אין אונזערע אַלטע הייליגע נגונים, אט דיזע הויפּטזאַך פעהלט אין די נייע חזנות, און אָהן דיזע הייליגע נשמה—איז אונז אַלעס ווילד פרעמד—אונזער אֹהר הערט די שיינע מוזיקאַלישע טאָנער, אָבער אונזער הערץ—דאָס יודישע הערץ ווערט אויפגערעגט, קיין התלהבות פיהלט זיך ניט אין זי און עס בענקט זיך זעהר נאָך אונזערע אַלטע אידישע חזנים וועלכע האָבען אונז אַמאָל די יודישע פאָלקס נגונים געשאַפען און געגעבען.

---

## וועגען דעם מנהג צו זינגען אין דאווגען.

דער רמב״ם (בפרקי הצלחה) שרייבט: דער וואס דאווינט דאַרף זיך ווענדען צו גאָט כו׳ און ער זאָל זיך ניט אָבווענדען ווען ער דאווינט פון די זיסע אנגענעמע שטימען כו׳.

דער כוזרי (מאמר ב׳ סימן נ׳) שרייבט: דער וואס ליבט די מצוה פון תפלה, זאָל זיין מיט אַ ניגון, און מיט אַ זיסע אַנגענעמע שטימע, דען דאָס איז אַגעטליכע דינסט וועלכער פערשאַפט געטליכע פערבינדונג ביים דאַוונען.

הגאון ר׳ מנחם די לונזאנו אין זיין ספר „שתי ידות״ שרייבט: יעדער וועלכער דאַווענט מיט כוונה, זאָל ער זיך זעהן אויסערוויילען אַשיינעם ניגון און אליבליבען וועלכער ער זאָל מיט איהם דאַוונען.

דער ספר חסידים (סי׳ קי״ח) שרייבט: דו זאָלסט זעהן זיך אויסער־וויילען איין נגון וועלכער איזט זייער אַנגינעם, וועלכען דו זאָלסט מיט איהם דאַוונען.

# מנהגים הנוספים במשך זמן ההדפסה

## סימן א

פאר וואס איינער גערימט דעם צווייטען זאגט ער אים „שלום עליכם" ניט „שלום עליך".

דער טעם איז, ווייל דער מענש איזט געבויט פון די פיר יסודות: אש (חם) היטץ; מים (לח) וואסער; רוח (קור) ווינט; עפר (יבש) ערד. איז ווען די אלע פיער יסודות זיינען שלום, הייסט עס ווען איינער שטארקט זיך ניט אויף דעם צווייטען איז דער מענש פאלקאם געזונד, בעהיטע גאט ווען איינער פון די פיער דערמאנטע יסודות שטארק זיך אויף דעם צווייטען, דא איזט שוין דער מענש קראנק, דער פאר ווינשט איינער דעם צווייטען און זאגט: „שלום עליכם" דאס מיינט מען ער ווינשט איהם דאס אלע זיינע פיר יסודות זאלען זיין שלום בצינאנד, איינער זאל זיך ניט שטארקען אופ'ן צווייטען, דאן וועט ער ניט שפירען קיינע שמערצען. דאס מיינט דער פסוק: וזה „חלקי" מכל עמלי. דער ווארט „חלקי" מאכט חם (אש), לח (מים) קור (רוח), יבש (עפר) דאס הייסט מיין טייל אין לעבען איזט ווען די אלע פיר יסודות זיינען שלום. און דאס איזט אויך דער געדאנק פון די חכמים וועלכע זאגען „איזהו עשיר השמח, בחלקו", דאס הייסט וועלכער איזט רייך, דער וואס איזט צו פרידע מיט זיינע פיער יסודות: חום, לח, קור ויבש ווי די אותיות „חלקו" מאכט (שעב"ר).

---

## סימן ב

דער מנהג דאס יום כפור צו מנחה לייענט מען די פרשה עריות?

אזוי ווירד עס געברארכט אין די גמרא (מגלה ל"א) און דארט אין תוס' ווירד געזאגט בשם מדרש: דאס די אידען לייענען די פרשה עריות יום כפור צום מנחה אום צו פערלאנגען פון גאט, אזוי ווי דו האסט אונז געבאטען אין די תורה אום ניט צו ענדעקען קיינע שענדליכעס, (ניט צו נעמען קיינע פרוי וועלכע איזט אונז פערבאטען, אזוי פערלאנגען מיר פון גאט דאס ער זאל ניט ענדעקען אונזערע שענדליכע זינדע.

ו

מען זאָגט ניט אשרי ובא לציון צו די תפלת מנחה אום ג יכער צ
דאַווגען מנחה, אויך ווידער דאָס אשרי ובא לציון געהער מען צו זאָגען ביי
די לעצטע תפלה.

---

# סימן ג

פאַר וואָס איז דער מנהג דאָס די קריאה פון מנחה של יום כפור לייענט
מען מיט דעם נגון פון אַ גאַנץ יאָהר און ניט מיט דעם נגון פון יוה״כ ?

דער מיינונג דער פון איז, ווייל די גמרא (שבת קל) זאָגט אויפ׳ן
פסוק „וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו״, משה האָט געהערט ווי
דאָס פאָלק וויינט למשפחותיו, מיינט מען דער פאַר וואָס גאָט האָט זיי פאַר-
באָטען ניט צו נעמען קיין פרויען פון אייגענע פאַמיליע, (הייסט עס אַמוטער
אַשוועסטער און דאָס גלייכען)׳ דער פאַר לייענען מיר ניט מיט איין מוראַלישען
ניגון, עס זאָל ניט אויסוויזען, דאָס מיר בעקלאָגען זיך אויף דיזעס (שמעתי
מאת הרב הגאון דק״ק שאקי הרב ר׳ חיים ירמיה פלענסבערג שליט״א).

---

# סימן ד

פאַר וואָס בעטען מיר די הושענות און מיר זאָגען ניט ווי אין סדור
שטייט געדרוקט ?

דער טעם איז ווייל אַלע מאָל זאָגט מען דעם ערשטען טאָג סוכות „למען
אמתך״ און דעם צווייטען טאָג „אבן שתיה״ ווען נור יום טוב געפאַלט אין די
וואָכענדיגע טעג, (געפאַלט אָבער דער ערשטער טאָג שבת זאָגט מען דאַן „אום
נצורה״). „אערוך שועי״ זאָגט מען אַלע מאָל אין דעם טאָג וועלכער געפאַלט
אין איהם יום הכפורים, וועלכער איזט דער ערשטער טאָג חול המועד, ווייל
דאָרט געפינט זיך די ווערטער „גליתי בצום פשעי״ דאָס הייסט אין פאַסט-
טאָג יום כפור האָבע איך מיינע זינד אָפענבאַר געמאַכט פאַר גאָט (איך
האָב זיך מתודה געווען), און ווען דער טאָג געפאַלט אום שבת, ווערט דער
„אערוך שועי״ געזאָגט אין דעם טאָג וואָס נאָך דעם. „אדון המושיע״ זאָגט
מען אַלע מאָל אין דעם זעקסטען טאָג פון יום טוב ניט פריער, ווייל ער
איז דער טאָג וואָס פאַר הושענא רבא, און אין די תפלה ווערט דער מאָנט

א תפלה אויף רעגען, און רעגען איז עס ניט גוט סוכות, דעפאר זאגען מיר עס דעם „אדון המושיע" נאהענט צו שמיני עצרת וואס דאן בעטען מיר דאך זא ווי זא אויף רעגען, נור ווען דער זעקסטער טאג געפאלט אום שבת ווערט ניט געזאגט דער „אדון המושיע" נור „אום נצורה". „אל למושעות" זאגט מע שטענדיג דעם דריטען טאג חול המועד נור ווען דער דריטער טאג חול המועד פאלט אום שבת דאן ווערט געזאגט „אל למושעות" פרייטאג דעם צווייטען טאג חול המועד און שבת ווירד געזאגט „אום נצורה".

(עי' לבוש סימן תרס"ג).

נאך דעם כלל ווירד די הושענות נאך דיזער ארדנונג אייגעטיילט.

| ווען דער ערשטער טאג סוכות פאלט אם מאנטאג ווירד געזאגט: | ווען דער ערשטער טאג סוכות פאלט אם דינסטאג ווירד געזאגט: | ווען דער ערשטער טאג סוכות פאלט אם דאנערשטאג ווירד געזאגט: | ווען דער ערשטער טאג פאלט אום שבת ווירד געזאגט: |
|---|---|---|---|
| א) למען אמתך. | א) למען אמתך. | א) למען אמתך. | א) אום נצורה. |
| ב) אבן שתיה. | ב) אבן שתיה. | ב) אבן שתיה. | ב) למען אמתך. |
| ג) אערוך שועי. | ג) אערוך שועי. | ג) אום נצורה. | ג) אערוך שועי. |
| ד) אום אני חומה. | ד) אל למושעות. | ד) אערוך שועי. | ד) |
| ה) אל למושעות. | ה) אום נצורה. | ה) אל למושעות. | ה) אל למושעות. |
| ו) אום נצורה. | ו) אדון המושיע. | ו) אדון המושיע. | ו) אדון המושיע. |

# סימן ה

דער מנהג ניט אפצוווישען די הענד ווען מען וואשט געהענדיג פון איין לויה?

דער טעם איז דער פון, אום צו ווייזען דערמיט דאס ניט גיך צו פערגעסען דעם טרויעריגען צופאל, דאס דער מענש זאל היטער זיך ניט ווארפען דעם יום המיתה (מבי"ד).

# סימן ו

פאר וואס איזט דער מנהג ווען מען שערט אפ די נעגעל שנײַדעט מען
עטוואס אפ און מען לעגט דאס צוואמען מיט די נעגעל?

דער מײַנונג דער פון איזט, ווײַל די אבגעשניטענע נעגעל איזט געפעהרליך ווען אשוואנגערע פרוי טרעט דערויף, אבער ווען עס איז דא אין דעם עטוואס א אנדערע זאך מאכט שוין ניט אוים (נדה יז). דער פאר זאגען די חז"ל הזורקן רשע, דער וואס ווארפט זיי אוועק איז ער א רשע. און די פרומע זײַנען זיך נוהג צווײַ גוטע זאכען, אי וואס אבשנײַדען אין זיי עטוואס איין זאך, און אויך צו פערברענען, פילײַכט פערגעסט ער צו פערברענען איז דאך דא אין זיי איין אנדער זאך.

---

# סימן ז

פאר וואס דער מנהג צו זאגען פסח בײַ נאכט צום אבריכטען דעם סדר:
„לשנה הבאה בני חורין" אויף לשון הקדש?

דער טעם איזט, אום די פרסים זאלען ניט מערקען דאס די אידען ווילען אנטלויפען, אויך מיר בעטען דער מיט גאט דאס ער זאל אונז בעפרײַען, דער פאר זאגען מיר אויף לשון הקודש דאס די מלאכי השרת זאלען פערשטײַן (שבת יב) אום זיי זאלען אויך פאר אונז בעטען (פרדס).

---

# סימן ח

פאר וואס זאגט מען „ואתה קדוש" נאכ'ן לייענען מגלת איכה?

ווײַל די אידען האבען זיך פערזינדיגט און האבען עובר געווען אויף די תורה פון אלף בית (פרדס בלקוטי דינים). מען הײַבט איבער דעם פסוק „ואני זאת בריתי כו' לא ימושו מפיך כו'" ווײַל דאן טאר מען דאך ניט לערנען די תורה און „בריתי" מײַנט מען דאך די תורה.

---

# סימן ט

וואָרום מוז מען זיך וואַשען ווען מען עסט ברויט?

דער טעם פון נטילת ידים איז נור צו ליב תרומה, וואָרום ווען יעמאַנד האָט ניט געוואַשען די הענד און האָט זיך אָנגערירט אָן תרומה, האָט זי שוין דער כהן גיט געטאָרט עסען. דער פאַר האָט געמוזט דער כהן וואַשען די הענד בעפאָר ער עסט די תרומה. צו ליב דעם דאָס דער כהן זאָל זיין געוואוינט צו וואַשען די הענד, דער פאַר האָבען די חכמים בעשטימט דאָס יעדער איד ווען ער דאַרף עסען מוז ער פאָרהער די הענד וואַשען (רש"י חולין ק"ו). אָבער ווען מען עסט אַזאַ זאָרט שפייזע וואָס מען מאַכט דערויף די ברכה „בורא מיני מזונות" און ניט „המוציא לחם" דאַרף מען זיך שוין ניט וואַשען, וואָרום דער גאַנצער טעם איז דאָך מער ניט צו ליב תרומה, און תרומה איז אַמער-סטען געווען פון קאָרען. ווי אין פסוק שטייט „ראשית דגנך כו'".

ווען מען וואַשט זיך פון איין האַנד-פוס, מוז מען ביי יעדער מאָל אָבגיסען די הענד אויפהויבען דעם קראַן און אַראָפלאָזען און ניט הויבען דעם קראַן עס זאָל גיסען נאָך אַנאַנד, דאָס הייסט זיך ניט געוואַשען (כן נראה מדברי הטור וכ"נ מהמרדכי פ' אלו דברים).

# סימן י

פאַר וואָס זאָגט מען ניט אין צווייטען טאָג פסח און שבועות „מוספי"?

ווייל מען זאָגט „מוספי", נור ווען מען האָט געבראַכט אַ קרבן מוסף צו ליב דעם יום טוב זעלבסט אַזוי ווי ראש השנה, יום טוב, חול המועד, אָבער דער צווייטער טאָג פסח איז גאָר צום ליב דעם עומר, און שבועות איז צו ליב די שתי הלחם (שירי כנה"ג, פחד יצחק).

# סימן יא

פאַר וואָס שערט מען ניט אָב אַקינד בעפאָר ער קאָן ריידען?

ווייל די גמרא (סוכה מ"ב) זאָגט: אַקינד וועלכער קען שוין ריידען דאַרף אים דער פאָטער לערנען תורה, דאָס מיינט מען אים אויסלערנען דעם

פסוק „תורה צוה לנו משה וגו׳״ מיט דער פערהייליגט ער דעם קינד צו גאט, און אין פסוק שטייט „ראשית גז צאנך תתן לו״ די ערשטע אבגע־שארענע וואהל פון דיינע שאפפע גיב דאס מיר אב, און אלע אידען רופען זיך דאך „צאן״. דער פאר ווען דער קינד פאנגט אן צו ריידען און מען לערינט אים אוים דעם פסוק „תורה צוה לנו משה״ שערט מען אים אפ און די האר וועגט מען אפ און מען גיט דאס געלט אפ אויף צדקה (ראיתי בספר).

---

# סימן יב

דאס וואס קינדער שרעקען זיך צו בעווייזען מיט׳ן פינגער געגען הימעל?

קיין ריכטיגע בעווייזע דערויף איזט ניט דא, נור אין מדרש שה״ש ווירד געבראכט פאלגענדעס: „ודגלו עלי אהבה א״ר חוניא לשעבר כשהיה אדם מראה איקונין (של מלך) באצבעו היה ניזוק, ועכשו אדם מניח ידו על האזכרה ואינו ניזוק״. דאס הייסט: אמאל פלעגט אמענש ווייזען מיט׳ן פינגער געגען הימעל פלעגט ער זיך שאדען, אבער יעצט ניט.

---

# סימן יג

פאר וואס לייענט מען ניט יום טוב שני „וביום השני״ נור די פסוקים פון קרבן מוסף ובחמשה עשר וכו׳?

דאס האט מען געפרעגט ביין מהרי״ל, ער האט דערויף געענטפערט וויל דער צווייטער טאג יום טוב איז דאך פון ספק וועגען, און ווען מען וועט לייענען „וביום השני״ קען מען האבען אטעות און מיינען אז דאס איז חול המועד, וועט מען דאך טאן א מלאכה אויך.

---

# סימן יד

עס איז א מנהג צו עסענען א חומש אין עשרת הדברות פ׳ יתרו ווען עס איז אבליץ אדער א שטארקער דונער.

דער טעם איז, וויל ביי מתן תורה שטייט אין פסוק „ויהי קולות וברקים״ (שמות יט) און עס וואר דונערען און בליטצען, דאס מיינט מען

דער זכות פון די תורה וועלכע מיר האבען אויף זיך גענומען, וואס זי איז געגעבען געווארען דורך קולות וברקים, וועט דאס בעשיצען אויף אונז פון דאנערען און בליטצען געפערליכע, ווי עס שטייט דארט ווייטער „אל תיראו כי לבעבור נסות אתכם בא האלהים ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו" פירכטעט אייך ניט, דאס איז ניט מער אום אייך צו פרובען דאס גאטעס פורכט זאל זיין אויף אייך אימער, דאס איהר זאלט ניט זינדיגען (ספר הברית).

# סימן טו

דער מנהג איז אז מען שערט אב די האר בעהאלט, מען עס ערגעץ און מען ווארפט עס ניט אוועק.

אזוי ווערט עס געבראכט אין רש"י ספר יחזקאל ה'.

# סימן טז

פאר וואס ווען מען טרינקט וויין אדער בראנפען זאגט מען איינער צום אנדערען „לחיים"?

ווייל די גמרא זאגט אין שבת (פ"ח) דאס רבי עקיבא פלעגט זאגען אויף יעדער כוס „חמרא וחיי לפום רבנן" דאס הייסט די וויין זאל זיין צום לעבען פיר די רבנן; די חז"ל זאגען ווידער „לא אברא יין אלא לנחם אבלים", וויין איזט נור בעשאפען געווארען נור דערמיט צו טרייסטען די טרויעריגע (אבלים), דען עס שטייט אין פסוק (משלי לא) „תנו שכר לאובד ויין למרי נפש" שטארקע געטראנ'ע דארף מען געבען דעם אונגליקליכען, און וויין די פערביטערטע זעעלע, דער פאר ווען מען טרינקט וויין דארף מען זאגען „לחיים" דאס מיר זאלען זוכה זיין צו טרינקען נור צום לעבען אוים פערגע-ניגען, אבער ניט אוים קימער טרויער בעהיטע גאט.

# סימן יז

פאר וואס ביי די ענדע פון איין מסכתא שטייט ניט אומעדום גלייך, אמאל שטייט „נשלמה מסכתא" און אמאל שטייט „סליק מסכתא", צום ביישפיל ביי ענדע ברכות ופאה שטייט „סליק" און אין ענדע מסכתא שבועות שטייט „נשלמה" א. ז. וו.?

ווייל דער בעדייטונג פון ווארט „סליק" איזט „ענדע", און „נשלם" איז די בעדייטונג „פערטיג אין גאנצען". די חז״ל זאגען „שלא יסיים בדבר רע" מען טאר ניט ענדיגען מיט שלעכטעס. דערפאר וואו די חכמים זיינען געוועזען געצוואונגען צו ענדיגען ביי ניט קיין גוטעס, דארט שטייט שוין „סליק", הייסט עס דאס הייסט איזט די ענדע, אבער דער וואס לערנט די מסכתא טאר זיך דא ניט אבשטעלען און מוז גלייך זאגען „הדרן עלך", ער דארף איבער חזרן אדער גלייך אנהויבען איין אנדער מסכתא; אבער וואו זיי האבען געענדיגט מיט גוטעס. דארט שטייט שוין „נשלמה", הייסט עס שוין אין גאנצען פערטיג, ער מעג זיך דא אפשטעלען און דארף ניט גלייך אנהויבען איין אנדער מסכתא, איז ביי ענדע מסכתא ברכות ענדיגט זיך ניט מיט גוטעס, דארט שטייט „הפרו תורתך", זיי האבען צושטערט די תורה, דאס זעלבע אין פאה ענדיגט זיך מיט די ווארטען „מדליקין בבית האבל", מען צינדעט אן אין די הויז פון איין אבל, דארט שטייט שוין „סליק" (ענדע), מוז מען גלייך זאגען „הדרן עלך" אדער אנפאנגען איין אנדער מסכתא, און אין די ערטער וואו עס ענדיגט זיך מיט גוטעס שטייט „נשלמה" (ווי עס איזט פאראהער ערקלעהרט געווארען); אבער גאר די שפעטיגע האבען ניט פערשטאנען צו ליב וואס מען זאגט דעם „הדרן עלך" האט מען געשטעלט דעם הדרן ביי ענדע יעדער מסכתא, ווען אויך עס איזט ניט נויטיג (ספר תקנות ותפלות).

---

# סימן יח

מען דארף לייגען די חלה אויפ'ן טיש ערב שבת בעפאר מען שטעלט אוועק די ליכט אויפ'ן טיש.

ווייל ווען מען וועט אוועקשטעלען פאראהער לייכטער מיט די ליכט, וועט שוין ווערען דער טיש מיט די דעקע איין בסיס לדבר האסור, דאס הייסט אפוס צו די זאכע וועלכע איז דעם אידען אסור צו האלטען שבת, דאדורך

וועט מען שוין ניט טארען זאגאר דעם טיש זאגלייך די דעקע ריהרען פון ארט, דער פאר מוז מען פארהער ליינען די חלות אויפ'ן טיש און נאכהער די לייכטער מיט די ליכט (קיצור שו"ע סי' פ"ט).

## סימן יט

פאר וואס מען זאגט דעם פיוט „חד גדיא" נאך די הגדה?

דער תשב"ץ שרייבט דערויף א מיינונג נעמליך: דאס דער מחבר פון דעם „חד גדיא" האט עס אים פערפאסן גאר אומפערשטענדליך, אים יעדער זאל עס וועלען פערשטייט און וויסען די בעדייטונג פון דעם „פיוט", דער וויל וועט מען זאגען די הגדה און דער צייל'ען די וואונדער גאטעס, וועלכע גאט האט געטאן מיט אידען ווערענד זיי זיינען געווען אין מצרים.

## סימן כ

ווארום מאכען די כהנים ווען זיי דוכנ'ן פינף אוירים מיט זייערע פינגער?

דער טעם איז, וויל עס שטייט אין פסוק (שה"ש ב) „מציץ מן החרכים" ער קוקט פון די פענסטער, ה'—חרכים, הייסט עס פינף פענסטער, דער פאר מאכען זיי פינף אוירים.

דער שבלי הלקט שרייבט: דאס מאכען די פינגער אפען ווייזט דאס גאטעס פורכט איז אויף זיי דאן (טור ב"י סי' קכ"ח).

## סימן כא

ווארום ווען דער מענש רעדט דברים בטלים (פוסטע ווערטער) ווערט ער גאר ניט מיד און קיינע שווערינקייט שפירט ער דאן?

דער טעם איז, דאס פון דברים בטלים בעקומט דער מענש קיינע לעבהאפט, דען זיי זיינען גאר ניכט און קיינע נוטצען איז ביי זיי דא, אבער ווען יעמאנד בעשעפטיגט זיך אין תורה, דא קומט אלעבהאפט אויף אים, דער פון ווערט דער קערפער שווערער ווי ער איז פריהער געווען, אזוי ווי דער מענש נאך זיין עסען שפירט ער אגרויסע שווערינקייט, וויל דער לעבהאפט פון די שפייזע איזט אים צו געקומען (לקוטים יקרים).

# סימן כב

פאַר וואָס רופט מען עס „תפלה בצבור"?

דער טעם איז, ווייל עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא (כריתות ו) „כל תענית שאין בו מפושעי ישראל אינו תענית", און ביי די קטורת געפינען מיר דאָס אין די עלף סמני הקטורת האָט געמוזט זיין די „חלבנה" אויך, וועלכע זי איזט ניט געוועזען זאָ אַ איין אַנגינעהמע זאַך, דאָך אָבער צוזאַמען איז גיוועזען זייער אַנגענעהם; דאָס זעלבע „צבור" הייסט נור אז עס געפינען זיך אין איהם אַט די זעלבע ווי דער וואָרט „צבור" מאַכט: צדיקים, בינונים, ורשעים. און די תפלה פון צבור ווערט גיך אָנגענומען (שב"ר).

# סימן כג

פאַר וואָס האָבען די חז"ל געזאָגט אז מען טאָר ניט קאָכען פון יום טוב אויף שבת, נור ווען מען מאַכט איין ערוב תבשילין פאַר יום טוב?

דער טעם געפינט זיך אין ספר הזכיות נעמליך: אַזוי ווי שפייזע, האָט דאָך יעדע שפייזע איר געשמאַק (טעם). נור עס גיעבט אַ זעלכע שפייזע וועלכע זי פאָדערט דאָס מען זאָל איר פערמישען מיט נאָך אַ פערשידענע שפייזע, דאַן פערבעסערט זי די געשמאַק פון די שפייזע; אַזוי איז דאָס זעלבע ביי די מצות גאָטעס, יעדער מצוה האָט זיך איר הייליגקייט, און מען קען ניט פערמישען איין מצוה מיט די צווייטע מצוה, די הייליגקייט פון שבת איז בעזאָנדערס, און די הייליגקייט פון יום טוב איזט ווידער בעזאָנדערס, נאָר ווען עס בעגעגענען זיך צווייערליי זאָרטען הייליגקייט, יום טוב מיט שבת בייַנאַנד, (ד"ה פרייטיג איז אויך יום טוב) האָבען די חז"ל עס געפונען פיר נייטיג אז עס זאָל זיך ניט צומישען די הייליגקייט פון יום טוב מיט די הייליגקייט פו שבת דער מיט, וואָס מען זאָל פאַר יום טוב מאַכען איין „ערוב תבשילין", הייסט עס אַזוי ווי עס גיעבט אַזאַ זאָרט שפייזע וועלכע זי פאָדערט צו פערגרעסערען איר געשמאַק, אריין צו מישען אין איר אַ געשמאַק פון איין אַנדער שפייזע, דאָס זעלבע ווייזט אונז דער געמאַכטער „ערוב תבשילין" פון פאַר יום טוב, אז נור ווען די ביידע הייליגקייטען איז אונז שוין ערלויבט צו קאָכען פון יום טוב אויף שבת.

# סימן כד

דער מנהג איז נִיט צו טרינקען קיין שטוב וואסער אין די צייט ווען עס געפֿאלט די תקופה, אויסער געקאָכטע, אָדער ווען מען לייגט אין די וואסער אריין אשטיקעל אייזען.

דער טעם איז, ווייל דער יאהר איזט געטהיילט אויף פֿירטהייל, און אויף יעדען טהייל פֿונ׳ם יאהר, איז דערויף אויף גענומען איין שר אין הימעל, וועלכער זאל היטען די מענשען פֿון דער וועלט פֿון מזיקין, און די זעלבע ווילע וועלכע עס גידויערט פֿון איבערנעמען די שטעלע פֿון איין שר ביז דעם צווייטען שר, שטייט דאך די וועלט אָט אין דעם אויגען בליק אָן איין וואך, און די וואסער איזט דאן געפֿעהרליך וועלכער טרינקט זיי (כרם שלמה ליו״ד סי׳ קט״ז).

נאך אמיינונג גיעבט דאס: בלהה, רחל, זלפה, לאה (די פֿרויען יעקב׳ס) זיינען אויפגענומען אויף די פֿיער טהייל פֿונעם יאהר, דאס די וואסער זאָלען נִיט שאדען, איז די צייט פֿון איין תקופה ביז די צווייטע תקופה, איזט דאך נִיט דאָ ווער עס זאל היטען, קען דאך די קליינע ווילע פֿערשאדען די וואסער, לייגט מען אריין איין עטוואס אייזען דאס איז „ברזל״ און דער ווארט „ברזל״ מאכט: בלהה, רחל, זלפה, לאה, זיי אלע צוזאמען זייער זכות זאל עס בעשיצען אום עס זאל קיינעם נִיט שאדען די וואסער אין די צייט פֿון די תקופה (ראיתי בספר).

# סימן כה

פֿאר וואס לייגט מען עס א טישטוך אויפ׳ן טיש ווען מען עסט, און מען עסט נִיט אויפ׳ן הוילען טיש?

דער טעם איז, ווייל די (גמרא ב״ב נ״ז) זאגט: אז דער טיש פֿון איין תלמיד חכם ביי זיין עסען איזט צוויי דריטעל צו גערעקט וכו׳. ערקלעהרט דארט דער מהרש״א, דאס איין תלמיד חכם אזוי ווי ער איז קענטיג מיט זיינע קליידער (דאס עס געפֿינט זיך נִיט אויף זיי קיין שמוץ) אזוי איז ביים זיין עסען אויך מיט ריינטליכקייט, אָבער נִיט אזוי גיעבט עס ביי די עמי הארצים; דערפֿון איזט ארויס צו זעהן אז דער מנהג איז דאן געוועזען אז

מער נִיט ווי בּיַין עסען האָט מען דעם טיש גערעקט און אויך נִיט דעם גאַנצען טיש.

## סימן כו

וואָרום מאַכט מען די חלות פֿון ראש השנה אַזוי ווי פֿייגעלעך?

דער טעם איז, דאָס איז אָנגעוואונקען אויף'ן פסוק „וכצפרי מעפות כן יגן ה' עלינו", אַזוי ווי פֿליהענדע פֿאָגעלען, זאָ זאָל גאָט בּאַשיצען אויף אונז בּיַי דעם כסא הדין פֿון אַלע מקטריגים.

## סימן כז

וואָרום שמיני עצרת זאָגט מען „שמיני עצרת החג הזה", און מען זאָגט נִיט „חג שמיני עצרת הזה", ווי מען זאָגט „חג המצות הזה", „חג השבועות הזה"?

דער טעם איז אום צו בּעווייזען דאָס דער „שמיני עצרת" איז אַ בּעזונדערער יום טוב, ער גיהערט גאָר נִיט צום חג הסוכות, דער פֿאַר זאָגט מיר „שמיני עצרת החג הזה".

## סימן כח

פֿאַר וואָס זאָגט מען „ואתה קדוש" פורים און תשעה באב נאָך דעם לייענען די מגלה?

דער טעם איז, וויַיל מען זאָגט נִיט קדיש שלם נאָך פסוקים פֿון (כתובים: תהלים משלי איוב, חמש מגלות) דער פֿאַר זאָגט מען פֿאָרהער „ואתה קדוש" וועלכע דאָס איז פסוקים פֿון די נביאים.

## סימן כט

דער מנהג איז אויפֿרופֿען בּיַי איין סיום התורה איין ווינציגען מענשען אָבער נִיט איין איינפֿאַכען מענשען?

דער טעם איז, וויַיל גאָר פֿאַר צייַטען האָט דער עולה לתורה גיעמאַכט

אַברכה אויף די תורה נור דער ערשטער און דער וואָס האָט גיענדיגט (דער לעצטער), דער פֿאַר איז גיוועזן דער מנהג דאָס דער לעצטער זאָל זיין איין אדם חשיב דאָס ער זאָל האָבען פֿערדינט די ברכה האחרונה און נאָך ווען ביי איין סיום התורה (תוי״ט מגלה פ״ד).

# סימן ל

פֿאַר וואָס האלט מען צווי ציצית ווען מען זאָגט „ברוך שאמר״ ?

ווייל אין „ברוך שאמר״ איז דאָ דרייצעהן מאָל דער וואָרט „ברוך״, און אַ ברכה קען דאָך ניט זיין אָהן איין שם (יהוה), דער פֿאַר נעמט מען צווי ציצית וועלכע אין זיי איזט דאָ זעכצעהן פֿעדים און צען קניפּלעך, איז דאָס צוזאַמען זעכס און צוואַנציג, גענען דעם שם „הויה״ וועלכע זיין גימטריי איז אויך דאָס זעלבע.

# סימן לא

פֿיער מאָל אין יאָהר מאַכט מען ניט קיין קידוש אויף אַ כוס, נור ווען עס איז שוין גוט נאַכט, הייסט עס נאָך דעם ווי די שטערן בעווייזען זיך.

א) די ערשטע נאַכט פֿון שבועות, ווייל עס שטייט אין פסוק (ויקרא כ״ג) „שבע שבתות תמימות״ זיעבען גאַנצע וואָכען, איז ביז די שטערן אַרויסגאַנג גיהער נאָך אַלס צו די זיעבען וואָכען, און שבועות דאַרף זיין נאָך די זיעבען וואָכען.

ב) די ערשטע נאַכט סוכות, ווייל מען דאַרף דאָך מאַכען אַברכה „לישב בסוכה״ און „שהחיינו״ און ווען עס איז ניט גוט נאַכט קען מען די ברכות ניט מאַכען, ווידער די ברכה „לישב בסוכה״ מאַכט מען נור אויף די סעודה, און די סעודה מוז זיין נור ביי נאַכט.

ג) די נאַכט פֿון שמיני עצרת, ווייל ווען ער עסט פֿריער מוז ער דאָך מאַכען די ברכה „לישב בסוכה״, און שמיני עצרת איז ניט די צייט פֿון סוכות.

ד) פסח ביי נאַכט, ווייל מצה מוז מען עסען ווען גוט נאַכט, און די זעלבע פֿיער כוסות.

# סימן לב

פון וואנען איז דער מנהג דאס קינדער שפילען אין דריידלעך חנוכה?

ווייל דאן אין יענע צייט איז געוועזען א גזרה דאס מען זאל ניט לערנען קיין תורה. ווי מיר זאגען אין „על הנסים" „להשכיחם תורתך" זיי האבען געוואלט מאכען פארגעסען די תורה, און אין יענע צייט האט מע געלערענט דורך אויס אויסווייניג (בעל פה), און מען פלעגט דאן לערנען פיעל צו זאמען דאס פיליכט פערגעסט ווער, וועט דער צווייטער יעמאנד דערמאנען, דער פאר איזט אויך געווען די גזרה דאס קיין פערזאמלונגען זאל ניט זיין ביי אידען, איז די אידען וועלכע האבען געאפפערט זייער לעבען פאר די תורה הקדושה, האבען זיי זיך אויסגעפונען אזארט שפיעל די דריידעל, אום פילייכט בעהיטע נאט פאלט אן אויף זייער פערזאמלונג די טיראנען די מערדער וועלכע נאך זייער בלוט שפירען, וועלען זיי וויזען די דריידעל אט צו ליב דער שפיעל האבען זיי זיך דא פערזאמעלט, אט פון דאן אן איזט פערבליבען דעם שפיעל פון די דריידלעך ביי קינדער, צום אנדענקען דעם גרויסען נס וואס עס איז געוועזען דורך דעם דאס אידען האבען געקענט לערנען (בשם הרב בעהמ"ח ס' עבודת עבד וס' תפארת צבי ומביאו הרב זיון).

---

# סימן לג

פאר וואס ווען דער חזן זאגט אין שמו"ע מודים בייגען זיך דאס פאלק און זאגען מיט דעם מודים דרבנן?

דער טעם איז, ווייל אקנעכט קען ניט שיקען אדאנק, אלויב צו זיינעם הערען דורך א פרעמדען (שליח). ווארום דער שליח קען גאר אפלייקענען דו האסט מיר ניט געשיקט, ער מוז זעלבסט אליין געהן און דאנקען זיינעם הערען פיר אלע גוטעס, דאס זעלבע מיר אידען מוז יעדער איינציגער אויף זיך אננעמען דעם עול מלכות שמים, און ער איז ניט יוצא מיט דעם דאנק פון דעם חזן וועלכער גיט פאר אים; דאס איבעריגע בעדערפניש וועלכע געפינען זיך אין שמו"ע קען יא דער חזן אליין זאגען. און פאר וואס רופט מען אים „מודים דרבנן", ווייל אים האבען פיעלע חכמים מתקן געווען, ווי עס געפינט זיך אין די גמרא (סוכה מ'), (טור או"ח סי' קכ"ז).

---

## סימן לד

דער מנהג איז ווען ראש חודש פאלט שבת לייענט מען נים די הפטורה פון דעם זעלבען שבת נור פון ראש חודש „השמים כסאי" (ישעיה סו).

דער טעם איז, וויל ראש חודש איז דאך ניט אפט, אום צו מאכען היכר, דער פאר לייענט מען די הפטורה פון ראש חודש, און דאס זעלבע איז ביי שבת חנוכה וראש חודש לייענט מען אויך בעסער די הפטורה פון חנוכה (עי' לבוש סי' רכ"ב וט"ז שם).

## סימן לה

פאר וואס לייענט מען שבת צו מנחה?

דער טעם איז, וויל די געשעפטס'לייטע וועלכע די גאנצע וואך זיינען זיי פערנומען אין זייערע קליטען (קראמען) און קענען נים הערען די קריאת התורה פון מאנטאג און דאנערשטאג, דער פאר האט עזרא מתקן געווען פון זייערטוועגען צו לייענען שבת צו מנחה (בבא קמא פ"ב).

## סימן לו

פאר וואס טאר מען ניט עסען קיין מצה דעם גאנצען טאג ערב פסח?

וויל די מצוה פון מצה עסען איזט נור ביי נאכט און ווען יעמאנד עסט מצה ערב פסח און מעגליך צו זאט עסען, דאן קען ער קומען ניט עסען די מצה ווען די מצוה איזט (עי' לבוש סי' תע"א).

## סימן לז

דער מנהג איז פסח ביי נאכט צו די סדרים טונקט מען איין צוויי מאל, איין מאל אין זאלץ וואסער אדער אין עסיג, נאך אמאל די מרור אין חרוסת.

דאס איזט געגען די צוויי מאל וואס אידען האבען געשפריצט פון די בלוט פון קרבן פסח ווערענד זיי זיינען געווען אין מצרים, איין מאל אויפ'ן

אבערשוועל (בישקוף) און איין מאל איף די טהירפאָסטען (מזוזות) (ראיתי בספר).

# סימן לח

מען דעקט צו די בלוט פון איין חיה אָדער א עוף ווען מען קוילעט זיי.

א-מיינונג דערויף, ווען רבקה זיצענדיג איפ'ן קאמעל האט דעם ערש-טען מאל געזעהן יצחק'ן איז זי אראפגעפאלען, איז פון איהר פערלאָרען געוואָרען די בלוט פון איהרע יונגער-פרוישאפט, דערנאך האט יצחק פיר גע-האלטען דערויף דעם אליעזר, האט אליעזר געזאגט עס איז מעגליך דאס ווען זי איז אראפגעפאלען פון קאמעל האט דאס איהר געטראָפען, זיינען זיי ביידע געגאנגען צום זעלבען אָרט, האבען זיי דאן געפונען דאס חיות און עופות פערדעקען דאס בלוט פון איהר יונגער-פרוישאפט, אבער קיין בהמות זיינען דערביי ניט געוועזען; דער פאר דעקט מען צו נור די בלוט פון א חיה אָדער א עוף (רוקח).

# סימן לט

דער מנהג איז ווען פסח פאלט אום שבת זאגט מען ניט „מגן אבות".

דער טעם איז, ווייל פאר וואס זאגט מען אים שבת נור צוליב די אידען וועלכע געפינען אין די פעלדער, דאס גאט זאל זיי היטען פון אלע אומגליקען, אבער פסח ביי נאכט זיינען אלע אין שטוב, און ווידער די נאכט פון פסח רופט זיך „ליל שמורים" וועלכע זי איז געהיט פון אלע שעדליכקייט (מזיקים) (רדב"ז).

# סימן מ

דער מנהג איז ווען בעי-זשע גאט א מגפה איז א סגולה דער צו דאס מען זאל חתונה מאכען איין אָרעמע מיידעל מיט איין אָרעמען בחור און די חופה מאכט מען אויפן בית הקברות.

דער טעם איז, ווייל די מצוה פון צדקה און הכנסת כלה איז אזוי גרויס דאס מען פערדינט צוליב זיי אריכות ימים (הד"א זוטה פ"א) און נאך

מער צו מאַכען חתונה איין אָרומען יתום מיט איין אָרימע יתומה וועלכע פילע מצות איזט פערהאַנדען אין דעם, און אַלע מענשען פון שטאָט נעמט יעדער אַטהייל אין די מצוה, דער פּאר מאַכט מען די חופה אויפ'ן בית הקברות און מיט גרויס פּאַראַד מען שפּיעלט מען זינגט דער מיט אָפּשאַפּען די טרויערינקייט די זאָרגען וועלכע דאָס איז „בעהיימע גאָט" אין יענער צייט געפּעהרליך, אָבער ווען מען פערברייננגט אין פרייליכקייט אויף דעם טרויעריגען אָרט, ועט דאָס פאָלק מוטה בעקומען און קיין טאָרעס שרעק וועט שאָן אויף זיי ניט קומען (ראיתי בספר).

---

# סימן מא

דער מנהג צו עסען פורים א המן-טש.

דאָס איז צום אָנדענקען זאָ ווי המן-טש וועלכער איז אויפגעשטאַנען אויף אידען איז געוואָרען „תש כחו" שוואַך געוואָרען זיין מאַכט. און האָט ניט אויסגעפירט זיין וואונש, דאָס זעלבע וועט זיין אָט מיט די אַלע וועלכע פערלאַנגען שלעכטעס טאָן דעם אידען.

---

# סימן מב

דער מנהג איז שבת עסט מען „טשאָלענט" וועלכער ווערט פון ערב שבת געשטעלט?

דער טעם איז, עס געפינט זיך אין מדרש אויף דעם פסוק „ויברך אלהים את יום השביעי" זאָגט דערויף ר' יוסי דאָס גאָט האָט איהם געבענשט מיט מטעמים, דאָס הייסט די שבת'דיגע מאכלים זאָלען זיין שמאַקהאַפטיג, וואָרום ווען מען זאָל האַלטען אין די וואָכענדיגע טעג אין אויבען א תבשיל איבער אַכטצעהן שעה ווערט דאָס איבערגעפירט און פערלירט איהר געשמאַק, און אָפט קען זי שאַדען, אָבער שבת וויל עס רוהט אויף איהר די ברכה גאָטעס איזט זי זייער אַנגינעם און שמאַקהאַפטיג, און שאַדעט ניט, נור די וועלכע גלויבען אין גאָט און אין זיין הייליגע תורה, און דער פון איזט צו איבערצייגען ווי הייליג דער טאָג שבת איז.

---

# סימן מג

דער מנהג איז יום הכפורים צו מנחה ענדיגט מען די ברכות ההפטורה נור ביי די ברכה מגן דוד און מער ניט ?

וויל די הייליגע עבודה וועלכע עס האט געדארפט זיין דעם הייליגע טאג האט מען דאך שוין אפגיטאן, קען מען שוין ניט זאגען מעהר די ברכה „על התורה ועל העבודה" (רוקח).

# סימן מד

דער מנהג ווען מען געהט אריין אין א הויז וועלכער יעמאנד עסט דאן זאגט מען „ברוכים היושבים" געבענשט זאל זיין די וואס זיצען דא, ווען אויך ער איזט נור איינער.

דער טעם איז, וויל עס שטעהט אין פסוק כי מלאכיו יצוה לך לשמרך, זיצט דאך דא מיט איהם איין מלאך (מטה משה). און דער שבלי הלקט ברייננט, אז דאס איז גאר איין אלטער מנהג פון פארצייטען ווען דער פא־טער פונעם קינד בריינגט דעם קינד מל צו זיין פלעגט מען דאן זאגען „ברוכים היושבים".

# סימן מה

פאר וואס די תפלות פון ר"ה ויו"כ זאגט ניט דער קהל מיט'ן חזן גלייך ווי אין מחזור איז געדרוקט, צום ביישפיל ביי די תפלה „אתה הוא אלהינו בשמים ובארץ גבור ונערץ" זאגט דער חזן, און דער קהל ענטפערט „גב ונערץ, דגול מרבבה הוא שח ויהי" און זא ווייטער, אויך אין פיוט „אדירי איומה יאדירו בקול" זאגט דער קהל: "ה' מלך ברואי ברק יברכו בקול" און דער חזן זאגט איבער: „ברואי ברק וגו', דער קהל זאגט: „ה' מלך גבורי גובה יגבירו בקול", און דאס זעלבע ביי די איבעריגע תפלות. און ווארום זאגט מען ניט כסדר ווי אין מחזור איז געדרוקט ?

דער טעם איז, וויל די פייטנים וועלכע האבען פערפאסט די אלע פיוטים איז נאך דאן ניט געוועזען קיין דרוקעריי. האבען זיי געשריבען זייערע פיוטים נור אויף פאפיער אדער פערגאמענט, און מען האט דאס אוועקגע־

שוקט צו אַלע אידען, זיי זאָלען עס זאָגען, און דער איבערשרייבער האָט זיך דאַן געלאָזט גוט באַצאָלען, האָט קיינער ניט געהאַט די מעגליכקייט צו האָבען עס אָט די אַלע תפלות ופיוטים, נור איינער אָדער צוויי מחזורים מיט די פיוטים און תפלות האָט זיך געקענט געפינען ביי איין קהלה, וועלכע דאָס איז נור געווען פאַר'ן חזן זעלבסט. האָט דער חזן גיזאָגט און דער קהל האָט געשוויגען, און ווען דער חזן איז געקומען צו איין תפלה וועלכעס ענטהאלט אַ שיר ושבח צו גאָט, האָט דער חזן גיזאָגט אין דער הויך, און דאָס פאָלק האָט נור גיענטפערט איניגע ווארטען. דעם אינהאלט פונעם שיר, אָדער די ווארטען וועלכע זיי האָבען גיהערט פון חזן, אַזוי ווי די שירה וואָס אויפ'ן ים, האָט משה גיזאָגט: „אשירה לה׳ כי גאה גאה" און די אידען האָבען דאָס זעלבע איבערגעזאָגט. און דאַן אויך דער חזן האָט געזאָגט: „אתה הוא אלקינו בשמים ובארץ" האָט דער קהל גיענטפערט „בשמים ובארץ" און ווען דער חזן האָט גיזאָגט „גבור ונערץ דגול מרבבה". האָט דאַן דער קהל גיענטפערט „דגול מרבבה", און דאָס זעלבע ביי דעם פיוט „אדירי איומה". דער חזן האָט גיזאָגט „אדירי איומה יאדירו בקול ה׳ מלך", און דאָס קהל האָט גיענטפערט „ה׳ מלך" נור צוויי ווערטער, אויך ביי'ן פיוט האוחז ביד, האָט געזאָגט דער חזן „האוחז ביד מדת משפט" „וכל מאמינים שהוא אל אמונה", און דער קהל האָט נאָכהער געזאָגט „וכל מאמינים שהוא אל אמונה" ניט מעהר. נאָר ווען עס האָט זיך געפונען די דרוקערייַ און מחזורים איז שאָן געווען לייכט צו בעקומען, האָט שוין יעדערער גיהאַט אַ מחזור פיר זיך זעלבסט, ער האָט שוין געקאָנט זאָגען די אַלע פיוטים גאַנץ אַליין ניט וואַרטענדיג אויפ'ן חזן, דער פאַר האָבען זיי אָנגעהויבען פריער פאַר'ן חזן דעם חרוז שטילערהייד, און נאָכהער ווען דער חזן האָט איבערגעזאָגט האָבען זיי שוין געזאָגט ווייטער „בקול רם", און אַזוי איז געווען ביי דעם פיוט „אדירי איומה". „מלך עליון". „האוחז". דער קהל האָט גיזאָגט דעם ערשטען חרוז וואָס גיהער צום חזן שטילערהייט און נאָכהער האָט דער חזן איבערגעזאָגט און דער קהל האָט שוין ווייטער געזאָגט יעדער חרוז פריהער און בקול רם. אָט דערפון איז דאָס פערבליבען דער מנהג אַז דער קהל זאָגט פאָרהער. און דאָס וואָס מען רופט עס „תפלות" איז דאָס איין אירטהום, דאָס איז ניט קיין תפלות, נור „תהלות ותשבחות".

## סימן מו

פֿאַר וואָס פֿערענדיגען מיר אין קריאת שמע „ה' אלהיכם אמת"?

ווײַל די פרשה ציצית ענדיגט זיך מיט דעם פּסוק „אני ה' אלהיכם אשר הוצאתי אתכם מא־ץ מצרים", דערפֿאַר זאָגען מיר „ה' אלהיכם אמת", ווײַל די וואהרע גאָטהײַט האָט מען אַרויסגעוויזען נור אין מצרים, דורך די גרויסע וואונדערטהאַטען וועלכע גאָט האָט דאָן געטאָן מיט די אידען אין מצרים און די וואהרע גאָטהײַט איז פֿון דאָן אָן בעקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט (ספר מוסר התורה והיהדות).

## סימן מז

טעם ע"י התפלין שנחלקו בו רש"י ור"ת.

נשאלתי ע"ד התפלין שנחלקו רש"י ור"ת בענין הנחת הפרשיות, הלא היה להם לראות התפלין בדורם ופוק חזי כו', אכן באמת כי מצות תפלין היתה נהוגה בישראל בכל הזמנים וגם באלף הג' בזמן אריסטיאה נאמר כי אלעזר כ"ג הואיל לבאר לפני שלוחי תלמי המלך (230 לספה"נ) ענין תפלין ציצית ומזוזה (עי' מאור עינים בהדרת זקנים), וכתב הרמב"ם בפירושו על משניות מנחות פרק התכלת: ולא דברה המשנה בדיני הציצית והתפלין והמזוזה וענין מלאכתן והברכות שחייבים לברך עליהם וכל הענינים התלוים בהן, סבת זה בעיני לפי שהיו הדברים האלה מפירסמים בזמן חבור המשנה והיו ענינים ידועים ונהוגים ביד כל העם פרט וכלל, ואין ענין מהם נפלא משום אדם, וע"כ לא ראה לדבר בהם, כמו שלא הסדיר התפלה ר"ל הנוסחא איך יתנהג ש"ץ, לפי שהיה מפורסם וכו' עכ"ל. אמנם מצות תפלין היתה רפויה בזמנים שונים בכמה מקומות, ור"מ מקוצי בעל הסמ"ג היה דורש בגליות ישראל להוכיח על חיוב מצות תפלין, ובשנת תתקצ"ו (1236) היה בספרד והוכיחם ע"ז, ועשו תשובות גדולות וקבלו אלפים ורבבות מצות תפלין (סמ"ג עשין סי' ג) כי בין ההמון היתה רופפת המצוה הזאת, ולזאת אמרו: איזהו עם הארץ כל שאינו מניח תפלין (ברכות מ"ז), ובירושלמי ברכות מבאר הטעם מפני מה לא החזיקו במצות תפלין? מפני הרמאים כו' ר' שמעון בן אלעזר נותן טעם מדוע מצות תפלין מרופה בידם מפני שלא מסרו עצמן למיתה בימי הגזירות והרדיפות (שבת קל), הרפיון הזה בקיום המצוה היה גורם לחילוף

סדר פרשיות בבתי התפלין ונצמחה מזה מחלוקת רש"י ור"ת, וברור הוא שהחילוף הזה בא להם מרורות ראשונים ונתחדשה בזמנם של בעלי התוס׳ (עי׳ אוצ"י). *)

# מנהגי בית הכנסת יודיש דייטש.

א) ראש השנה ביי מעריב (ווען עס פאלט דאנערשטאג מאכט מען א ערוב תבשילין, און ווען עס פאלט שבת זאגט מען מזמור שיר ליום השבת, מגן אבות, המלך הקדוש אהנע במה מדליקין), זאגט מען תקעו, אין שמונה עשרה זאגט מען זכרנו, מי כמוך, המלך הקדוש, וכתוב, בספר חיים · אין אללע קדישים ביז יום כפור זאגט מען לעילא ולעילא. קדוש מיט שהחיינו. ביי שחרית אבינו מלכנו (ווען עס פאלט שבת זאגט מען ניט אבינו מלכנו), עס ווערדען צוויי ספרים אויסגעהאבען צום ערשטען ווערדען פינף (און ווען שבת זיבען) פערזאנען אויפגערופען, מען לייענט אין פ׳ וירא וה׳ פקד, און צום מפטיר ובחדש השביעי, הפטרה, ויהי איש אחד. פאר מוסף תקיעת שופר זאגט מען די ברכות לשמוע אונד שהחיינו, (שבת בלאזט מען קיין שופר), מען דוכנט, נאך מנחה ווירד תשליך געזאגט.

ב) אם צווייטען אווענד עבענפאלס קדוש מיט שהחיינו, מען לעגט אבער דעם חזן איינע נייע פרוכט פאר. אם צווייטען טאג שחרית אבינו מלכנו, צוויי ספרים ווערדען אויסגעהאבען צום ערסטען ווערדען פינף פערזאנען אויפגערופען. מען לייענט אין פ׳ וירא ויהי אחר הדברים אים צווייטען כמפטיר. הפטרה כה אמר ה׳ מצא חן, תקיעת שופר ווי אים

*) הערה. אולם בספר „פי הכם" להרב הגאון כו׳ ר׳ יצחק מוואלאזען ז"ל והוא תדושים על ס׳ בראשית, שמות, נמצא כזה"ל: איש אחד שאל להרב הגאון ר"ח מוואלאזען ע"ד התפלין של ר"ת, והשיב לו ששאל את רבו הגר"א ז"ל ע"ז, ואמר לו א"כ צריך אתה להניח י"ח זוגות של תפלין, ובתחלה לא הבין הדבר עד שבא לביתו וחפש בספרים ומצא כדברי הגאון ז"ל, ואלו הם הי"ח זוגות: א׳ של רש"י, ב׳ של ר"ת, ג׳ לפי דעת הרמב"ם, ד׳ לפי דעת הראב"ד, ה׳ לפי דעת השמושא רבא, וגם בענין הקשר של תפלין יש ג"כ מחלוקת בין הפוסקים ופורט שם כל הי"ח זוגות של תפלין, וסיים הגר"ח כאשר ראית זאת הנחתי התפלין של ר"ת במקום מוצנע על דעת שלא להניחם עוד, עכ"ל.

ערשטען טאָג, נור ווירד דעם בעל תוקע צו שהחיינו איינע נייע פרוכט פאָר-געלייגט, ביי מוסף ווירד געדרוקט.

ג) שבת שובה שחרית זאָגט מען יוצר, (איז אים בית הכנסת איין ברית מילה זאָגט מען אופן אונד גאולה פיר ברית מילה). מען לייענט האזינו הפטרה שובה ישראל. צו מנחה ווירד וזאת הברכה געלייענט, צדקתך צדק. צו מעריב אתה חוננתנו ויהי נועם, ואתה קדוש, ויתן לך, הבדלה מיט ליכט אונד בשמים. (ווען יו"כ אין וואָכעדיגע טעג זאָגט מען וי"נ וא"ק).

ד) צום גדליה זאָגט מען סליחות. מען לייענט פריה אונד אָווענד ויחל, אָווענד אָבער אויך הפטרה דרשו.

ה) ערב יום כפור זאָגט מען לך ה' הצדקה בין שומע תפלה, צוויי סליחות, פזמון, זכור ביז והארץ אזכור די וידוי נור איינמאָל, קיין תחנון בסליחות אונד אויך ניכט נאָך שמונה עשרה, ניכט מזמור לתודה אונד ניכט למנצח יענך, און ניט אבינו מלכנו. (אָבער ווען יום כפור שבת פאַלט זאָגט מען יא אבינו מלכנו), צו מנחה זאָגט מען נאָך שמונה עשרה די וידוי אונד על חטא, אָבער דער פאָרבעטער ווידער-האָלט דיזעם ניכט.

ו) אָבענד ציהעט מען די שוהע אויס, לעגט דעם טלית אָן און בעזינגט כ ל נ ד ר י פון איינטריט דער נאַכט, זאָגט שהחיינו, (ווען עס פאַלט שבת זאָגט מען מזמור שיר ליום השבת, נאָך שמונה עשרה זאָגט מען ויכלו, מגן אבות מיט המלך הקדוש, אבינו מלכנו ווירד ניכט געזאָגט אויך ניכט צו שחרית).

ז) י ו ם כ פ ו ר: מען העבט צוויי ספרים אויס, צום ערשטען ספר רופט מען זעקס פערזאָנען (שבת זיעבען) אויף, אונד לייענט אחרי מות, אים צווייטען ספר לייענט מען מפטיר, הפטרה: ואמר סולו סולו, אום שבת יקום פורקן, הזכרת נשמות, אב הרחמים (אים פאַל איינע ברית מילה, פינדעט דיזע נאָך אשרי פאָר דעם איינהעבען שטאטט). פאָר מנחה לייענט מען אין אחרי מות פ' עריות, הפטרה פאָן יונה, ויהי דבר ה'. צו נעילה ווירד אבינו מלכנו מיט חתמנו שטאַט כתבנו געזאָגט. מעריב מיט אתה חוננתנו, קיין ויהי נועם וא"ק נור ויתן לך, הבדלה מיט ליכט אונד בשמים.

ח) פאָן יום כפור ביז נאָך סוכות ווירד קיין תחנון געזאָגט אויך ניכט יהי רצון נאָך קה"ת אָבער אל ארך אפים אונד למנצח ווירד געזאָגט.

ט) ערב סוכות (ווען עס פאַלט דאָנערשטאָג יום טוב מאַכט מען ערוב תבשילין), מען זאָגט מעריבית קדוש מיט שהחיינו, צו שחרית יוצר, ווירד לולב געבענשט מיט שהחיינו, (שבת ווירד ניכט גיבענשט) גאַנץ הלל, אין בכוך, יי יי. מען העבט צוויי ספרים אויס רופט צום ערשטען פינף פערזאָנען

(אום שבת זיעבען) אויף אונד לייענט שור או כשב, אים צווייטען מפטיר אין פ׳ פנחס ובחמשה עשר יום, הפטרה: הנה יום בא, צו מוסף ווירד געדוכנט, דאן ווירד איין ספר תורה אויסגעהאבען אונד הושענא למען אמתך (אום שבת אום נצורה) געזאגט.

י) אם צווייטען אוענד: מעריבית לליל ב׳, קדוש מיט שהחיינו. אם צווייטען טאג סוכות זאגט מאן יוצר, מאן בענשט לולב אהנע שהחיינו (ווען דער ערשטער טאג איז שבת זאגט מען יא שהחיינו). זאגט גאנץ הלל, אין כמוך, יי יי. מען נעהמט צוויי ספרים אויס, און מען לייענט ווי אים ערסטען טאג. הפטרה ויקהלו שלמה, ביי מוסף ווירד געדוכנט. נאך מוסף נעהמט מען ווידער איין ספר תורה אויס אונד זאגט הושענא אבן שתיה. (ווען דער ערשטער טאג איז שבת זאגט מען דאן דעם צווייטען טאג למען אמתך).

יא) שבת חול המועד מעריב פאן שבת. ויכלו, מגן אבות, במה מדליקין, שחרית יוצר פון שבת חוה״מ, גאנץ הלל אהנע לולב, קדיש תתקבל, קהלת, קדיש יתום, אין כמוך. מען נעמט אויס צוויי ספרים, צום ערשטען ספר ווערדען זיעבען פערזאנען אויפגערופע, אונד מען לייענט אין פ׳ כי תשא ראה אתה אומר אלי, אים צווייטען מפטיר אין פ׳ פנחס, ווען ער איז דער ערשטער טאג חול המועד לייענט מען וביום השני וביום השלישי, ווען ער איז דער דריטער טאג חול המועד לייענט מען וביום הרביעי וביום החמישי, ווען ער איז דער פירטער טאג חול המועד לייענט מען וביום החמישי וביום הששי. הפטרה ויהי ביום בא גוג, ברכה על יום השבת הזה ועל יום חג הסוכות הזה אונד מקדש השבת וישראל והזמנים. נאך מוסף איזט נור פתיחת הארון, איין ספר ווירד ניכט אויסגעהאבען. מען זאגט די הושענא אום נצורה. צו מנחה ווערט וזאת הברכה געלייענט, קיין צ״צ. מוצאי שבת זאגט מען קיין ויהי נעם וא״ק נור ויתן לך. הבדלה מיט ליכט און בשמים.

יב) חול המועד ווערט טעגליך גאנץ הלל געזאגט נאך ברכת לולב, די תפלין ווירד אב געלייגט פאר הלל. מען נעמט איין ספר תורה אויס און מען רופט פיער פערזאנען אויף איז פאלגענדער ארדנונג: דעם ערשטען טאג חול המועד, כהן וביום השני, לוי ביום השלישי, ישראל וביום הרביעי, רביעי וביום השני וביום השלישי. דעם צווייטען טאג חול המועד: כהן וביום השלישי, לוי וביום הרביעי, ישראל וביום החמישי, אונד רביעי וביום השלישי וביום הרביעי. דער דריטער טאג חול המועד: כהן וביום הרביעי, לוי וביום החמישי, ישראל וביום הששי, און רביעי וביום הרביעי וביום החמישי. דער פירטער טאג: כהן וביום החמישי, לוי וביום הששי, ישראל וביום השביעי, אונד רביעי וביום החמישי וביום הששי,

נאך דעם לייענען זאגט מען אשרי ובא לציון, חצי קדיש, מוסף פאן יום טוב אבער וואלען קרושה. דאן ווירד איין ספר תורה אויסגעהאבען אונד הושענא געזאגט נאך ארדנונג, ווי אבען איזט ערקלערט. די תפילין לעגט מען אב פאר הלל.

יג) הושענא רבה בעט מען מיט ניגון פון ראש השנה אונד אים קיטעל, נאך מזמור לתודה ווערדען די מזמורים פון יום טוב געזאגט אבער אהנע נשמת כל חי, מען זאגט על נטילת לולב, גאנץ הלל, העבט איין ספר תורה אוים, זאגט שמע ישראל, אחד, גדלו, על הכל, ויעזור ויגן, פיער פערזאנען ווערדען אויפגערופען, פיר כהן לייענט מען וביום החמישי, לוי וביום הששי, ישראל וביום השביעי, אונד רביעי וביום הששי וביום השביעי. מוסף פון יום טוב. קדושה נעריצך מיט אדיר אדירני. עס ווערדען דאן אלע ספרי תורה אוים דעם ארון הקודש העראויסגענומען און מען מאכט זיעבען הקפות ארום די בימה מיט די אתרוגים אונד לולבים. אונד זאגט די הושענות (אים פאללע איין ברית מילה זאגט מען זכור ברית אברהם פאר אנא הבט לברית). אין כאלהינו, עלינו.

יד) שמיני עצרת (ווען עס פאלט אום שבת מאכט מען פאר מעריב איין ערוב תבשילין) מערבית. (אום שבת מזמור שיר ליום השבת, ויכולו, מגן אבות, קדוש מיט שהחיינו). צו שחרית יוצר, גאנץ הלל. ק״ת, מען העבט צוויי ספרים אוים, צום ערשטען ווערדען פינף פערזאנען אויפגערופען, (אום שבת זיעבען), מען לייענט אין פ׳ ראה עשר תעשר. אין צווייטען ספר מפטיר ביום השמיני עצרת, הפטרה ויהי ככלות שלמה. מען איזט מזכיר נשמות, מען זאגט אב הרחמים. פאר מוסף רופט דער שמש „משיב הרוח" אוים, עס ווירד גשם געבענשט, נאכהער געדוכנט.

טו) שמחת תורה אבענדס זאגט מען מערבית, נאך תפלת ערבית זאגט מען אתה הראית לדעת, מען נעמט אלע ספרי תורה אוים אונד מאכט די הקפות. די ספרים ווערדען צוריקגעשטעלט, ביז נור איינע, דער חזן זאגט שמע ישראל, אחד, גדלו, אין דעם ספר ווירד אויפגעמישט וואס מען שמחת תורה לייענען ווירד, מען זינגט על הכל, שישו ושמחו, אונד שטעלט די ספר תורה צוריק. מען זאגט קדוש מיט שהחיינו. עלינו. ביי שחרית זאגט מען פאר נשמת דען פיוט נשמת מלומדי מורשה, ביי שחרית איזט דוכן אבער אהנע ותערב, נאך שמונה עשרה גאנץ הלל, מען מאכט אבערמאלס די הקפות מיט אלע ספרי תורה, זאגט שמע ישראל, אחד, גדלו, על הכל, לייענט אין דריי ספרי תורה, אים ערסטען וזאת הברכה. און רופט אלע אנוועזענדען אויף, ביי מעונה אלהי קדם דען חתן תורה ביז סוף התורה, אים צווייטען ספר בראשית ביז לעשות חתן בראשית, צום דריטען ספר תורה דען מפטיר.

ביום השמיני עצרה. הפטרה ויהי אחרי מות משה. בײַ מוסף איזט קײַן דוכן. אין כאלהינו, עלינו, ווען שמחת תורה פאלט פרײַטאג, זאגט מען נאך מנחה לכו נרננה. לכה דודי מיט וועגלאססונג פון התנערי. מעריב פון שבת. במה מדליקין ווירד ניכט געזאגט. שחרית זאגט מען יוצר (אים פאלע איינעם ברית מילה זאגט מען אופן, זולת אונד גאולה אן מילה). מען לייענט פ׳ בראשית בענשט ראש חדש, צו מנחה קײַן צדקתך צדק. מען פאנגט אן ברכי נפשי צו זאגען. יום כפור קטן בלײַבט וועג.

טז) יעדען ראש חדש זאגט מען שאן אבענד בעפאר קײַן תחנון. יעלה ויבא. מארגענס זאגט מען האלב הלל. קדיש תתקבל. מען נעמט איין ספר תורה אוים, לייענט אין פ׳ פנחס דעם כהן צו את בני ישראל ביז עולת התמיד, לוי פון ואמרת ביז רביעית ההין. ישראל, עולת תמיד ביז ונסכה, רביעי. ובראשי ביז עשה ונסכו. חצי קדיש נאך דעם אײַנהײַבען די תורה. אשרי, קײַן למנצח יענך, ובא לציון, מען לעגט די תפילין אב. מוסף פון ראש חדש, שיר של יום, ברכי נפשי אנשטאט שיר מזמור לאסף. דאס איזט דער סדר פיר יעדען ראש חדש.

יז) ווען שבת איז אויך ראש חודש, יוצר, האלב הלל, קדיש תתקבל. אין כמוך, מען נעמט צווײַ ספרי תורה אוים, אים ערסטען ספר תורה לײַענט מען די וואך סדרה, אים צווײַטען ספר תורה מפטיר וביום השבת ובראשי חדשיכם הפטרה: כה אמר ה׳ השמים כסאי, קײַן אב הרחמים. מוסף פון שבת ראש חודש. צו מנחה קײַן צ״צ.

יח) דעם שבת וואס מען בענשט שני וחמישי ושני אים פאללע איינעם ברית מילה לעסט מען דאס בה״ב בענשען פיר מנחה, מאנטאג דאנערשטאג אונד מאנטאג זאגט מען סליחות אונד לייענט צו מנחה ויחל אבער נור פאללם צעהן פאסטענדע אים בית הכנסת זינד. שבת פ׳ וירא, אהבה, שננו, לשונם.

יט) דעם פינף אונ צוואנציגטען טאג אין כסלו איז חנוכה, ערב חנוכה נאך מנחה צינדעט מען חנוכה ליכט אן נאכדעם מאן די ברכות להדליק נר, שעשה נסים אונד שהחיינו געזאגט האט. די ליכטער לאסט מען ברענגען ביז נאך מעריב און צינדעט זי ווידער פאר שחרית אן. גאנץ חנוכה זאגט מען ניכט תחנון למנצח און קײַן יהי רצון נאך קה״ת, אבער שיר מזמור לאסף ווירד געזאגט, אין יעדע תפלת שמונה עשרה ווירד על הנסים געזאגט. אין שחרית אלע אכט טאגע גאנץ הלל. מען לייענט אין פ׳ נשא פיר דרײַ אויפגערופענע. אם ערסטען טאג לייענט מען כהן: ויהי ביום כלות משה ביז חנוכת המזבח, לוי, ויהי המקריב ביז מלאה קטורת, ישראל: ביז נחשון בן

עמינדב, און זא טעגליך איין נשיא פיר כהן אונד לוי, פיר ישראל דען נעכסטען נשיא.

כ) פריימאג אבענד צינדעט מען צו הויזע ערסט חנוכה ליכט אונד דאן די שבת ליכטער אן, פ׳ מקץ שבת חנוכה, שחרית זאגט מען יוצר פון שבת חנוכה, גאנץ הלל, מען הויבט צוויי ספרים אויס, לייענט אים ערסטען פ׳ מקץ און אין צווייטען ספר תורה מפטיר אין פ׳ נשא, הפטרה רני ושמחי. צו מנחה קיין צדקתך צדק. מוצאי שבת צינדעט מען חנוכה ליכט נאך ויהי נעם ואתה קדוש, פאר ויתן לך אונד הבדלה. צו הויזע ערסט הבדלה דאן חנוכה ליכט. ראש חודש שבט ווירד צוויי ספרי תורה גענומען, אם ערסטען כהן, לוי און ישראל פון צו ביז יעשה ונסכו, אין צווייטען ספר דעם נשיא. זאת חנוכה כהן ולוי ביום השמיני, ישראל ביום החמישי ביז כן עשה את המנורה.

כא) עשרה בטבת תענית זאגט מען סליחות, דער חזן זאגט עננו, און מען לייענט ויחל, אבענד ווירד נאך ויחל ד׳ הפטרה דרשו גלייענט, שים שלום, ברכת כהנים.

כב) פ׳ בשלח שבת שירה, גאולה יום ליבשה. חמשה עשר בשבט קיין תחנון אויך צו מנחה פארהער.

כג) שבת שקלים, יוצר, (אים פאללע איינער ברית מילה אן איינעם שבת דער ארבע פרשיות זאגט מען אופן אונד גאולה פון ברית מילה און די איבריגען פיוטים דעם בעטרעפענדען שבת). מען העבט צוויי ספרים אויס און לייענט אים ערשטען די וואך סדרה און אים צווייטען ספר מפטיר: כי תשא ביז לכפר על נפשותיכם. הפטרה בן שבע שנים.

כד) פ׳ זכור יוצר, מען העבט צוויי ספרים אויס, לייענט אים ערסטען די וואך סדרה אונד צווייטען מפטיר אין פ׳ כי תצא זכור את אשר עשה לך עמלק, הפטרה כה אמר ה׳ פקרתי.

כה) תענית אסתר, זאגט מען סליחות, דער פארבעטער זאגט עננו פאר רפאנו, מען לייענט ויחל, צו מנחה גיבט מען דריי מינצען אלס מחצית השקל, מען לייענט ווידער ויחל אבער מיט הפטרה דרשו ה׳ בהמצאו, ברכת כהנים, שים שלום. אין מעריב געבעט זאגט מען על הנסים, דאן קדיש מיט תתקבל. דריי ברכות על מקרא מגילה, שעשה נסים, אונד שהחיינו, מען לייענט די מגילה, נאכהער הרב את ריבנו, אשר הניא, שושנת יעקב, ואתה קדוש, קדיש שלם אהנע תתקבל, עלינו. צו שחרית, מאורה, קרובץ, מען לייענט ויבא עמלק פאר דריי אויפגערופענע, נאך דעם איינהעבען זאגט דער קורא ווידער דריי ברכות אונד לייענט די מגילה. דאן הרב את ריבנו, שושנת יעקב, ווא מען קיין קרובץ זאגט, ווירד אשר הניא געזאגט.

די תפילין ווערדען נאך דער מגילה אבגעלעגט. מען זאגט אשרי ובא לציון אהנע למנצח יענך, עלינו, שיר של יום אונד שיר מזמור לאסף. שושן פורים זאגט מען קיין תחנון, קיין למנצח יענך.

כו) פ׳ פרה, מען זאגט יוצר, צוויי ספרים ווערדען אויסגעהאבען, אים ערסטען ליינט מען די וואך סדרה אונד אים צווייטען לייענט מען כפטיר פ׳ חקת פון אנפאנג ביז עד הערב. הפטרה ויהי דבר ה׳.

כז) פ׳ החדש מען העבט צוויי ספרים אויס אונד לייענט אים ערסטען די וואך סדרה, האלב קדיש, אים צווייטען מפטיר אין פ׳ בא החדש הזה, הפטרה כל העם.

כח) שבת הגדול, יוצר, נאך מנחה זאגט מען די הגדה פון עבדים היינו ביז לכפר על כל עונותינו. דען גאנצען מאנאט ניסן ווירד קיין תחנון געזאגט, אויך ניכט יהי רצון נאך קריאת התורה אונד שבת ניכט אב הרחמים, צדקתך צדק, אויך קיין שיר מזמור לאסף אבער אא״א און למנצח ווירד געזאגט.

כט) ערב פסח קיין מזמור לתודה קיין למנצח. די פאסטענדע בכורים זאגען אבענד אין מנחה עננו. (ווען פסח דאנערשטאג פרייטאג, צו מנחה מאכט מען איין ערוב תבשילין, און ווען שבת פאלט מען זאגט לכו נרננה לכה דודי, צו מעריב קיין מערבית זאנדערן ויכלו, קיין מגן אבות, קיין במה מדליקין. אין דען צוויי ערסטען פסח אבענדען ווירד אים טעמפעל קיין קדוש געמאכט. שחרית זאגט מען יוצר, גאנץ הלל, אין כמוך, העבט צוויי ספרים אויס, לייענט אים ערשטען פינף פערזאנען (ווען שבת זיעבען) אויפגערופען אין פ׳ בא משכו וקחו ביז על צבאותיכם. אים צווייטען ספר תורה מפטיר ובחדש הראשון הפטרה: ויאמר יהושע (שבת יקום פורקן) אשרי, יהללו. ביי מוסף ווירד טל געבענשט, דוכן. (ווען שבת איזט, צו מנחה לייענט מען די פרשה פון די קאָמענדינע וואך). דען צווייטען טאג פסח אבענד זאגט מען ווידער מערבית פאם צווייטען אבענד פסח אור יום הניף. מען בעגינט ספירה צו צעהלען, צו שחרית יוצר, גאנץ הלל, צוויי ספרים ווערדען אויסגעהאבען, אים ערשטען לייענט מען שור או כשב פינף פערזאנען ווערדען אויפגערופען אים צווייטען ספר תורה מפטיר ווי געסטערן, הפטרה וישלח המלך, מוסף דוכנן. מנחה פון יום טוב, מוצאי יום טוב, זאגט מען אתה חוננתנו מען זאגט ותן ברכה. הבדלה אהנע ליכט אונד אהנע בשמים.

ל) אלע פאלגענדע טאגע חוה״מ ווירד מזמור לתודה ניכט געזאגט, טעגליך האלב הלל, צוויי ספרים, דעם ערשטען טאג חוה״מ לייענט מען קדש לי כל בכור, דעם צווייטען טאג אם כסף תלוה, דעם דריטען טאג פסל לך, דעם פיערטען טאג וידבר (פסח שני), אים צווייטען ספר לייענט מען והקרבתם. די תפילין ווערדען אם ערסטען טאגע נאך דעם ערסטען ספר תורה אן דען

פאלגענדען פאר קריאת התורה אבגעלייענט). (שבת חול המועד ווירד געלייענט שיר השירים, ראה אתה אומר אלי אין פ' משפטים, און מפטיר והקרבתם). שביעי של פסח (ווען שבת מאכט מען צו מנחה פארהער איין ערוב הבשילין מען איזט מקבל שבת, קיין מערבית, נור ויכולו, מגן אבות, קיין במה מדליקין) מערבית, קדוש אהנע שהחיינו, ספירת עומר, שחרית יוצר, האלב הלל, אין כמוך, צוויי ספרי תורה ווערדען אויסגעהאבען צום ערסטען ווערדען פינף פערזאנען אויפגערופען (שבת זיעבען), מען לייענט פ' בשלח ביז רופאך. אים צווייטען מפטיר והקרבתם, הפטרה וידבר דוד, צו מוסף דוכנן. צו מעריב אחרון של פסח (ווען שבת פאלט איזט מען מקבל שבת קיין מעריבית, נור ויכולו, מגן אבות, קיין במה מדליקין) קדוש אהנע שהחיינו, ספירת עומר. עלינו. צו שחרית יוצר, זאגט האלב הלל, (ווען שבת שיר השירים) צוויי ספרים ווערדען אויסגעהאבען, אים ערשטען לייענט מען פאר פינף פערזאנען כל הבכור (שבת זיעבען עשר תעשר), אונד אים צווייטען מפטיר והקרבתם, הפטרה: עוד היום בנוב. (ווען שבת יקום פורקן), מזכיר נשמות, אב הרחמים. צו מוסף קיין דוכן. (ווען שבת צו מנחה לייענט מען די פרשה פאן קומענדע וואך) מוצאי יו"ט אתה חוננתנו. ויהי נועם ואתה קדוש. ספירת עומר, ויתן לך, הבדלה אהנע ליכט אהנע בשמים. אסרו חג מען זאגט למנצח. אן דען שבתות צווישען פסח אונד שבועות ווירד יוצר געזאגט. אב הרחמים.

לא) דעם ערסטען שבת נאך פסח פאנגט מען אן זאגען פרקי אבות אונד זאגען ביז שבת פאר ראש השנה.

לב) תענית חמישי ושני. סליחות איזט דער מנהג ווי אבען נאך סכות אבגעגעבען.

לג) ל"ג בעומר זאגט מען שוין צו מנחה פארהער קיין תחנון.

לד) פאן ר"ח סיון ביז נאך אסרו חג זאגט מען קיין תחנון, קיין יה"ר נאך קה"ת וואהל אבער אל ארך אפים אונד למנצח יענך.

לה) שבועות זאגט מען מערבית, קדוש, יין, זמן (ווען מוצאי שבת יין, קדוש, נר, הבדלה, זמן) צו שחרית יוצר, גאנץ הלל, קדיש תתקבל, אין כמוך, מען העבט צוויי ספרים אוים, אונד זינגט אקדמות רופט פינף פערזאנען אויף, לייענט אים ערשטען בחדש השלישי, אים צווייטען ספר תורה לייענט מען מפטיר וביום הבכורים, הפטרה ויהי בשלושים שנה. צו מוסף איזט דוכן. אם צווייטען אבענד זאגט מען מערבית קדוש מיט שהחיינו. צו שחרית יוצר, גאנץ הלל, קדיש תתקבל, רות, קדיש יתום, אין כמוך. מען הייבט צוויי ספרים אוים, אים ערשטען רופט מען פינף פערזאנען אויף

אונד לייענט כל הבכור, אונד אים צווייטער מפטיר ווי געסטערן, יציב פתגם, הפטרה תפלה לחבקוק, מען איזט מזכיר נשמות אונד מען זאגט אב הרחמים, צו מוסף דוכן.

לו) מוצאי יום טוב זאגט מען אתה חוננתנו, הבדלה אהנע ליכט אונד אהנע בשמים. אסרו חג זאגט מען קיין תחנון וואהל אבער למנצח יענך. פ׳ נשא יוצר אהבה אונד זולת, פרשת בהעלותך זאגט מען מאורה. פ׳ שלח לך זאגט מען אהבה, שש מאות.

לז) תענית שבעה עשר בתמוז זאגט מען סליחות. דער פארבעטער זאגט עננו צווישען גואל אונד רופא. מען לייענט ויחל מארגענס אונד אבענדס, צו מנחה ווירד נאך ויחל די הפטרה דרשו געזאגט. אין שמונה עשרה עננו. ברכת כהנים אונד שים שלום. מען זאגט אב הרחמים אין אלע דריי שבתות צווישען שבעה עשר בתמוז אונד תשעה באב.

לח) שבת חזון מען זאגט אב הרחמים. (ווען שבת תשעה באב צו מנחה ווירד פרק ניכט געזאגט). תשעה באב אבענד ענטפערנט מען דאס פרוכת פאם אה״ק, נאך ברכו ציהעט די שוהע אוים, זאגט והוא רחום מיט אשטילע שטימע. אין שמונה עשרה (מוצאי ש״ק אתה חוננתנו) גאנץ קדיש. מען לייענט מגלת איכה אויף דער ערדע זיצענדיג. זאגט בליל זה יבכיון, שומרון קול תתן, תרחם ציון, ואתה קדוש, קדיש אהנע תתקבל. (מוצאי ש״ק קיין הבדלה זאנדערן ביים אנבליק איינעם ליכטעס זאגט מען בורא מאורי האש). עלינו. שחרית אהנע טלית אונד אהנע תפילין, דער חזן זאגט עננו צווישען גואל אונד רופא, קיין ברכת כהנים קיין תחנון, מען לייענט אין פ׳ ואתחנן כי תוליד בנים, הפטרה אסוף אסיפם, נאך דעם איינהעבען זאגט מען די קינות וציונים אויף די ערדע זיצענד. אשרי ובא לציון, דער פסוק „ואני זאת בריתי״ ווירד ווענגעלאסען. צו מנחה ציהעט מען טלית אונד תפלין אן, זאגט שיר של יום, מזמור שיר חנוכת הבית, לייענט ויחל, הפטרה דרשו, דער שליח צבור זאגט עננו צווישען גואל ישראל אונד רפאנו, נחם, ברכת כהנים אונד שים שלום. (נאך מעריב מאכט מען הבדלה איבער ויין, אהנע ליכט און בשמים ווען תשעה באב זאנטאג). חמשה עשר באב, ווירד קיין תחנון געזאגט אויך אבענד פארהער.

לט) שבת נחמו, יוצר, הפטרה נחמו נחמו עמי. פרשה עקב, אהבה, „דיד עליון.

מ) פונעם צווייטען טאג ראש חודש אלול ביז ערב ר״ה בלאזט מען טעגליך נאך שחרית שופר. מען זאגט לדוד ה׳ אורי וישעי ביז הושענא רבה.

מא) דעם שבת פאר ראש השנה מוצאי שבת קודש שטעהט מען פריה אויף צו סליחות. מוצאי שבת קודש קיין ויהי נועם ואתה קדוש.

מב) ערב ראש השנה זכור ברית, תחנון ווירד נור צו סליחות אבער ניכט צו שחרית געזאגט. מען זאגט למנצח. בלאזט ניט שופר. עס איזט געבראייכליך זיך פאר יום טוב טובל צו זיין. (ווען ראש השנה דאנערשטאג פאלט מאכט מען צו מנחה איין ערוב תבשילין).

---

## אום ניכט צו לאזען ליידיגע פאפיער שרייב איך דיעזע ווערטער.

פיעלע פרייע פוסטע פילאזאפען פראגען מיר: ווי זא האבען זיך ערלויבט די חכמי התלמיד שווינדעל און בעטרוג צו מאכען נעגען גאטעס מצות, צב"ש: מכירת חמץ (חמץ פערקיפען), א היתר עסקא מען זאל מעגען פראצענט נעהמען, א פרוזבול (דאקומענט פאר דעם געריכט אום די שולדען איינצופאדערן) וואס הלל האט מתקן געוועזן א. ז. ג. אבער די אונוויסענדע וויסען ניט אז מיר געפינען אין נביאים ראשונים (שופטים כא) ביי פילגש בגבעה אז נאכהער ווי די שבטים (שטאמע) האבען געשווארען ביי גאט ניט צו געבען קיין פרויען פון זייערע טעכטער צו דעם שבט (שטאם) בנימין, האבען זיי נאך דער שבועה חרטה (בערייעט) געהאט, האבען זיי דאמאלס געפונען א עצה א איינפאל דערצו, דאס ווען די טעכטער פון שילה וועלען ארויסגעהן טאנצען זאל דער שבט בנימין חאפען מיידלעך פאר פרויען, זעהען מיר פון די געשיכטע אז ניט די חכמי התלמוד האבען אויסגעטראכט תחבולות און עצות אויסצובעסרן פיר דאס פאלק, און וויל די האלב געבאקענע פילאזאפען פערשטייען ניט ריכטיג אונזער הייליגען רעליגיאן, געפינען זיי פראגעס איבער פראגעס, אונד זא בלייבען זיי אהנע רעליגיאן און אן פילאזאפיע (עי' רבינו סעדיה גאון בהקדמתו לס' האמונות והדעות)